STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01773

KUNTRES BYALE-POSHET

Leibl Kupershmid

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קונטרס ביאַלע־פּשוט

☆

ל י י ב ל   ק ו פ ע ר ש מ י ד

קונטרס ביאלע-פשוט

(ביאַלע־ראַווסקע)

לייבל קופערשמיד

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ו — 1976

KONTRES BIALE POSHET
(B I A L A R A W S K A)
Viderkol fun antshvigene

LEIBL KUPERSHMID

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, Israel

Printed in Israel 1976

©

קונטרס ביאַלע־פּשוט
(ביאַלע־ראַווסקע)
לייבל קופּערשמיד

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח' אלנבי 31
נדפס בישראל תשל"ו

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

ווידערקול פון אנטשוויגענע

די עלטערן און ברידער פון מחבר

אל מלא רחמים

האַר פון אַלע וועלטן
און פון דיין יצירה
זינגענדיקע און שטומע:
די דומם גליווערדיקע
און אייביק־וואָגלענדיקע גייער,
גיס אויס אויף פוילנס אומה־טומאה׳ן
דיין געלייטערט צאָרן־פייער.

מיינע משה׳לעך, פערעלעך און פייגעלעך,
מיר פאַר אייערע אויסגעלאָשענע אייגעלעך.
מיינע בערישלעך, מינדעלעך און שיינדעלעך,
מיר פאַר אייערע אויסגעברענטע ביינדעלעך.

ווי זיי האָבן דאָס מיט זייערע בלאָע און שוואַרצע אַפּלען
דיין וואונדערלעכן אל פאַרהללט,
בויג צו זיי אַראָפּ דיין קאָפּ
און, בלחש, זיי צו זיי מתפּלל.

זיי האָבן דיין לויכטנדיקן שטערנגאַנג
מיט זייער שטראַליקן התעוררות
פאַרהעראָגליפט,
די רציחה האָט —
פאַראַלעל צו דיין הויך —
זיי פאַרקאָפּעט אינדערטיף.

די דייטשן האָבן, צו וויסטע פּחדים,
אונדז געטריבן האַלדז און נאַקן
און ביזן לעצטן דרים־פּאָדעם
באַרויבט אונדז האָבן די פּאָליאַקן.
די ערד פון פוילן־לאַנד

בלעזלט מיט קאַלוזשעס
רויט־בלאָטיק שיטער,
מיט מהומה און אויסגעשעמטער שאַנד
גרין, מיט דער קאָליר פון „האַלבן ליטער".
„האזינו"!
קהילה מיין פאַרשניטענע,
פון ביאַלאַ־פשוט;
אַ וועלט
אַ וועלט מיט מאָרד־שגעון
האָט אויף אייער גסיסה־ווי געלאָקערט,
און מיט אייער צער זיך אָנגעזשליאָקעט
און אַראָפּ פון זינען.
אַ וועלט מיט קרעציקייטן
האָט אייערע ווערגענדיקע
„שמע־ישראלס" אויסגעדושעט.

ברידער מיינע, שאָטנס לייבלעכע
פון מיין שטעטלע אַרויסגעביסענע,
פון פוילן!
די פּאָליאַקן האָבן זייערע וואָנסעס אָפּגעטינקט
אין אייערע גרוילן,
באַנומענע געהעצקעט אַרום די שייטער־קוימענס,
און די מאָרדעס אָנגעשוואָלענע
אין אייער גסיסה־בליק געשפּיגלט.

אל מלא רחמים שוכן במרומים,
לייטזעליקער דערבאַרעמדיקער טאַטע דו,
דעק זייערע אַשן גראָ שווייגנדיקע צו
מיט דער ליכטיקייט
פון דיינע אויסגעשפּרייטע פליגל.

ביאַלע פּשוט

זיבעצן קילאָמעטער דרום־מזרחדיק פון וואַרשע און זעכציק — צפון־מזרחדיק פון לאָדזש ליגט דאָס קליינע שטעטעלע ביאַלע־ראַוווסקע (קליין־ביאַלע, ביאַלע־פּשוט).

פון די עלטסטע ברוכשטיקער־מצבות, געפונענע נאָך דער מלחמה (1945), האָב איך אַראָפּגעלייענט: דוד בן יוסף, שנת קס״ז (1407); דוד בן ר׳ צבי שנת קצ״ב (1432); בערל בן ר׳ יוסף שנת רפ״ט (1529).

מיר האָבן נישט קיין שום ידיעות וועגן דעם אָנפאַנג פון יידישן לעבן אין ביאַלע. בלויז פון פאַרנעפּלטע ידיעות פון אַלטע יידן וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זקנים פון זייער צייט ווייסן מיר, אַז דאָס שטעטעלע איז געלעגן ערגעץ עטלעכע צענדליק וויאָרסט מזרחדיק פונעם היינטיקן ישוב און אַז נאָך אַ שריפה האָבן די יידן זיך איבערגעטראָגן אויפן נייעם אָרט און עפּעס אַ גוטער ייד האָט — אין זכות פון דער פרומער עדה — געבענטשט זיי, אַז זיי זאָלן פון אומגליקן און פון שריפות באַשירעמט ווערן.

מיר זענען אין דער אַרבעט זיך סומך אויף די אָנגאַבן פונעם היסטאָריקער ד״ר יעקב שאַצקי. פּאַראַלעל צו דער דאַטע פון אונדזערע געפונענע מצבות פון די דעמאָלט געשטאָרבענע אָדער דער־הרגעטע יידן, דאַטירט זיך (לויט שאַצקין) דער בלוטיקער פּעריאָד פונעם פראַנציסקאַנער מאָנאַך, יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ, וועלכער האָט מיט זיינע פאַנאַטישע דרשות פונאַנדערגעפלאַקערט די שריפה פון יידנהאַס אין גאַנץ אייראָפּע.

דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן בויען לויט אַלע כללים פון דער יידישער טראַדיציע: אויף די ברעגן פון דער אָזיערע „אופּוסט״,

כדי צו וואַשן די הענט, צוריקגייענדיק פון „גוטן־אָרט" נאָך לוויות; פון „אופוסט" האָט אויך געפלאָסן וואַסער אין מקווה — דער יסוד פון טהרת משפחה ביי יידן. אויך צוליב גטין, האָט דאָס שטעטל געמוזט האָבן אַ טייך מיט אַ נאָמען.

„ביאַלע", „אופוסט", דאָס דערנעבנדיקע דערפל „גאָסלינעק" — מיר ווייסן נישט דעם מקור פון די נעמען. און ווידער גייען מיר אין די מטושטשע שפּורן פון אַן אוראַלטער יידישער מסורה וועגן איבער־לאָזן סימנים אומעטום, אויף אַלע פונקטן פון אונדזער נע־ונד. אויב וואַרשע פאַרמאָגט פאַנעטישע משפּחה־שייכותן מיט „באר־שבע" (ד"ר דוד פלוסער), און דאָס וואַרשעווער געסל דונאי רופט זיך איבער מיטן יידישן „אדוני" (שאַצקי), פאָלגן מיר נאָך זייער דרך:

„ברוך ה' אלקי אברהם" ראשי תבות — ביאלא; „אופוסט" — אָנו פה שרידי טבח; „גאָסלינעק — גולי ספרד לינו כאן.

קיין זיכערע עובדה איז דאָס נישט; אַ שמץ פון אַן השערה.

דער יידישער ישוב איז געוואַקסן נישט פון געזונטער פּריה־ורביה. וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט די פּעריאָדישע מגיפות און שחיטות דורכגעפירטע איבער יידן אין פאַרשידענע ערטער. דער וווקס איז געקומען פון די אַנטלאָפענע און געטריבענע אין פאַר־שידענע תקופות.

אויפן בית־עלמין האָבן, ביזן חורבן, שלווהדיק גערוט די געביינען פון די דורך מגיפות פאַרשניטענע יונגע מיידלעך און זויג־קינדער. די אינקרוסטירטע אין די מצבות ביימלעך איבער־געבראָכענע אויף דער העלפט, זענען געווען זייערע „לעבעדיקע" עדות. זיי האָבן דערציילט די פאַראַבלטע יידן וועגן די געוועזענע, מיט זייערע ליידן, מיט זייערע נעמען, געקניפּט און געבונדן מיט די, פון יענער זייט „אופוסט".

די האַלב־פאַרמעקטע, מטושטשע מליצות, פאַרוואַקסענע מיט מאָך און טויזיקן שליים, האָבן אין זיך מער פאַרבאָרגן ווי „אויסגע־געבן" די הייסע זאַפטיקע קאָכענישן פון די צו אונדז צוגעקייטלטע דורות. די מצבות האָבן דערציילט פון צווישן די פּראָזן און פסוקים

וועגן יונגעלייט וואָס האָבן „געבּרענט וועלטן״; וועגן קעסט־איידעמס מיט פּרעטענסיעס; וועגן אויפגעקומענע „נגידים״ וואָס זענען זיך געקראַכן אין די בערד אַריין פאַר אַ „שטאָט אין מזרח״, „געשלאָגן זיך אין געלט אַריין״ פאַר אַ „פעטע עליה״, פאַר „חתן בראשית״; אויף „ליציטאַציעס פון זכיותן אויף מילן און פּראָפּינאַציעס״ (קרעטשמעס) פון קאָנקורענטן; וועגן צעפלאַקערטע מחלוקתן נישט בלויז צוליב אַ דאַזאַר, אַ שטייער־קאָכלעפל, נאָר אויך אין ענינים וואָס שטייען „ברומו של עולם״ ווי חסידות און מתנגדות. דאָ האָט אויך לויט אַלע סימנים דורכגעשטראָמט די ברענענדיקע מחלוקת צווישן די קהילות און די שבתי־צביניקעס און פראַנקיסטן. דאָס איז צו אונדז אַוודאי דערגאַנגען צוזאַמען מיט די שוואַרצע בשורות פון די היידאַמאַקישע שחיטות פון שנת ת״ח ות״ט, נישט בלויז אַנצו־געהערענישן. אַהער זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן מן הסתם שרידים פון די אומגעבראַכטע פון וואָהלין און פּאָדאָליע, ווייל דאָ איז געווען שטיל (אַחוץ די רויב־אָנפאַלן פון „זבויעס״, ווי עס דערציילט וועגן אונדזער שטעטל די פּוילישע ענציקלאָפּעדיע).

ווי רויִק די ביינער זענען געלעגן הינטער די קברים־בערגלעך, אַזוי אומרויִק האָבן „אָרודעוועט״ די לעבעדיקע איבערן בריקל פונעם „טייך״, פּונקט ווי אין אַלע שיטערע יידישע ישובים איבער די פּוילישע פירשטנטימער.

זיי האָבן אַליין נישט גערוט און די טויטע נישט געגעבן קיין רו. די געשלאָגענע און התלהבותדיקע עדה האָט שטענדיק געהאַט סיבות „צו רייסן פאַסן״ פון זייער „אידילישן״ מנוחת־עולמים: קברים־מעסטערינס, ספּאָזמאַטישע געוויינען פון ווייבער, קינדער און קרובים פון פריש־פאַרשטאָרבענע.

אַפילו משיחס קומען איז געווען פאַרבונדן מיטן בית עולם (תחית המתים). צווישן די אָן סדר פונאַנדערגעשאָטענע און האַלב־איינגעזונקענע קברים איז געשטאַנען דער „אוהל״ פונעם יונגן ר׳ משה, דער זון פון רבין ר׳ בונם פון פּזשיסכע. אינעם ספר „אור־שמחה״ ווערט דערציילט אַז בעת ר׳ משה איז מיט זיין מוטער

דורכגעפֿאָרן ביאַלע־פּשוט, האָט ער מיט אַ מאָל איבערגעריסן דאָס לערנען:

— מאַמע, מיר גלוסט זיך צו שטאַרבן...

— כ'האָב געהערט פֿון טאַטן, — האָט די אויפֿשוידערנדיקע מוטער אים געענטפֿערט — אַז אַ ייד דאַרף דורכשפּרייזן אַ גאַנץ לעבן כּדי זיך אויסצולערנען שטאַרבן.

— איך, האָט דער בחור געזאָגט, האָב זיך שוין גענוג אויס־געלערנט און באַלד נאָך דעם אויף דער מוטערס הענט אָפּגעגעבן דעם באַשעפֿער די נשמה.

לויט דער אומהיימלעכקייט וואָס גליט דורך דעם קורצן „דיאַלאָג" צווישן מוטער און זון איז אָנצונעמען אַז ר' משה איז געשטאָרבן זייער יונג.

לויט אונדזער פֿאַמעלעכער השערה איז ר' משה געקומען צו קבורה אין יאָר 1810. ר' שמחה בונם פֿון פּזשיסכע איז נפֿטר געוואָרן אין יאָר 1827 (שאַצקי).

אינעם „אוהל" פֿון ר' משה, צונויפֿגעשלאָגן פֿון שוואַרצע, פֿון דער זון דורכגעברענטע פּרוכנע צעשפּאָלטענע ברעטלעך, האָט אויף אַ שוואַרץ־הינקענדיקן שטענדער געברענט אַ קליינער פֿאַר־קאָפּטשעטער נר־תּמיד. שטאָט אַ מצבה — אַ שוואַרץ קעסטל מיטן „מויל אַראָפּ", אונטער וועלכן יידן מיט אָנגעווייטיקטע הערצער, שטאָטישע און דורכרייזנדיקע, האָבן אַרונטערגערוקט זייערע בקשות, געשריבענע אויף צופּעליק־געפֿונענע, אונטער דער האַנט געקומענע שטיקלעך פּאַפּיר.

דאָס זענען געווען בקשות, געשריבענע בחפֿזונדיק, כּלאחר־יד, מיט צעפֿלויגענע אותיות אין אַן אומבאַהאָלפֿענעם גרייזיק־פֿאַר יידישטן לשון־קודש און פֿאַרלשון־קודשטן פּויערישן פּויליש — קאָפּיעס פֿון תּחנונים ביים „מעסטן־קברים", פֿון געוויינען ביים פּלוצלינג־אויפֿגעריסענעם ארון־קודש דורך אָנגעווייטיקטע מאַמעס — וועגן פּרנסה, געזונט און וועגן אַ „גרינג האָבן" פֿאַר יונגע טעכטער, שנורן אדג"ל.

דעם אוהל האָבן אַרומגערינגלט, ווי חסידים זייער רבין, אַ קרענצל שוויגנדיקע איינגעפּלאַטשטע קברים, מיט „אָנצוגעהערע־נישן" אויף מצבות — אָפּגעבראָכענע, דעפאָרמירטע שטיקלעך שטיינער מיט אַ קוים איבערגעבליבענעם פאַרמאָכיקטן „תנצב"ה". די שטאָטישע, יידישע און פּוילישע, סטאָליאַרעס האָבן אין די נעכט געשיקט די „טשעלאַדניקעס" און לערן־ייִנגלעך אַהיימצוגנבענען אין די וואַרשטאַטן אַריין גאַנצע „ברילעס" מצבה־שטיין; אויף זיי האָבן זיך גוט געשאַרפט די היבלעס, ליאָכבייטן און שטאָמאייזנס.

אין די זונטיקן און אין די „קאָשטשעלנע שמדפיסטן" האָבן פריילעכע, קליינע שקצים געלערנט זיך שיסן אויף זייערע גומענע „שיס־פּראָטזעס", צילנדיק מיט פאַרזשמורעטע שליפיעס אין די מצבות (דער בית־עולם האָט אין אונדזער צייט נישט געהאַט קיין פּלויט). זיי האָבן זיך „געטשוויטשעט" יונגערהייט, כדי דערנאָך אויסצופּרווון פּראַקטיש גרעסערע שטיינער אויף חדר ייִנגלעך, אויף גראָע יידן וואָס האָבן באַגלייט זייערע נאָענטע צו אייביקער רו.

די פונאַנדערגעשאָטענע מצבות־ברוכשטיקער האָבן מיט דער הילף פון רעגנשטראָם אויסגעפּלאָסטערט דאָס „גוטע־אָרט" מיט אַלט־יידישער פּרד"ס־שריפט. דער שטח האָט אָנגענומען די צורה פון עפּעס אַ ברייטן שטיינערנעם פאַרמעט — אַ „יריעה" אַן אַרויס־געדריוולטע פון אַן אַלטער ריזיקער ספר־תורה, וואָס איז אַרויסגע־פאַלן און צעבראָכן געוואָרן אין עקסטאַטישן נע־ונד פון אַ געדיכט־בערדיקן נביא.

אונדזער שטעטל האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אויסגעטיילט פון די אַנדערע הונדערטער יידישע שטעטלעך אין פּוילן. בלויז די לעצטע פאַרשניטנקייט האָט צו פאַרצייכענען עטלעכע אויסטערליש־הייליקע נעמען:

פּישקע ניימאַן, אַ יונגער „בונדיסט"" (חווה'לעס זון), קעמפער אין דער פּוילישער אַרמיי פאַר דער באַפרייונג פון פּוילן, דערגאַנגען ביז בערלין און נאָך דער באַפרייונג דערהרגעט געוואָרן פון אַ יונגן „פּאַטריאָט", אַ פּאָליאַק, נאָך אַן ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין

לאָדזש (1946); בינעם גאָלדבערג (בינעם בערישנס), זעכצן יאָר אַלט. אין איינער אַ נאַכט איז ער אַרויס פון זיין דאָרפישער מאַלינע זוכן שפּייז פאַר דער גרופּע ביאַלער יוגנטלעכע אין בונקער. די שקצים פון פּויליש־„פּאַטריאָטישן" פראָנט „א. ק." האָבן אים געכאַפּט, געפּאַדערט פון אים — אין קליינינקייט — ער זאָל אויסגעבן די מאַלינע פון דער גרופּע „זשידקעס". זיי ווען, „גאָט־באַהיט", גאָר־נישט געשען; ווי געוועזענע שקאָלע־קאָלעגן, ווילן די „פּאַטריאָטן" זיי „פזשעוויטען" (באַגריסן...).

דאָס יינגל האָט זיך געלאָזט דערהרגענען און זייער באַהעלטע־ניש נישט אויסגעגעבן.

ביים ביאַלער רב אין בית המדרש האָט געלערנט מיין טאַטנס אַ חבר, אברהם וועוויורקע, שפּעטערדיקער יידישער שרייבער, מחבר פונעם בוך „פאַרלאָשענע ליכט" און נאָך שפּעטער, אין אוקראַינע, דער אייפּעריקער יעווסעק, דער „דזשערזשי־מאָרדאַ" פון די יידישע שרייבער אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. געשטאָרבן אין הייליקער, טיפער חרטה (גביית־עדות פון נפתלי הערץ כהן).

אין יאָר 1940 האָט ביאַלע געציילט 2200 יידן (ברוסטין־בערנ־שטיין—רוטקאָווסקי „פנקס קהילת פולין", מדור לודז׳. ביולעטין פון יידיש־היסטאָרישן אינסטיטוט).

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914), האָבן די זיגער טאָג־טעגלעך זיך געטוישט. די רוסן האָבן געהאַט אויף עטלעכע טעג אַרויסגעשטויסן די דייטשן און געפּייערט זייער „זיג" מיטן כאַפּן אַ יידישן יוגנטלעכן פון עפּעס אַ שכנותדיקן שטעטל צוזאַמען מיט אַ קריסטלעך מיידל און לויט אַ פעלד־אורטייל זיי געהאָנגען אַלס דייטשע שפּיאָנען.

דער ביאַלער רב, ר׳ מענדל פּרווועס, האָט מיטן יידישן יינגל געזאָגט ווידוי. אַ רוסישער ראָטנער רוצח האָט „צענויפגעטרעבעוועט" די יידן פון שטעטל און דאָס יינגל אויפגעהאָנגען אין סאָד פון איטשע דוד מרחיב (מאַרכעוו).

אין יאָר 1905 האָט אַ געציילטע גרופּע יידישע יוגנטלעכע זיך

„זאַמאַכעט" קעגן דער רוסישער „סאַמאָ־דיערזשאַוויע", צוגענומען קליידונג און עסנוואַרג פון די „בורזשויעס" די בעקערס, שענקערס און קרעמערלעך און צעטיילט עס צווישן די אָרעמע. אָנגענומען זיך די קריוודעס פון די פאַרשטויסענע כלה־מיידלעך, פירנדיק אונטער דראָונגען פון קלעפּ די חתנים־„פאַררעטער" צו די חופּה׳ס. דער קערנדיקער פּוילישער „פּראָלעטאַריאַט" האָט דעמאָלט נאָך געדרימלט מיט דער באַבע אויף דער „קאַיקע", אָדער געמאַכט אַ „שהכל"... דער „קאָמענדאַנט" פון דער יידישער רעוואָלוציע האָט געהייסן פראָים קיסר.

די ליקווידאַציע פון דער פּוילישער רעוואָלוציע האָט אויף די ביאַלער יידישע רעבעלן נישט געמאַכט קיין וואַזשנעם רושם. אויס אינערטישער געוווינשאַפט, האָבן זיי ממשיך געווען זייער „הערשאַפט" נאָר אויף אַ פאַרקערטן אופן: כוח־יינגלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט באַצאָלן פון אַ פאַרמעגלעכן „רעאַקציאָנערן" באַלעבאָס, למשל, ווען יענער האָט געוואָלט פּטרן, דורך אַ גט, זיין ווידערשפּעניקן איידעם אדג"ל.

זיי פלעגן אויך אין די נעכט פאַרן אַוועקגיין אויף מיליטערישער „סלוזשבע" אָפּטאָן די „גבירים" און „קאָנטעררעוואָלוציאָנערן" פאַר־שידענע להכעיסן — אָפּט זייער קאָמישע — און יענע האָבן נאָך געמוזט זיך אויסקויפן מיט אַ פעטע וועטשערע מיט אָקעוויט פאַר אַלע „פּריזיוווניקעס" פון שטעטל.

אין יאָר 1859 האָט די גאַנצע אומגעגנט געציילט 3786 איינ־וווינער. פון דעם 2394 יידן. די גאַנצע פּאַראַפיאַלע אומגעגנט, ביאַלאַ־ראַווסקאַ: 6042 נפשות. (באַלינסקי־ליפּיצקי, געאָגראַפיש־ווערטער־בוך, ז׳ 666).

אין יאָר 1888 איז ביי אונדז אויסגעבראָכן די כאָלערע. די יידן זענען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער; דער טויט האָט פאַר־שניטן אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט פון דער קהילה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף וויפיל מיין זכרון פירט מיך צוריק כמעט ביזן דריי יאָריקן

עלטער, קאָן איך זיך בשום אופן נישט דערמאָנען כאָטש איין חודש פון רו, פון יידישער שלווה אין מיין שטעטעלע. אייביקע מחלוקתן, ציינקריצענישן מיט געביילטע קולאַקעס — און אויב שוין אָן קולאַקעס — איז כאָטש מיט ווייבערישע שטעכלירעכצער און פליאַטקעס, אינטים-פּריוואַטע, משפחהשע און כלל-קהלשע.

ערב יום-כיפּור פאַרנאַכט, ווי נאָר די זון האָט זיך פאַרגליטשט צו מעריב, האָט אַ ווייע-געטאָן עפּעס אַ ווייכער שוידער וואָס האָט ווי מיט אַ וואַרעם, ראַז האַנטעך אַראָפּגעווישט פון אונדז אַלע כעסן און רוגזן. די נשמה-ליכט-פלעמלעך אין די אָרעמע שטיבלעך האָבן זיך געריסן פון די קנויטן אונטער די הייסע אָטעמס פון די ווייבער און זייערע תפילהדיקע פליסטערנישן. זיי, די פלעמלעך, האָבן נישט געקענט זיך אָפּטיילן פון די לייכטערלעך, פון געלן וואַקס, ווי די אָנצינדערינס — פון זייער גורל.

די פלעמלעך האָבן רחמימדיק אַרויסבאַגלייט די מענער, ווייבער און קינדער אויף זייער גאַנג אין שיל * אַריין.

די שיל האָט פאַמעלעך זיך אָנגעפילט. דער ווייס-טליתימדיקער געדראַנג האָט אומדרייסט, נאָר וואָס אַ מאָל רוישנדיקער זיך צעוויגט, ווי אַ וויטלעכע ים-כוואַליע, און קילבלעך אַריינגעקוואָלן אין די הערצער, אין די געבלוטן.

דער וויטלעכער צעשאָרועטער געדויש, אָנגעטרינקן מיט סו-דותדיקער נישט דאַיקייט, די טונקעלע אַנונגען פון שוידערלעכע גזרן און פיינען פון אויסטערלישע דערלייזענישן — מיר אַליין זענען דאָס געווען.

אַ שטעטל יידן איז געוואָרן איין „שיר-היחוד”, וואָס האָט התעוררותדיק זיך אַרויסגעריסן, זיך צונויפצוגיסן מיט געוויינען יידישע פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין מלכות-פּוילן, מיט אַלע תפילות פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און פון די וואָס וועלן נאָך קומען נאָך זיי.

* שיל — וואַרצלט ערגעץ אין אַ ר״ת — „שיויתי ה׳ לנגדי”...

אַ שיר היחוד — און אַ לאַשטשענדיקער גערויש פון ווייסע פליגל, פון אַ מעכטיק־העכערן כוח, וואָס דעקן אונדז צו מיט זייער ליכטיקייט, ווען אַרום דראָט די פּיגצטערניש פון אומרחמנות און בלוטדורשט. אַלע רייסענישן, גריזאַטעס און גאַליקייטן זענען פלוצעם פאַרשווונדן אין דעם דאָזיקן צוזאַמענגעפלעמלטן געוויין. צעקריגטע יידן האָבן תשעה־באב ביי נאַכט געהויקערטע זיך איינגעהערט אין „איכה" פון משה קאַצקער. זיי האָבן טראַציק נישט געזאָגט זיך קיין „גוט־שבת" און ייִנגלעריש און דבקותדיק געטאַנצט מיט די ספרי־תורות ביי הקפות. זיי האָבן פאַרריגלט און פאַרהעמערט טיר־און־פענצטער פאַר גזלנים, גאַרגל־שניידערס — און צעפראַלט אין די סדר־נעכט די טירן פאַר אליהו הנביא. זיי האָבן געפלאַטערט אין די „גרינע דאַנערשטיקס" פאַרן בלוטדורשט פון די בלעקערצדיקע „מאַטקע־באַסקע"־באַגלייטער — און אַרויסגעשטעלט אין די פענצטער אָנגעצונדענע חנוכה־פלעמלעך, כדי מפרסם צו זיין דאָס נס פונעם נצחון פון מעטים קעגן רבים.

דאָס שטעטל איז געלעגן טיף אין אַ טאָל. פון דריי־פיר וויאָרסט מערבדיק האָט מען אַראָפּגעקוקט אין דעם ראַיענדיקן ישוב ווי אין אַ מוראַשניק אונטער אַ גלעזערנעם קליאַש. דאָס פאַרענטפערט דאָס רעטעניש וואָס דווקא פּאָליאַקן זענען דאָ געווען זייער ווינציק. די רויבער פון וועלכע די דערמאָנטע ענציקלאָפּעדיע דערציילט, האָבן דאָ די יידן קיין רו נישט געגעבן. די אייגנטימער פון דער בלאָטיקער „פאַרצעלאַ", די רויבער אַליין, ראַפּינירט און געלט־גייציק, האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז אַ ייִד ברענגט מיט זיך שפע, פעטע פּאַדאַט־קעס און געבויגענע פלייצעס פאַר נאַגאַיקעס.

פאַרן דייטשן מאָרד איז די טאָליקייט געווען ווי געווונטשן. ביים טאָגליכט האָבן זיי אַראָפּגעקוקט אויף די פאַרמשפטע, ווי אויף פישלעך אין אַ וואַנע.

מען טרייבט יידן קיין וואַרשע

די ערשטע וועלט־מלחמה איז אין מיין זכרון פאַרצייכנט ווי עפּעס אַ פאַרנעפּלטע אידיליע. דער שאָסיי — אַ לאַנג־געפלאָכטענע חסידישע גאַרטל — מיט שווער־טראַסקנדיקע וועגענער, צוגע־שפּאַנטע צו בייכיקע, מידע, ברוינע פערד. די וועגענער־אָבאָזן — איין וואָגן אײַנגעפּעדעמט אין צווייטן — האָבן געדעדלט טאָג־און־נאַכט אָן הפסקה. אונדזער הויזגעזינד האָט געוווינט מזרח־זייט פונעם טראַקט און דער זיידע, שלמה יצחק, און דריי פּערטל פון אונדזער פאַרצווייגטער משפחה — אויף דער קעגנאיבערדיקער מערב־זייט. דער רוסישער „אָבאָז" האָט איבערגעהאַקט דעם צוגאַנג צו זיי ווי מיט אַ האַק.

אין איינער פון די נעכט האָט ווער נישט דרייסט אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר. דער טאַטע האָט געעפנט, אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן אַ נידעריקער באַוואָקסענער רוסישער סאָלדאַט. זיין בליק האָט ווײַמוטיק אַ בלאָנקע געטאָן איבער דער שטוב, ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה.

— כ׳בין אַ ייד, האָט דער סאָלדאַט קוים אַרויסגעשעפּטשעט און אַרומקוקנדיק זיך מיט מורא, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צום דרויסן...

— דער טלית און תפילין איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג, כ׳האָב היינט יאָרצייט נאָך אַ קינד.

דער טאַטע האָט אים ב״י דער האַנט אַריינגעפירט, דערלאַנגט אים אַ שעפּ־וואַסער, אַ שיסל און אַ האַנטעך. די מאַמע האָט שטיל אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ געבלימלט קליידל, איינגעהייצט די קיך און צוגעשטעלט טיי.

דאָס איז געווען אַ פרייטיק פאַרטאָג, דער סאָלדאַט האָט ביי אונדז געהאַלטן שבת. איך און מיין קליין ברודערל, גדליה, האָבן אין „זמיאַנעס" געהאַלטן „וואַרטע" פאַרן טויער קעגן דער מיליטערישער פּאָליציי. שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה האָט דער אורח שטיל זיך

געזעגנט, שטיל געקושט די מזוזה און נאָך שטילער זיך אַרויסגע־שאַרט.

אין אַ קאַרגער האַלבער שעה שפּעטער איז צו אונדז אַריין אַ „וווואָד״ רוסישע סאָלדאַטן, מיט איינעם מיט שענערע „פּאַגאָנעס״. זיי האָבן מידע זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע. אַ טייל האָט באַלד איינגעדרימלט, די אַנדערע האָבן פאַררויכערט מאַכאָרקע־שקאַרמיצלעך, אַראָפּגעוואָרפן די שינעלן, אַראָפּגעצויגן די העמדער און זיך אויסגעלויזט. די מאַמע האָט זיי פונאַנדערגעטיילט פּילי־זשאַנקעס טיי.

פון זיי האָט זיך געטראָגן נישט קיין שיינער ריח, אין שטוב איז געוואָרן ענג, און נאָך איין מעסלעס זענען זיי געוואָרן אונדז היימיש, כמעט משפּחהדיק, זיי האָבן מיך גענומען אויף די קני, געלערנט מיך שרייבן רוסישע אַזבוקעס.

איין נאָמען פון אַ סאָלדאַט האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זכרון: בולאַשאָוו־פּראַווין.

די „זיגער״, געדענק איך, האָבן יעדן צווייטן דריטן טאָג זיך געטוישט: די רוסן אַרויס, די דייטשן אַריין — און פאַרקערט.

אין איינעם אַ פאַרטאָג, די רוסישע „זיגער״ זענען אַריין, האָט דער פעטער, בנימין, שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— שרעק זעך נישט, מאָשקע — האָט ער שטיל אַרויסגעצײלט די ווערטער פאַרן טאַטן, ווי ער וואָלט זיי אַרויפגעצויגן אויף אַ שנירל — ס׳איז באמת זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן, הייב אָן איינ־צופּאַקן דאָס בעטגעוואַנט און די זאַכן, מיר מוזן אַרויס פון ביאַלע אין פיר און צוואַנציק שעה, אַ „פּריקאַז פון רוסישן גענעראַל־שטאַב״.

מיר פּעקלען זיך אַרויס קיין וואַרשע.

די מאַמע האָט קודם איינגעפּעקלט דאָס ווינענדיקע צוויי יאָריקע קינד, אברהמלע, דערנאָך דעם פיר יאָריקן גדליהלע, דערנאָך דעם „בכור״ — מיך, אַ וויקל און אַ וויין, אַ וויקל און אַ וויין.

נאָך אונדז איז געקומען די ריי אויפן בעטגעוואַנט. דאָ האָט די

מאַמע שוין געוויינט „סטאַטקאַוונע" כמעט אין אַ מוזיקאַלישן ריטם; לויט דעם באַוועג פון די ציטערדיקע הענט.

איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר מיר איז עפּעס דעמאָלט געוועזן אויסטערליש ביטערלעך־זיס אויף דער נשמה, ביז דעמאָלט האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזען די מאַמע וויינען — און נאָך ווי אַזוי וויינען; די טרערן ביים שיין פונעם נאַכט־קאַגיצל האָבן זיך פון די אויגן אַרויסגעשאָטן פּאַמעלעך, איינס און איינס — פּונקט ווי ערב יום־כּיפּור צו „כּל נדרי" ביים אָנצינדן דאָס גרויסע נשמה־ליכט, נאָר מיט דעם חילוק וואָס דעמאָלט האָט זי פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט און אַצינד איז דאָס פּנים געווען פריי.

חוץ לזה — וואַרשע; אַ שטאָט, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט אַז „זי שטייט אויף מאַשינען". ווי אַזוי שטעלט מען דאָס אַרויף אַ שטאָט אויף מאַשינען? אַ מאַשין איז ביי מיר געווען די, אין וועלכע מיר האָבן געדרייט פון געקאָכטן וואַרעמען צוקער פאַרביקע לאַנ־דרינקעס, אַ שוואַרץ פאַראיילעצט זשאַווערדיק „סטאַנאָקל" מיט צוויי בלישטשענדיקע מעשענע וואַלצלעך, — ווי אַזוי קאָן אַ שטאָט שטיין אויף אַזוינע מאַשינען און נישט אומפאַלן? ווי אַזוי וועט דער שוואַר־צער פּעטער דוד, דער בעל עגלה, אַריינפאָרן און אַרויספאָרן פון וואַרשע וואָס שטייט אויף מאַשינען?

פוילן ווערט פריי

די אויפריכטעניש פון פוילן האָב איך געזען דורכן גלאַנץ פון די שוואַרצע וואָנצעלעך פונעם יונגן פּאַליאַק, דעם „שטאָט־טליק", פערדינאַנד; דאָס איז געווען זייער אַ שיינער שייגעץ, מיט אַ שטרענג פּנים פון אַ גיפּסענער ליאַלקע; כ'האָב אים געזען ווען ער האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון אַ דייטשן אָפיציר און פאַרוואָרפן זי צו זיך אויפן אַקסל.

ער האָט געהאַט אַ ברודער, אָדער אַ קרוב, אויך אַ פערדינאַנד,

עטוואָס ייִנגער פון אים און עטוואָס עלטער פון מיר, ער איז געווען — דאָס אומגליק און די שרעק פון די ביאַלער יידישע ייִנגלעך.

מיר האָבן ליב געהאַט זומער זיך צו באָדן אינעם „אופּוסט״, און ווען מיר האָבן אין הייסער פרייד זיך געפּליעסקעט, געשטיפּט און געשווימען „טריט־וואַסער״, איז ער אָנגעלאָפן מיט אַ גרויסן הונט, אונדז נאַקעטע פונאַנדערגעטריבן און צוגענומען אונדזער אָנטועכץ.

אַחוץ דאָס בית־מדרש, די שיל און עטלעכע חסידים־שטיבלעך איז ביי אונדז נישט געווען קיין שום זאַמל־אָרט. דער איינציקער „קולטור־פאַראיין״ האָט זיך געעפנט האַרט, איידער די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. דאָס איז געווען דער אָנהייב. שפּעטער זענען אויפגעקומען פאַראיינען און קלובן פון פאַרשידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען, מיט ביבליאָטעקן און אָן ביבליאָטעקן, אָנהויבנדיק פון דער פרומער אגודת־ישראל ביז די קאָמוניסטן.

די „זעלבשטענדיקע״ און „באַפרייטע״ יונגע פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַ גרונט זיך צו פרייען. פאַר זיי איז דאָס גרויסע זוניקע לאַנד געשטאַנען אָן אָפּנס אויף אַלע „פורטקעס״ — פון מלוכה־פּאָסטנס, אוניווערסיטעטן, ביז יידישע בערד און גאָרגלען.

שוואַרצע בשורות האָבן פאַרפלייצט דאָס שטעטל; די האַלער־טשיקעס שליידערן אַרויס ייִדן פון די לויפנדיקע באַנען.

ביי אונדז האָט זיך דאָס אָנגעהויבן מיט אַ מאַגיסטראַטיש־לעגאַלן ראַבונעק. דער בורמיסטזש האָט אויסמושטרירט די פייער־לעשער און אין זעלנערישן „שאַגאָם מאַרש״ זענען זיי זיך פונאַנ־דערגעלאָפן און „רעקוויזירט״ די סחורות פון די עטלעכע יידישע שניט־געוועלבער.

שפּעטער איז געקומען גראַבסקיס „עגלה״. זי האָט דאָס שטעטל דורכגעשניטן מיט איר שאַרף־שטאָלענער „זשניוויאַרקע״ און געלאָזן דעם יידישן „מיטלשטאַנד״ אין די גראָשנדיקע קרעמלעך גאָל ווי אַ ליסינע.

אין שטעטל ברעכט אויס די טיפוס־קראַנקייט, נאָך בעת דער דייטשער הערשאַפט. דער טאַטע, וועלכער איז נאָר וואָס צוריקגע־

קומען פון זיין רבין אין בלענדיוו, האָט געקושט די מזוזה און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ קוים אַרויסגערעדט:

— כ׳בין קראַנק, ברײַנדל...

ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, די מאַמע האָט אים אויסגעזעצט אַ פּלייצע באַנקעס, אויסגעשמירט מיט טערפּענטין. ס׳נאָדעלע פון „גראַדל” האָט אַ שפּרינג־געטאָן אויף איין און פערציק. דאָס לייב האָט זיך באַדעקט מיט דראָבנע טונקל־גרינע פלעקן, דער פּוילישער דאָקטאָר נאַרוטאָווסקי האָט אַרויסגעמאָכלט אונטער די וואָנצעס: „טיפוס פּליאַמיסטי” (פלעקטיפוס).

דער יידישער סאַניטאַר אין דייטשן מונדיר, דער לאָמער פּשיביש, האָט געבראַנגט דאָס אייזערנע שפּיטאָל־קעטשל, אָוועקגעפירט דעם טאַטן אין שפּיטאָל אַריין צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט די קלענערע קינדער, איך בין „אויסן געבליבן” ביים זיידן, שמואל מאיר.

דער טיפוס האָט אויך דאָ, אין זיידנס שטוב, זיך איינגעלאָקערוועט; דער יונגער קעסטאַיידעם, דער פּעטער יאַמע (בנימין) איז שווער קראַנק געוואָרן. ער איז געווען דער הויפּט־נערוו פון דעם תבואה־האַנדל און פון דער גאַנצער פאַרמעגלעכער און רוישיקער באַלעבאַטישקייט פון דער משפחה. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע אַרומיקע „גאָספּאָדאַזשעס” און פּריצים. אַ ספרא־רבא און אַ „פּאָלאָניסט”. מיט זיין קראַנקייט איז דאָס גאַנצע „דאָברי־מזל” געוואָרן פּאַראַליזשירט.

פון דער פּאָוויאַט־שטאָט ראַווע (מאַזאָוויעצקי) איז יעדע פּאָר טעג געקומען דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון שטייער־אַמט, געהייסן האָט ער באַגאַ. ער איז געווען די ראָזע פּעטע קיילעכדיקע ביילאַגע צום טיפוס.

כ׳געדענק אין איינעם אַ יום־טוב, פּורים, אין גערער שטיבל נאָך דער מגילה: חסידים האָבן געמאַכט אַ „כוסה” און דער יונגער, קליינוווקסיקער און פריילעכער, רפאל־בעקער, האָט געזונגען מיט ברען: „אָרור באַגאַ, אוי, אָרור באַגאַ, אשר ביקש לאבדי”.*

* בוג: פּויליש — גאָט.

פלעקטיפוס, יידן־שנאה, זשידאָ־קאָמונאַ, די בלאַנקע שאַרפע שטייער־בריטווע, אַרויסגעשליידערטע יידן פון די באַנען — דאָס איז געווען אונדזער „איינטריטס־קאַרטע" צום שיינעם ספּעקטאַקל פרייע פּוילישע רעפּובליק („זשעטשפּאָספּאָליטע").

ווי אַ פּאַרך אויף אַ בלאָטער, האָט דאָס נייע פּוילן באַלד גענומען יידישע בחורים, געשיקט זיי אויף די פראָנטן קעגן די באָלשעוויקעס. די ייִנגלעך האָבן אַהיימגעשריבן פאַרצווייפלטע בריוו צו די עלטערן און צו דער קהילה, אַז מען זאָל זאָגן תהילים פאַר זיי, „באו מים עד נפש".

די שכנותדיקע „מעשטשאַנעס" זענען געווען איינגעלעבט מיט זייערע יידישע מיטווינער, זיי האָבן אַפילו גערעדט יידיש. אַזוי, למשל, איז דער קוימען־קערער, פּראַנעקל, געווען אַ בן־בית אין די יידישע היימען, געצויגן מיך פאַר די פּיאות, געבייזערט זיך אויף דער מאַמע, פאַר וואָס זי האָט געבוירן אַזאַ מיאוסן „בכור", און ביי די וואַלן צום ערשטן „סיים" געפירט אַ גיפטיקע יידן־פרעסערישע קאַמפּאַניע, געפאָדערט צו עלימינירן יידן פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און צו שטימען אויף דער ליסטע פון דער „ענדעציע".

די דייטשע דאָרפס־באַלעבאַטים און „שטאָט־טליקעס" האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט יידן כמעט קרוביש. די דייטשקעס האָבן שבת נאָכן קוגל „געמאָטלט" מיט יידישע ווייבער, „דער ריבוינע דעאַלמע קילע, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד", און „באַרעך־טשיפּיטראַנע" האָט זיך געגליטשט פון זייערע פעטע לעפּצענעס, אונטערגעשמירטע מיט „כאַדלע". זיי זענען דאָס שפּעטער געווען די „אונטערפירערינס" פון יידישע קינדער צו זייערע ברידער־רוצחים.

שולץ, אַ רייכער דייטש, מען האָט אים ביי אונדז גערופן: „שולץ גאָספּאָדאַזש, שולץ קיילער, שולץ מילנער, שולץ בעקער און סתם, שולץ דער שטאָט־טליק" איז געווען איינער פון די רייכסטע שטאָט־באַלעבאַטים: אַ גוטמוטיקער; מיט אַ גראָ בערדל וואָס האָט געקאָנט אָנגיין כמעט פאַר אַ יידיש בערדל, ווען נישט דאָס גרינבלעך־ווייסע

שמאַלץ, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשפּראָצט... אַ מאָל, אין די יונגע יאָרן, פלעגט ער זיין אַ פּיעקעליק־ליגער ביי מיין זיידן אין דער „פּיעקאַרניע״; ער פלעגט זיך כמעט יידישלעך באַקלאָגן אויף די „היינטיקע קינדער״, די צולהכעיסניקעס. זיינע קרעציקע זרע מרעים זענען האַרט פאַר דער מלחמה אַוועק קיין דייטשלאַנד אויף נאַצי־קורסן, און נאָכן צוזאַמענבראָך פון פּוילן געקומען צוריק קיין ביאַלע און אָרגאַניזירט אונדזער פאַרטיליקונג.

דעם אַלטן מילנער, ראַמליאַף, געדענק איך ווי דורך אַ נעפּל. דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען אַ „הייסער בלענדיווער חסיד״, געפאָרן צום אַלטן רבין, ר׳ יוסף מענדל, געשיקט אויף יום־טובים רייכע פּדיונות פאַר די אָרעמע חסידים און פאָרן רבין אַליין. מאַכט זיך איין מאָל אַ מעשה: דער אַלטער „חסיד״ ווערט „חולה״; ער שיקט אַוועק אַ שליח־מיוחד צום רבין מיט אַ „קוויטל״ און אַ פּדיון; דער רבי שיקט צוריק אַ מינדלעכע, רפואה־שלימה און צוויי „סגולה״־פּראָשקעס: איין פּראָשעק איינצונעמען, און מיטן צווייטן — אויסצורייכערן די שטוב; די אַלטע ראַמליאַפע האָט פאַרדרייט די יוצרות, דעם פּראָשעק אויסצורייכערן די שטוב קעגן די „נישט־גוטע״ אים געגעבן צו שלינגען. ער איז שיר נישט אַוועקגעפּגרט.

און ער וואָלט זייער גוט געטאָן; אין די מיטעלע יאָרן נאָך, האָט ער נאָכן געזונט ווערן נאָך באַוויזן אָנצופּאַסקודזשען אַ היטלערישן בירגערמייסטער און אַ באַנדע אמתע „נישט־גוטע״ טויט־געהילפן פון היטלערן אין ביאַלע און אין דער אומגעגנט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דער דייטשער הער־שאַפט האָבן אָרעמע יידן זיך גענומען צום „שמוגל״: ברויט, שניט־סחורה, שוסטער־צודאַטן, י״ש און זאַלץ; די סחורה, אויב די דייטשע וואַך־סאָלדאַטן האָבן זי נישט קאָנפיסקירט, האָט געברענגט שיינעם ריווח, טאַקע צוליב דעם וואָס די דייטשן האָבן דאָס „שטרענג באַשלאָגט״.

מיר האָבן, געדענק איך, אַראָפּגענומען אַ שיין אויבסט־גערע־

טעניש פונעם סעדל ביי רעפשן, דעם דייטשן „גאָספּאָדאַזש" פון גאָס־לינעק. אונדז איז געלינגען די סחורה אַוועקצושמוגלען קיין וואַרשע, פּאַרקויפט, אָפּגענומען שיינע עטלעכע טויזנט מאַרק. די מאַמע האָט זיך איינגעעקשנט: זי מוז קודם־כל קויפן אַ זאַץ „אָרגעלבראַנד"־חוקלעך, מיטן פירוש רש"י אויף יידיש און מיט די משלים פון דובנער מגיד, אויף ריגאַל־פּאַפּיר, אין לעדער־באַנד, געליישט אין גאָלד. ערשט דערנאָך איינגעקויפט קאָלאָניאַל־סחורה. צוריקצוועגס, האָבן די דייטשן גרויסמוטיק די חומשים נישט קאָנפיסקירט.

פון מיין משפחה־נעסט

דער טאַטע איז צו דריי יאָר גענומען געוואָרן אין וואַלד אַריין. דאָס איז געשען אין די צייטן פון דער כאָלערע; ער איז קראַנק געוואָרן. דער זיידע, שלמה יצחק, האָט אים געראַטעוועט פון די נעגל פון טויט מיט גימטריאות־תחנונים פון ספר רזיאל המלאך און מיטן אָקעוויט פון קידוש־בעכערל.

שפּעטער האָט דער טאַטע געהאַט אויסצושטיין „צרות־צרורות". ער איז געווען דאָס בעסטע ייִנגל אין חדר, אַ קינד פון אַן אָרעמען שוסטער, האָבן זיינע „שול־קאָלעגן", די באַלעבאַטישע ייִנגלעך, נישט געקאָנט אים מוחל זיין זיין „אינטעלעקטועלע העכערקייט", גערופן אים אין גאַס: שוסטער־יונג; אַחוץ לערנען, איז ער אויך געווען „הייס געבאָדן", אַ ייִנגל — אַ „בייניש" (זידל־סינאָנים פאַר אונדזער גרויסער משפחה שוסטער, שטריקמאַכער און קצבים, שטאַרקע יידן. זייערער אַ זיידע אָדער עלטער־זיידע). בייניש האָט געזאָלט אַ מאָל, ערב אַ פּאָגראָם, האָבן אַרויסגעריסן אַ דישעל מיט די קלאָניצעס און שפּאַלטן קעפּ פון די צעיושעטע פּויערים (די זעלבע מעשיות האָבן זיך איבערגעחזרט אין אַ סך שטעטלעך).

ביז אַן ערך צען, צוועלף יאָר איז דער טאַטע געווען אַ בן יחיד,

דער זיידע האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אַז זיין יינגל זאָל אויסוואַקסן אַ בן־תורה.

דעם נאַטירלעכן קינדערשן חשק צו העמערלעך, שפּילעטלעך און טשוועקלעך האָט דער זיידע אַרויסגעקלאַפּט פון אים מיטן האַרט־לעדערנעם „פּאַטשענגל״: „דו מוזט ביי מיר ווערן איינס פון דיביידע: אַ למדן אָדער אַ מת״.

אַחוץ זיין שוואַכקייט צו לומדים, איז מיין זיידע געווען באַגאַבט מיט נאָך אַ „מחלה״: „חתונה־טענץ״. ער פלעגט טאַנצן אויף יעדע חתונה — פאַרבעטן, צי נישט פאַרבעטן. דאָס נישט זיין פאַרבעטן איז אים אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. האָט מיר די באָבע, רבקה מרים, דערציילט וועגן די „קיצור־ימים״ וואָס זי האָט געהאַט פון אים אויסצושטיין; ער האָט אין איין ווינטער דורכגע־טאַנצט אין שטעטל פינף און צוואַנציק חתונות...

דער טאַטע איז ייִנגלווייז געווען אַ תלמיד פון אונדזער באַרימטן רב, דער „תפארת מנחם״, וועלכער איז געווען זייער איבערקלייבעריש בנוגע תלמידים, דער טאַטע, אַן עזות־פּנים, האָט דווקא אים גרינג־געשעצט; הינטער די אויגן אָנגעוויזן זיינע ישיבה־חברים די מקורות פון רבס „חידושים״...

אַלס קליין ייִנגל האָט ער געלערנט ביי אַ מלמד, וואָס איז נכשל געוואָרן ביים צואייגענען זיך אַ פאַרבלאָנדזשעטע הון. ביים איינחזרן „קמץ אלף אָ, חיריק בית בי״, האָט ער געדאַרפט אינעם וואָרט „בכבודך״ אויסזאָגן די כ, מיטן פּינטל: כּ. דאָס יינגל איז שטיין גע־בליבן, דער רבי האָט אים אונטערגעמונטערט: „זאָג אויס יינגעלע״; דער טאַטע האָט אים געפאָלגט און אויסגעזאָגט, אַז דער רבי האָט געגנבעט אַ הון...

ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה האָט דער זיידע, שבת ביים עולה לתורה זיין, אָפּגעזאָגט איבער אים דעם „ברוך שפּטרני״, צו מאָרגנס, „כעלות־השחר״, האָט ער דעם „יונגאַטש״ פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, ווי אַ זעקעלע קאַרטאָפל, אַוועק מיט אים „פּיעכאָטע״

קיין בלענדיוו און אים איבערגעלאָזט אין רבינס בית־מדרש — ביז צו דער חופּה.

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, איז ער אויף פּסח אַהיימ־געקומען; דער זיידע האָט אין דער טיר, נאָך פאַרן אָפּשטעקן אים אַ שלום־עליכם, אָנגעזאָגט די בשורה: ס'קומט דיר אַ „מזל־טוב", ביסט אַ חתן געוואָרן מיט שמואל מאיר בעקערס מיידל, ברײַנדעלע.

— זאָלסט וויסן, טאַטע — האָט מײַן טאַטע אין שוואַכן ווידער־ווילן אים געזאָגט — אין ביאַלע וועט מיר נישט גוט זײַן, די נגידישע בחורים וועלן מיר ברענגען די טריט...

— גוט זײַן, שלעכט זײַן — האָט דער זיידע, אַ טראַציקער אויף אים אָנגעשריגן: דו קענסט דאָס מיידל? דו ביסט דאָך אַ מאַלפּע קעגן איר. מעגסט אויפהייבן די הענט צום הימל, אַז זי וויל דיך, עילוי מײַנער! קוים רעדסטו נאָך איין וואָרט, פליִען דיר אַלע ציין אַרויס פון מויל, כ נ י אָ ק!

דער טאַטע האָט אַראָפּגעשלינגען די סלינע, ברײַנדעלע, צי ער קאָן זי? נישקשה פון אַ פרעג; אין די פרייטיקן פלעגט ער מיט נאָך אַ בית־מדרש־ייִנגל „גיין איבער די הייזער" זאַמלען געלט אויף חלות פאַר אָרעמע לייט; אָנגעוואַרעמט זיך ביי שמואל מאירן אויפן פּיע־קעליק, האָט אים ברײַנדעלע געפרעגט, וואָס מאַכט רש"י אויף די קאַשע? — און געלאַכט... דאָס געלעכטער איז אים נאָכגעלאָפן ביז העט צום הויכן משה אויף דער „בערזשע".

די „געהיימע תנאים" צווישן זיידן, שלמה־יצחק, דעם אָרעמען שוסטער מיט שמואל־מאירן דעם יוסטן באַלעבאָס זענען געשריבן געוואָרן אינעם גראָדזשיסקער שטיבל — אַ האַלב־גאָרנדיקער אַלקער ביי איטשע מאיר בעל־עגלה. אין דעם גראָדזשיסקער שטיבל איז געווען בעל־קורא בונם שלמה מלמד; דער זיידע פונעם שפּעטער דערמאָרדעטן קעמפער פאַר פּוילן, דעם שוין דערמאָנטן פישקע ביימאַן.

נאָך די „תנאים" איז דער זיידע, שיכור פון גליק און אָקעוויט,

אַוועק אַן אומגעבעטענער — טאַנצן אויף אַ זעקס־און־צוואַנציקסטער חתונה.

דער חתן, מיין פאָטער, האָט סוף כל סוף געוווּסט וואָס ער רעדט; די בית־מדרשניקעס האָבן אין די נעכט „געקאָפּעט די פלאַכטע". דער „סמאַלע־קאָפּ" האָט זיי „אונטערגעטרחנט" איינע פון די שענסטע מיידלעך פון שטאָט.

איין מאָל האָט דער טאַטע אין בית־מדרש געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, וואָס ער האָט געהערט אין בלענדיוו: אַ חסיד וואָס פאָרט צום רבין, האָט אַזאַ הנאה ווי אַ „דייטש" וואָס פאָרט אין טריאַטער, אַ בחור האָט עס אָפּגעטראָגן צום מחותן:

— מאָשקע האָט געזאָגט אַז גער איז אַ טריאַטער (דער זיידע איז געווען אַ געַרער חסיד). צו מיין גליק, איז דער שידוך צוליב דעם נישט אָפּגעגאַנגען...

נאָך דער חתונה פון זיין זונדל, איז דער זיידע, שלמה־יצחק, אַוועק טאַנצן אויף אַן אַכט־און־צוואַנציקסטער חתונה...

מיין טאַטנס נאָנטסטער בית־מדרש־קאָלעגע איז געווען, קוש־מירעק (דעם פאָרנאָמען געדענק איך נישט), אַ „טעג־עסער", זון פונעם דעמאָלט באַקאַנטן וואַלד־מאַגנאַט יחזקאל קושמירעק, וואָס איז שפּעטער געשטאָרבן אַן אָרעמאַן; ראש־השנה האָט זיך דער „באַנקראָטשיק" געמוזט באַהאַלטן אין די „קזשאַקעס". די פּאָליציע האָט אים געזוכט „מיט קייטעלעך".

אַ שווים־אינסטרוקטאָר

משה־מאיר „שפּרעכער" — אַ יתום נאָך זיין מוטער. דער פאָטער, ישעיה־שלמהס, איז געווען אַ קאַלטער טאַטע און אַ „הייסער" מאַן צום צווייטן ווייב, דעם ייִנגלס שטיף־מאַמע. איין מאָל, נאָך אַ „פריינדלעכן" ווערטער־אויסטויש צווישן דעם פאַרביטערטן ייִנגל מיט זיין „מאַצאָכע", האָט דער פאָטער אים צעשלאָגן און אַרויס־

געטריבן. דאָס עלנטע יינגל האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיטן לעבן: ער איז אַוועק צום „אופּוסט" און ביי דער טיפסטער זייט פון דער דאַמבע אַרויפגעדראַפּעט זיך אויף די „לייטערלעך" און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַראָפּגעשפּרונגען; דער טויט האָט אים אַרומגע־נומען עכט פאָטערלעך... אַ פאַרכלישניעטער, אינעם מיטלפּונקט פון אומרחמנותדיקן אָפּגרונט, האָט אין אים אַ פלייץ געטאָן אַ בענק־שאַפט צום לעבן; אַלע קינדערשע וויטיקן און נישט דערחלומטע בענקשאַפטן האָבן הייס אַ שפּאַר געטאָן אין זיינע מוסקלען; ער האָט זיך קאָנוולסיוו געראַנגלט און — מנצח־געווען.

ער איז נאָך דעם געוואָרן דער שווים־אינסטרוקטאָר פון אַלע ביאַלער יינגלעך. איך האָב אים פאַר די שווים־לעקציעס געצאָלט מיט אונדזערע קאַרמעלקעלעך פון דער אייגענער „פאַבריק".

די מאַמע, די „פאַבריקאַנטקע", האָט באַשעפטיקט אַ גאַנצע שטוב מיט היימישע מיידלעך, וויקלערינס פון די צוקערלעך. מיר איז געווען זייער היימלעך מיט די מיידלעך און ס׳האָט מיך געקרענקט, ווען די מאַמע האָט מיך כסדר געטריבן אין חדר אַריין.

איך בין געווען דער בכור. ווען די הייבאַם האָט זיך געפּאָרעט ביי דער מאַמעס בעט ביים געבוירן ס׳צווייטע קינד, האָבן די נאָנטע משפחה ווייבלעך מיך געררייצט: דו וועסט ווערן וועלוועלער...

— וואָס פאַר אַ וועלוועלע? איך הייס לייבעלע, נישט וועלוועלע.

— דו וועסט ווערן וועלוועלער, לייבעלע; די מאַמע וועט באַלד ברענגען נאָך אַ יינגל...

די מאַמע האָט געבערענגט אַ יינגל און נאָך אַ יינגל און זיי, די ווייבער, האָבן געוווסט וואָס זיי זאָגן... מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די מאַמע האָט מיך נישט ליב.

כ׳האָב עס אין קינדערשן וויטיק איר אַפילו פאַרגעוואָרפן:

— דו האָסט מיך נישט געבוירן...

די מאַמע האָט מיר נישט געענטפערט קיין וואָרט.

גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך דאָס טיף איבערגע־קרענקט. דער פאָרוווּרף אַז זי האָט מיך נישט ליב איז געווען אַ ליגן.

כ׳בין קראַנק געוואָרן, דער קאָפּ האָט געגליט, די מאַמע איז נאָר וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען פון בעט. די ייִנגערע קינדער האָבן אַרומגעוואָיעוועט, די מיילעכלעך איינגעשמירט מיט שאָקאָלאַד־פּאַס־טילקעס. כ׳האָב אַ פיבערדיקער אַרויסגעקוקט צו זייער פאַרהאַוועט־קייט. די מאַמע האָט פלוצלינג איבערגעריסן דאָס אויפבעטן ס׳בעט, געוואָרפן אַ פאַרחידושטן בליק איבער מיין „אוסטאַטקעוועטן" שווייגן, צוגעלאָפן צו מיר:

— וואָס אי׳דער געשען, וואָס?

אַ וואַרעמער שטראָם האָט אַ פלייץ געטאָן איבער מיין צעווייטיקטן לייב, ווען זי האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף מיין שטערן. ס׳האָט זיך געלוינט קראַנק צו זיין...

די שטוב האָט אָנגעהויבן צו „צוואַלעווען". די באַנקעס האָבן זיך צעקלינגען אין דער בלאָער שיסל, באַלד האָט אַ זעץ געטאָן אַ פאַרע פונעם הייסן וואַסער, און מיר איז געווען שווער צו דערגיין צי דער קלאַנג קומט פון די שלאָגנדיקע שלייפן, צי פון די הייסע באַנקעס.

אַ „מזיק" איז מיין מאַמע געווען אין פאַך... די גאַנצע ברייטע משפחה און אַ האַלב שטעטל האָט זי „געבאַנקעוועט". אַן אמתע באַנקירשע...

די זייטן האָבן געשטאָכן בעתן איבערדרייען מיך מיטן פנים אַראָפּ, דאָס וואַטע־פענדל גענעצט אין ברענספירט האָט געטאַנצט איבער מיין קאָפּ. דער אָטעם האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרהאַקן און ס׳איז מיר געווען אויסטערליש־היימלעך, דאָס צעפּלויגענע פלעמל איז אַהער אָנגעקומען פון יום־כיפּורדיקן נשמה־ליכט.

יעקב — דודלס

אַ יונגערמאַן אַ רויט בערדלדיקער; ווי שטיל דאָס איז געווען אין דער טאָג־טעגלעכקייט, אַזוי „תקיף" האָט ער געפירט די „גרענדע" אין „זיין" גערער שטיבל. קיינער האָט נישט געוווסט די סיבה, קיינער האָט נישט „רעוואָלטירט". די בחורים האָבן דאָס מסביר געווען מיט דעם וואָס זיין עלטער־זיידע האָט מנדב געווען אַ בעלקע צום פולאָפ פון שטיבל; זיין באַליבטער „זאָג" איז געווען: „קריגסט צוויי פעטש און אַ וואָרף אַרויס".

די בעלקעס פונעם סופיט זענען געווען מאַסיוו, מיט אומסי־מעטרישע ברייטע שפּאַלטן, ווי די קנייטשן פון די הויכע שטערנס ביי די אַלטע חסידים.

די ברעטער אין דער קווער צווישן די בעלקעס זענען געווען „פּרוכניאַלע"; די קעסט־ייִנגעלייט האָבן אַרויסגעקראַצט מיט די פּען־מעסערלעך די געלע, דינע פּרוכנע, אַהיימגענומען דאָס איינ־צופודערן מיט דעם די פּאַרשוויצטע ווינקלען צווישן די פּיסלעך פון זייערע זויגקינדער, אַ „סגולה" — און אַן איינשפּאַר פון אַפּטייק־פּראָשקעס.

קיין בית־כסא איז ביים שטיבל דעמאָלט נישט געווען; די רוסישע זעלנער האָבן דאָס אין דער ערשטער מלחמה צענומען אויף אָנצוואַרעמען זיך. לינקס פונעם שטיבל האָט געוווינט דער שוסטער, מרדכי פיינער (מרדכי וועווס), מיט זיין שיין טעכטערל, פּערל־מלכה; די יפהפיה האָט ליב געהאַט זיך איבערצוטאָן ביי אַן אָפענער טיר, און דאָס האָט געהעכערט דעם „דופק" ביי די דורכגייענדיקע בחורים...

יעקב דודלס האָט געהאַט אין שטוב צו פאַרקויפן שיך. די מאַמע איז אַ מאָל מיט מיר געקומען אָנמעסטן אַ פּאָר שיכלעך. ער האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָך אַ קליין שאַכטל, אויפגעעפנט עס און — ס'האָט מיר אַ בלענד געטאָן דער שיינער לאַקירטער בליאַסק.

— זיי זענען צו קליין — האָט די מאַמע געזאָגט — און אים צוריקגעגעבן דאָס שיכל.

כ׳האָב זיך געבונטעוועט...

— זאָל ער זיי אָנמעסטן — האָט יעקב דודל מיר באַפוילן. איך האָב אָנגעמאָסטן, מיר איז הייס געוואָרן אין די ביינער.

— גיב אים אַ גרעסער שיכל — זאָגט די מאַמע.

ער ציט אַראָפּ איין פּודלע, די אַנדערע, איך מעסט זיי — זיי זענען גערוימער, פּאַסן מיר אויסגעצייכנט, נאָר איך שפּאַר זיך איין, איך וויל זיי נישט, איך נעם צוריק די לאַקירטע שיכלעך, „מאָרדעווע״ זיי אַרויף אויף די פּיס.

— זיי זענען דאָך ענג אויף דיר — טענהט די מאַמע.

— זיי פּאַסן מיר זייער גיט — זאָג איך און קלאַפּ אָן ווילעריש מיט די זוילן אין דער פּאָדלאָגע.

— זאָלסט מיר נאָר שפּעטער נישט פּאָקוטעווען, ראָצפּאַס איינער...

איך לויף אַהיים, ווי אויף אָנגעגליטע קוילן, „זיי וועלן זיך צעגיין״, דערמאָן איך זיך דעם זאָג פון מרדכי קאַטשקע דעם שניידער.

איך קאָלער זיך קוים אַהיים, פּאַל אַנידער אויפן בעט.

מיין געשוועסטער קינד, סרולקע שלמהס, באַטאַפּט מיר די שיכלעך, ער פּענקעט פאַר קנאה.

— ווו האָסטו זיי געקויפט?

— ביי יעקב דודלס. זיי קוועלן מיך שרעקלעך.

— קוועטשן שמעטשן, וואַרט צו.

ער לויפט שנעל אַרויס. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צוריק, שלעפּט מיך אַראָפּ פון בעט און — שטעלט מיך מיט די „לאַקיערקעס״ אַריין אין פּעטער שלמהס נייע בלישטשענדיקע קאַלאָשן.

— ני, יעצט אי׳דער שאָין באַקוועימטער?...

בלענדיווער חסידים

פון ביאַלע ביז בלענדיוו איז אַ קימאַ־לן פון אַ צוואַנציק וויאָרסט. כדי צו יום־טובן ביים רבין דאַרפן ביאַלער חסידים נישט קיין קאָטשן, געגנוג דער „טראַמוויי נומער עלעף" אַ וואַנדער־„טלומיק", אַ שטיק ראַזעווע ברויט מיט אַ קעפּל קנאָבל און „תפילת־הדרך" — און דער טראַקט צום רבין „יאַק נאַ מאַשליע".

די אָרעמסטע פון די אָרעמע זענען ביי אונדז געווען די בלענ־דיווער חסידים. דאָס „שטיבל" איז איינגעשטאַנען ביי גאָדל סטאָליער און אויך דער רבי, אַז ער איז געקומען צו אונדז, האָט זיך „געסטאָ־לעוועט" ביי דעם הויכן, שטאַרקן יידן.

אַהער זענען געקומען „שלום־נעמען" שוסטער, דזשעגטשאָרעס, ברוקאַזשעס און דאַרפס־לייפערס, וויבער און — פויערים.

דאָ האָט דער רבי ביים טיש נישט געזאָגט קיין תורה און נישט געטאַנצט ווי אין לעבעדיקן, געוואַלדיקן גערער שטיבל. קוויטלעך, יאָ — און ברויט מיט הערינג און האָמעטנע כמורגע ברכות און שיריים.

צו מיין טאַטנס רבין זענען אויך געקומען די „גראָדזשיסקער", אויך באַלמעלאָכעס, פורמאַנעס און טרעגערס; צווישן די טרעגער — דער דעמאָלט נאָך יונגער שוואַרצבערדיקער שימשע.

אַז דער „גראָדזשיסקער" איז געקומען זענען געקומען צו אים „בלענדיווער" — אַ בשותפותע „חסידאַרניע" פון איין גזע: — פון רבין ר' משהלע מאָגיעלניצער, צי פון „קאָזשעניץ", דוכט זיך.

איינער פון די צוויי רביים, אָדער זייערע טאַטעס, זאָל האָבן איבערגעלאָזט אַ ברכה אַז ביאַלע־פשוט זאָל זיין באַשירעמט פון אַ שריפה.

און פאַקטיש — ביי די אויסגעמאַרכטע איינגעטרוקנטע, היל־צערנע כאַלופקעס, מיט די צעלעכצטע שינדל־דעכער און צעקראָכענע זיך־שיילנדיקע „פאַפּע", וואָס האָט אין די הייסע זומער חדשים

געגליט ווי פייער — איז דאָס געווען ממש אַ נס מן השמים, אַז ס׳האָט נישט געברענט.

ס׳האָט שוין דווקא יאָ געברענט, און נישט נאָר אין די הויקער־דיקע אויסגעקרומטע קוימענס פון די קעלערדיקע „פּיעקאַרניעס״ אין די זומער־נעכט; עס האָט געברענט דאָס יידישע קליינוואַרג און יונג־וואַרג. די פייערן האָבן זיך נישט איינגעשטילט אויף קיין איין מינוט, כמעט ווי אויפן חומשדיקן מזבח... מאָטע „בליאַכאַרזש״ מיט די קינדער קעגן שוואַרצן יוסף. מ׳איז מער אָפּגעליגן אין די ראַוווער „סאַנדעס״, ווי מיט די ווייבער. אַלעקסאַנדערער חסידים מיט גערער; שטייער־מוסרים מיט דער גאַנצער שטאָט קרעמער און באַלמעלאָכעס. און דאָס פייער צווישן אַלט און יונג, צווישן די צעירי אגודת־ישראל, מיט די „פּורקי עול״ — די ציונים; די ציוניסטן מיטן „בונד״; דער „בונד״ מיט די קאָמוניסטן — און פאַרקערט. די כראָנישע וואַל־רייסענישן צו דער קהילה, צום „סיים״. די העפּטיקע רייסערייען פאַר אַ נייעם רב און צום סוף — די טויט־שנאה פון די וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט און אונדז אויף אַש און פאַרעך פאַרברענט.

כ׳האָב אין די יוגנט־יאָרן מיטגעברענט מיט אַזאַ היימיש שריפהלע; געווען איז דאָס נאָך דער פּטירה פונעם „תפארת־מנחם״. אַלס רב מצד די גערער האָט קאַנדידירט דער יונגער עילוישער אלמן יצחק־מענדל פון שכנותדיקן ראַווע (מאַזאָוויעצק), מצד די אַלעקסאַנדערער — אין אַ בלאָק מיט די האַנטוועקער — הרב שטאַרק פון סקאָלע. די יידן זענען געווען אַליין דער פּולווער און אַליין די שיסער... מיין פעטער, אברהם ד׳ער שוואַרצער, האָט גע־זאָגט, אַז יידן וועלן פאַרן קיין ארץ ישראל אויף די רעדלעך, אויף וועלכע דאָס שטעטל פאַרט ביים אויסקלייבן אַ רב.

כדי אויסגעקליבן צו ווערן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ רוב שטימען. האָט ביי אונדז דעמאָלט צירקולירט אַן עפּיגראַם, אויפן משקל פונעם פּוילישן קאַלאַמבור „וופאַדל־בוק״:

דער רב איז אַריינגעפאַלן אין ראַוו, און אַרויסגעצויגן האָט אים אַ רוב. אַפילו די פאָליאַקן די „שטאָט־טליקעס״ האָבן זיך „אַריינ־

געקנעטן״ אין דער „ראַסן־ריינער מאַכלאַיקע״, געשפּאָלטן זיך אויף צוויי צעקריגטע „פּאַראַפּיעס״, די „מעשטאַנסטוואָ״ האָט נוטה געווען צום גערער קאַנדידאַט — באשר דער יינגער אלמן וועט חתונה־האָבן מיט דער רביצין, די אַלמנה, און די קהילה וועט איינשפּאָרן אַ האַלבן „עטאַט״. דער „כלאָפּישער״ צד האָט געהאַלטן מיט די „פּראָלעטאַריער״, זיי איז „געגאַנגען אין לעבן״, אַז ביאַלע זאָל האָבן אַ ראַבין „נאַ פּאָקאָז״, מיט אַ שיינער גראָער באָרד.

די צוויי קאַנדידאַטן־רבנים האָבן זיך גראָד אין דער מחלוקה נישט געמישט... אדרבא, גערופן צו שלום.

דער סקאָלער, הרב שטאַרק, האָט שבת אין דער פרי צום ערשטן מנין גערופן צו שלום: „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״ — און מניה־וביה טריפה־געמאַכט אַלע טשאָלנטער (די שוחטים — אַ חוץ איינער — זענען אַלע געווען „גערער״).

כ׳געדענק יענע „טריפה־דעקלאַראַציע״. דער יינגער פּקחות־דיקער גערער חסיד, חיל־מאיר בלאַשטיין, האָט פייערלעך אויסגע־רופן אין שטיבל: דער סקאָלער האָט געפּסקנט: די טשאָלנטער זאָל מען „רייבן״ און די דיניצעס זאָל מען כשרן...

מיין פעטער, אברהם, האָט פון אַ געהיימען מקור נאָך פאַרן דאַוונען געוווּסט וועגן דער גזירה.

אָפּגעדאַוונט ביחידות, אין דער היים, האָט ער מיט די קינדער בהשכמה גענומען זיך צום טשאָלנט מיטן קוגל. דער שמש, יאָסל־מאיר, האָט אָנגעקלאַפּט שוין „פּאָ־כופּיע״...

— דער רב האָט מיך געשיקט מודיע צו זיין ברבים אַז די טשאָלנטער זענען טריפה.

— אָוואָ, האָט דער פעטער אברהם זיך תמעוואַטע געקראַצט אין בערדל; הער אַ מעשה, פאַר וואָס האָסטו דאָס מיר פריער נישט געזאָגט ?...

נאָך ביים לעבן פון רב דערמאָנט זיך מיר אַ פּיטשינקע שריפהלע; ר׳ מנחם מענדל האָט געוואָרפן אַן אומחן אויפן פאַר־עלטערטן יוסף שוחט, ער איז פּסול, ווייל די הענט ציטערן אים!

כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם; יוסף שוחט איז געווען אַ מזג־טוב און באַליבט ביי אַלע. איין מאָל, חול־המועד־סוכות איז דאָס געווען, דאָס פלינקע „רעיוואָלע" האָט, ווי אַ מינטוסל זיך אונטערגעגנבעט צו יוסף שוחטס אתרוג און אים טריפה געמאַכט (צעשטאָכן מיט אַ שפּילקע).

ס'איז געוואָרן אַ „רוד" אין שיל, היתכן? דער שקצישער חריף, יעקב דוד איטשעס (שרייבשטיין) ז"ל (ערשט נישט לאַנג גע־שטאָרבן אין בוענאָס־איירעס), האָט געגעבן גערעכט דעם רב, באשר, רב מענדל, אַ תלמיד־חכם, איז אַ שותף צום אויבערשטנס „מעשה־בראשית"; דער אויבערשטער באַשאַפט בעלי־חי מיט נקבים נקבים, חלולים חלולים, דער רב שליט"א — אויך אַזוי...

☆

צען קילאָמעטער דרומדיק פון קליין־ביאַלע ליגט דאָס פּאָלוואַרק רעגנווו, דער פּריץ פונעם „גוט" איז געווען ר' שמואל עליע טאַלמאַן, אַ פרומער חסידישער יונגערמאַן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין פּוילן האָט אַ ווייע־געטאָן מיט שנאה צו יידן און מיט „סאָציאַליזם" האָבן די אַרומיקע וואָיטן און סאָלטיסן געגרייט אַ בקשה אין דער „ראַדאַ־גמיננע" מען זאָל פאַרצעלירן צווישן די פּאַראָבקעס די רעגנוווער פּריצישע „מיעניע", דאָס האָט געשמעקט אי מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט, אי מיט אַנטיסעמיטיזם; די ראַדע־זשע־מיאַנסקע האָט שאַרף פּראָטעסטירט, זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז אָנהויבן הייבט מען אָן מיט אַ פּריץ אַ זשיד און ענדיקן וועט מען ביי זיי. די פּראָפּאָזיציע איז פון וואָיעוואָדע אַראָפּגענומען געוואָרן פון סדר־היום.

ר' שמואל־עליע האָט דעמאָלט, געדענק איך, געדונגען דעם יונגן בעל־תפילה העשל רבקהס; אַ נאַר וואָס דעמאָביליזירטער פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה; ער האָט געדאַרפט דאַווענען אין „הויף" ימים־נוראים.

אויס קינדערשער טשעקאַוועקייט בין איך מיטגעגאַנגען מיט העשלען, מיין געשוועסטער־קינד, ערב ראש השנה קיין רעגנווו, „שלוש־עשרה מידות" האָבן מיר געזונגען ביי נאַכט גייענדיק, מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף די וועגן יידישע סאַדאָווניקעס, פּאַכטערס און ישובניקעס פון דער „אָקאָליצע". זיי אַלע האָבן עולה־רגל געווען קיין רעגנווו צום דאַווענען און צו תקיעת־שופר. אַ פּיל־מנינדיקער ציבור האָט עולה־רגל געווען אין יידיש־פּריצישן הויף ווי אַ מאָל אין בית־המקדש אַריין. דאָס זענען געווען וואַנדערנדיקע אליהו הנביאס ערב דעם עולה־רגל זיין צו זייער שוידערלעכער פאַר־טיליקונג.

די פּוילישע פעלדער און וועלדער באַזונגענע פון סעגאַלאָוויטשן, קאַגאַנאָווסקין, אַש און אָפּאַטאָשו האָבן צו אונדז זיך צוגעהערט מיט אַלע ליכטיקע טראָפּנס־טוי און שווייגנדיק נאָכגעפּאָלגט אונדזערע אומזיכערע באַוועגלעכע שאָטנס.

ימים־נוראים אין רעגנווער „הויף"

דורך פוילנס פליינען רוישט אַדורך דער ערשטער אלול־ווינט
און זאַפּט אין זיינע פאַלדן איין די אימה פון נאָנטן יום־הדין.
„אל הוריתא לנו לומר שלוש־עשרה" — רוישט אַ תפילה —
אַן אַלאַרם־לויפער.
דער צער גלות׳ט אין די דערפלעך מיטן היימיש־יללהדיקן
תקיעת־שופר.
די סאַדאָווניקעס נע־ונדעווען אין דער נאַכט אַריין פאַרגאַרטלטע
מיט „פּאָווראָסלעס" פון „זכור־ברית" און אימה.
די פייטנים פון די סליחות, פון די וואַגלערס מיילער: „ועל ידי
עבדיך הנביאים כתוב לאמור".
זייערע סערמיענגעס לויכטן אין חצות־שימער מיט
טויזק־לבנהדיקער דאגה.

די עשרת ימי־תשובה קליידן זיך אויף זיי —
בלאָ־פאַלדנדיקע אַלפּאַגע.
ר׳ שמואל־עליע, דער פריץ רעגנווער, פאַרטרייבט פון דער נשמה
זיין וואָכעדיקע „פּאַסעסיע״ די פעלדער און די שייערן.
די פרומע פריצע צינדט אָן די זשיראַנדאָל־קרישטאָלן
מיט ווייסע סיני־פייערן.

די פאַרביקלעך שליפיענען צום בית־מדרשל פון זייער
„זשידאָווסקי פּאַן״:
— ער ווינט, ווי דער סטאַנגעריט וואָלט אים צוגעשטעלט
צום האַרצן אַ „נאַגאַן״.
ער „בעטשעט״ פאַר זיין „פּאַן־בוג״ מיט אַ „גאַרדזשעל״
פאַרקרעמפּעוועט און ענג,
ווי עמעץ וואָלט אויף אַבראַמס עקידה זיין ווייב מיט קינדער
אומגעברענגט.
אויפן פולאַפּ קנוילן זיך צענויף ליכט מיט שאָטן אוןביידע
„קאַנוואָלסירן״, גוססן,
צאַנקען אויס ביינאַנד אין מורא פאַרן געשוואָלענעם
שנאהדיקן דרויסן,
וואָס שמעקט מיט וייכער זשיוויצע און מיט דורשט נאָך
יידיש בלוט.

און ביידע שטאַרבן, געקוועטשטע פון די תפילות — דעם
אויבערשטנס דראָענדיקער רוט.
די מתפללים טוען זיך אַ וואַלגער אויף דער ערד —
באַטליטעטע מיט הכנעהדיקן כורעים.
די נשמה־ליכט טריפן זייערע צעפיבערטע גזרן אַריין אין
די געל־צעשאָטענע מחזורים.
יידן צונויפגעבייגלטע, ס׳שמעקט פון זיי מיט אַמעראַצעס
ערדישער און מיט איבערערדישע חרטה־פּיינען,
צום הימל צוגעגאַרטלטע מיט פאַרטרויען — „ותגער בשטן
לבל ישטיננו״.

זייער באַשעפער איז אַ טאַטע, אַ בעלפער, אַ שמייסער־יינג
אַ כמורנער שטרענגער;
זיין דאַבראָדזשיעסטוואַ איז ברייטהאַרציק־מילד — אין דער
מאָס, ווי די העלדזער ווערן ענגער.
אַז די עפל נישט־דערצייטיקטע הערן דאָס געוויין פון די
בוימערשע צופיסנס,
וויינען זיי צו זייער צושטייער — דעם איבערמאַרגנדיקן ווי
פון ווערן אָפּגעריסן;
זיי בענטשן איבער זייערע אייגענע נשמה־ליכטער — די טויען
צוגעפּלעמלטע צו זייער פּאַ־משפטקייט און שיינקייט.
היות זיי זענען פול־מנינדיק, שווייגן זיי אַ „קדיש“ אויס
נאָך זייער פאַרגורלטער אַליינקייט.
ביז דער מוצאי יום־הדין וועט אַ לאַרעם טאָן זיין „פּסוקי־דזמרא“
אין די בלעטער ציטריק.
נאָר לעת־עתה זינגען זיי מיט: „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק“.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איך בין זייער פאַרווירטקייט „מחוץ־למנין“ און זייער
נשמה־פלעמל צו כל־נדרי־צייט,
מיין געוויין יאָגט זיך אַלץ נאָך די חצותיקע עולי־רגל־דאַוונערס
אין פינצטערניש פאַראַשט און צעזייט.

אויף אַלע אינסטרומענטן און אויף אַ פולער גאַמע האָט מיין שטעטעלע ביאַלע אויסגעשפּילט די וווּנדערלעכע מעלאָדיע פון שורשדיקער מענטשלעכער יידישקייט. מיר האָבן דאָ געהאַט אַלץ בשפע, מיט וועלכער עס זענען געבענטשט און פאַרשעמט געווען די גרעסטע יידישע קהילות אין דער וועלט: טוגנט, טיף־יידישן שאַרפזין; פקחות, רשעות און רויע טעמפּקייט; צאַרטע ליבשאַפט און גראָבע, נאַקעטע שנאה; צולהכעיסדיקע אפיקורסות און אומ־

דערשיטערלעכער אמונה; קריכערישקייט און ווירדע; לאָמיך־גע־מאַכיקע גלייכגילטיקייט צו אַלץ און צו אַלעמען און ליידנשאַפטלעכע צוגעבונדנקייט צום שטיקל ערד פון זייער געבוירן־אָרט, צום לעבן, צו זייערע נאָנטע און צו אַלץ וואָס איז ווירדיק געליבט צו זיין.

יידישע יונגעלייט זענען אויס וויסנדורשט און מאַטעריעלער נויט זיך צעפלויגן איבער דער וועלט, זוכן תכלית און אינהאַלט, זוכן עמאָציע און גליק און אויף די עלטערע יאָרן צוריקגעקומען שטאַרבן, שיר נישט ווי קיין ארץ־ישראל — זייער אילוזאָריש „יידיש לאַנד" בזעיר־אנפין.

אָרעמע לייט

דער עלטסטער אָרעמאַן, וואָס האָט זיך צוגעבאַקן צו מיין פאַר־נעפלטן קינדערשן זכרון, איז נפתלי. די קינדער האָבן אים גערופן „נאָפּטוליע ויהי באַכטשי האַלאַילו". די סיבה פון דעם צונאָמען אַנקערט אַוודאי אין זיין געוווינהייט אויפצושטיין אין מיטן נאַכט און ביים צעשפּאָלטענעם פענצטער, ביי דער קאַרגער שיין פונעם פאַרסאַזשעטן „גאַגעלע" (קאַניצל) זאָגן תהילים.

כ'דערמאָן זיך נישט, אַז ער זאָל ווען עס איז האָבן געגאַנגען איבער די הייזער. דער זיידע, שלמה־יצחק, האָט מיך אַ מאָל גענומען אויף דער האַנט און אַריינגעגאַנגען צום שכן, נפתלי. אַ זון אָדער אַ טאָכטער האָט פון אַמעריקע געשיקט אים אַ גראַמאָפאָן מיט אַ רויטע, ברייטע „טראָמבע", ווי פון אַ מעשענעם „פאָזשאַרנע"־טראָמפּייט.

מען האָט אָנגעדרייט דאָס „געמעכץ" און אַ קליינטשיק אַלט ווייבעלע האָט מיט אַ צעראַצט־פריילעך קעלעכל געזונגען „שטויסט איך אָפּ, און זייט קליג און שטויסט איך אָפּ..."

עפּעס קיצלדיקס און שקאָצעוואַטע האָט געשטעקט אין דעם לידל, דאָס וואָרט „שטויסן" האָט עפּעס ביי מיר זיך געבונדן מיטן

גלאַנצנדיקן מעשענעם מערזשער אין וועלכן די באָבע שטויסט פעפער אָדער צימערינג...

דאָס פּיטשעדיקע זינגענדיקע ייִדענעלע איז אַוודאי, אַריינגע־גאַנגען דורך דער קליינער עפענונג פון דער „טראָמבע" אין קעסטעלע אַריין נאָך איידער מיר זענען אַהין אַריינגעקומען; כ'האָב נישט געוואָלט אַוועקגיין, זי מוז דאָך פון דאָרט אַרויסקומען עסן, אָדער עפּעס אַנדערש טאָן... דער זיידע האָט בגוואַלד מיך אַהיימגעפירט שלאָפן; פרעגן איז נישט שייך: די גרויסע ווייסן גרויסע זאַכן, וואָס זיי האַלטן בסוד פאַר קינדער.

נפתלי איז געשטאָרבן אין אַ זומערדיקן שבת־צו־נאַכטס, שפּעט אין אָוונט, ביים ברעג פון „אופּוסט". שבת אַ גאַנצן טאָג האָט ער געקרעכצט אַ געשוואָלענער, קיילעכיק ווי אַ פעסל וואַקס; פון זיין מויל האָט געזעצט אַ ווייסע שוים, די ווייבער האָבן אים אַרויס־געברענגט טעלערלעך פיש און לאָקשענע קוגלען מיט חלה. דאָס עסן איז געבליבן נעבן אים אומבאַרירט. מיר האָבן מיט שטיינדלעך אָפּגעטריבן די הונט און די קעץ, דער קראַנקער האָט געקוקט אויף אונדז מיט גלעזערנע גרויסע אויגן.

ער האָט שווער אַרויסגעכאָרכלט „ווידע"!

אַחוץ עטלעכע ייִנגעלייט פון דער דערבייִקער שיל, האָבן די באַלמעלאָכעס געשמאַק געזאָגט תהילים; ס'איז, משמעות, „נישט גלייך" מפסיק צו זיין מיט אַ בליק אויפן קראַנקן, כדי חלילה נישט צו שטערן זיך אין הייליקן שבת מ'יט טרויעריקע זאַכן... בפרט ווען העלפן אים, האָבן זיי סיי־ווי נישט געקענט...

משה־לייב מלמד

די קינדער האָבן אים גערופן „משה־לייב מיטן ריישעכץ", משמעות, ווייל אויף קיין פליישׂ האָט ער נישט געהאַט, האָט זיין ווייב געשמאָלצן די גריצן מיט ריישעכץ — אַ ציבלקעלע איבער־

געפּרעגלט מיט אייל — ס׳איז וואָלוול, ס׳מאַכט זיך שנעל און מ׳שפּאָרט איין האָלץ.

זיין ווייב, דבורה־ריווע, איז געווען אַ געשווירענע „הייזער־מעסטערין״, פּרייטיק־ביי־פּרייטיק: פּאַר אַ קלעצל צוקער האָט זי געווינטשעוועט: גאָט זאָל העלפן עס זאָלט ווערן שטיין־רייך, אַז צ׳זאָלט מיר קענען געבן אַ שיינע „שענקאַזשע״. די באַלעבאָסטעס האָבן געלאַכט, נישט געקאָנט פאַרשטיין, היתכן? בעטסטו שוין צו גאָט, קאָנסטו דאָך בעטן, זאָלסט אַליין זיין רייך און נישט דאַרפן אָנקומען נאָך נדבות צו אַנדערע. דבורה־ריווע האָט נישט געוואָלט „באַשטיין״ אויף דעם:

— ס׳טייטש? ווי אַזוי וועט ביאַלע קאָנען לעבן אָן מיר?

זי האָט געגלויבט באמונה־שלימה, אַז דער קיום פון שטעטל איז אָפּהענגיק פון איר „גרויסמוטיקייט״...

זיי האָבן אויך געוווינט אין שמאָלן „אופּוסט־געסל״ (פּאָד־זשעטשנע). אַלדאָס גייסטיקע האָט ביי אונדז „געראוט״ אין דעם ענגן געסל: די שיל, די גערער, גראָדזשיסקער און אַמשינאָווער שטיבלעך; די קהלשע פּאַרזאָרגער פון די אָרעמע־לייט מיט עולם־הבא — און די וואָס האָבן געמאַכט פון דער אָרעמקייט דאָס גרעסטע געלעכטער — ווי מיין זיידע, שלמה־יצחק שוסטער.

— פאַר וואָס הייס איך שוסטער? פלעגט דער זיידע לצוועזן, אַז דער אייבערשטער וויל, שיסט ער אין מיר אַריין אַ קבצן, אַז ער וויל — שיסט ער אין מיר אַריין אַ יינגל אַ בן־תורה, אָדער גאָר אַ רעיון צו לערנען אַ פּרק „אָבות״ מיטן ברטנורא.

דאָס שמאָלע געסעלע איז אויך געווען דאָס לעצטע קאָרידאָרל צום טויט — צום בית־עולם.

ווען דער טאַטע האָט נאָך האַלבן טאָג זיך „אַרויסגעמאַכט״ בגניבה פון שטוב אַרויס, קיין בלענדיווו, האָט ער מיך שוין דערווישט פינף וויאָרסט הינטער דער שטאָט, אויפן „פּאַטשאָנטקאָוויצער „פוי־לישן וועג״. עפּעס האָט ער אין פאַראיבל געמאַכלט אונטער דער נאָז

וועגן ביטול־תורה, וועגן חדר און דאָך מיך, דעם פינפיאָריקן בן־אָק, אָנגענומען ביים הענטל און ווייטן וועג אַריין.

ס'איז געווען ערב הושענא־רבה. דער טאַטע איז געגאַנגען אין דער חברותא פון רויט־אויגיקן משה־לייב מלמד.

וועגן גמרא איז נישט געווען וואָס זיך מפלפל צו זיין; דער מיטליאָריקער, איינגעבויגענער חסיד, משה־לייב, האָט קוים געקענט אַ פרשה חומש־רש״י, געהאַט אַ השגה אין של״ה הקדוש״ און אין „נחלת־צבי״ פון זיין „רביצן״, דבורה־ריוועס טייטש־חומש; האָבן זיי דערווייל ביחידות געדאַוונט מנחה און פון פיטשינקע סידורימלעך — „תפילת־הדרך״.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך, זענען זיי אַריבער אויף זאַכן „שבין אדם לחברו״, יענער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ: דאָס זונדל, אהרון חיים יחיאל, כ'האָב אים אַ נאָמען געגעבן נאָכן מאָגעלניצער רבין, איז דאָס, ס'זאָל נישט געדאַכט זיין, וואָס אין דער קאָרט, און צום חומש'ל — האַק אין לעדער און טרעןן... כמעט אַ „בן סורר ומורה״.

כ'האָב אָנגעהויבן פּלאָנטערן די פיס, דער טאַטע האָט צאַרט ברוגזלעך מיך אַרויפגעזעצט אויפן קאַרק, און גענע־ונדעוועט מיט מיר אַריין אינעם פאַרנעפּלטן זונפאַרגאַנג.

— עסט אַריין קיין בלענדיוו — האָט דער טאַטע צו מיר אַרויפּ־גערעדט מיט אַן אויסגעקרומטן קאָפּ — עסט אַריין קאַ בלענדיוו, גיי אַריין צום פעטער יאַנקל, גיב אים אָפּ אַ גרוס פון דער מאַמען — זיין שוועסטער — און שפּיל זיך דאָרט מיט פריידעלען. יאַך על בינו־לבינו אַריבער צום רבין אָפּנעמען שלום — און דערנאָכטן קומען צון'ענק...

די נאַכט האָט זיך אַרונטערגעוויקלט אונטער אונדזערע פיס ווי טונקעלע ראָזלעך־וויכע פּאַקולע. דאָס שפּעטע אָונט־ווינטל האָט אָנגעטראָגן דעם אַנגסטיק־פאַרשלעפּערנדיקן אַראָמאַט פון יינג־שיקסלדיקע „שיעלאַנקעס״ פון די נאָנטע דערפלעך, פונעם געהעמטן פיבערדיקן מעקען פון די שאָף־סטאַדעס וואָס האָבן זיך געשלענדערט אַרום־אונדז אונטער דער שמירה פון אַ באַוועגלעכן שאָטן מיט אַ

לאַנגן שטעקן; די ווייטלעכע כאַטעס האָבן צו אונדז געווונקען מיט שוואַכע, מיניעדיקע ליכט־פּאַרפּעלעך פון די מיניאַטור־פענצטערלעך, זיי האָבן צו אונדז אַהערגעגריסט מיט פאַרוואָרצלטער איינגעפונדע־וועטער פאַראָבקישער „בידע" און לייבלעך־נאָנטער אָפּגעפרעמד־קייט... פון אַלע פענצטער־פלעמלעך האָבן זיך די שטראַלעכלעך צענויפגעסדרט ווי לאַנג־דראָטענע ציין פון אַברייטער „ווידלע". זיי האָבן די דריי יידישע נאַכט־וואַנדלער צוגעלויכטן שטעכעדיק...

משה־לייב האָט אַראָפּגענומען דאָס זעקל פון דער פּלייצע, אַרויס־געצויגן אַ ראַזעווע ברייטל, וואָס האָט זיך געקרישלט, אַ ציבעלע, אַ טאָרביטשקע זאַלץ, אַראָפּגעבויגן זיך צו די גראָזן אויף דער לאָנקע, „געוואַשן" זיך צו „שאו־ידיכם" — אינעם טוי. די הענט האָבן אויפגעלויכטן מיט לבנהקן זילבער. די ציטער־ליכט־פעדעם האָבן אויך פאַרנייט די צעריסענע פּאָלעס פון זיין כאַלאַט, אין וועלכן ער האָט אַריינגעווישט די הענט. אויך דער אָטעם־הויך פון דער ברכה „על־נטילת־ידיים" האָט פון מויל אַרויסגעקרייזלט רזין־דרזין'דיק...

ער האָט גייענדיק דערציילט אַ מופת:

אין ביאַלע איז געבוירן געוואָרן אַ יידיש קינד פון נישט קיין איבעריק־פרומער קימפּעטאָרין, ווען די „נישט־גוטע" האָבן געזען דורך די לאָדן־שפּאַלטן, אַז ס'הענגען נישט איבערן בעט קיין „שיר־המעלותן", האָבן זיי אַרויסגעגנבעט דאָס קינד. אינעם נאָנטן דערפל דאַינקעוו, האָבן זיי אָנגעצונדן צוויי סטערטעס קאָרן און געוואָרפן דאָס קינד אין דער הויך איבערן פייער, געשפּילט זיך דערמיט ווי מיט אַ פּילקע. דער רבי רב יאַנקעלע האָט דאָס דערזען דורכן פענצטער פון זיין בית־המדרש. ס'איז געווען הושענא־רבה צו חצות, האָט ער בדחילו־ורחימו אָנגעצונדן אופן עמוד דאָס פון יום־כיפור פאַרבלי־בענע שטיק נשמה־ליכט, אַ קלאַפּ געטאָן אינעם שטענדער און אויס־געשריען: „תיקון!" דער עולם האָט אָנגעהויבן מיט „משנה־תורה". אין דער מינוט האָט אַ דאַינקעווער פויערטע דערהערט אַ קינדעריש געוויין הינטערן פענצטער, זי איז אַרויס און אויפגעהויבן דאָס קינד

און צומאָרגנס עס אָפּגעפירט קיין ביאַלע צו דער קראַנקער קימפּע־טאָרין...

נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אינעם דערפל „קזשיזשוווקאַ״: אָנגעקלאַפּט אין איינער פון די כאַטעס, האָט די טיר פאָרזיכטיק געעפנט אַ שפּאַרונע און גלייך זיך ברייט צעפראַלט מיט אַ ברוך הבאדיקן היימישן סקריפּ; אויף יענער זייט וויטרינע איז געשטאַנען אַ מיטלוווקסיקער, מוסקולירטער, שלעפּעריקער ייִד מיט אַ טונקל־ברוינלעכער באָרד. מיר זענען אַריין מיט אַ שעמעוודיקן אָפּגעהאַקטן „גוט מאָ...״ — נישט געוווּסט, צי באַגריסן מיט אַ גוט־מאָרגן, צי מיט אַ גוט־נ׳אָוונט. די „פּאַכטשאַרקע״ האָט אויף דער גיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס סטענדל, צעלייגט אַ פייער אין דער לעפּיאַנקע און צוגעשטעלט טיי; דער טאַטע האָט מיך, ווי אַ זעקעלע קאַרטאָפל, אַראָפּגעצויגן פון די פּלייצעס, אַראָפּגעשלעפּט פון מיר די פּיצלעך שטיוועלעך, די הייזלעך און פּאַמעלעך מיך אַריינגעלייגט אין בעט צווישן צוויי שלאָפנדיקע מיידעלעך — און אַליין זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש זאָגן תקון ליל הושענא רבה.

שמחת־תורה ביי נאַכט אין בלענדיוועך רבינס בית־מדרש, צווישן זינגענדיקער התלהבות און טאַנצנדיקע הקפות, איז איינער אַ יונגער בחור צו צום רבין, ר׳ שלום מאיר יחיאל:

— הייליקער רבי — האָט דער בחור געבעטן מיט אַ געבראָ־כענער שטים — כ׳בין זינדיק, כ׳אַרבעט שוסטעריי אין וואַרשע, גיט מיר אַרויס אַ תשובה...

— אַרויס פון בית־מדרש! — האָט דער רבי זיך צעשריגן, שוין גאָרנישט ווי קיין אַלטער ייִד — אַרויס פּושע־ישראל, ד׳עסט קיין מאָל פון גיהנום נישט אַרויס, גוי׳שטשאָק!...

דער בחור, אַ וויינענדיקער, מיט אַ טיף־געבויגענעם קאָפּ, איז אַרויס פון בית־מדרש.

נאָך שמחת־תורה האָט דער רבי גערופן צו זיך דעם בחור:

— ביסט צוריק אַ כשרער ייִד. כ׳האָב דיר פאַרגאָסן דיין בלוט

ברבים, גיי אַהיים און דער אויבערשטער זאָל דיר העלפן זאָלסט גיין בדרך הישר...

באַלד נאָך יום־טוב איז אין ביאַלע קראַנק געוואָרן משה־לייבס ווייב, דבורה־ריווע; איך מיט מיין באָבע, רבקה־מרים, זענען אין אָוונט אַריינגעאַנגען זי מבקר־חולה זיין, איך האָב געטראָגן אַ טשוגון־טעפּל מיט הייסע אַרבעס מיט קלויסקעלעך.

משה־לייב איז געווען אין בית־מדרש און די קראַנקע ייִדענע איז געלעגן אין בעט — אויף דער פּאָדלאָגע, די ברעטלעך פון בעט־דנאָ זענען אַוועק אויף באַהייצונג.

דער זיידע, שלמה־יצחק, האָט פון רחמנות וועגן אַריינגענומען משה־לייבס ייִנגל, אהרון חיים יחיאל אויף דער לער צו זיך אין וואַרשטאַט, פאַרן עסן און צוויי פּאָר שיך אַ יאָר — אויף ראש־השנה און אויף פּסח. דאָס ייִנגל האָט געברענגט וואַסער אין שטוב אַריין, געווען אַ שטילער און געהאָרכזאַמער.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אין ייִנגלס נשמה; דער בחור איז געוואָרן אַ קלומפּ רויט, רוישנדיק פייער; אין די שבתים, ביים דאַווענען איז דאָס שול־געסל פול געווען מיט אים; דאָס יונגוואַרג איז געקומען הערן דעם נייעם חזן און בעל־דאַרשער... בורזשואַזיע, קאַפּיטאַליזם, פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט... פון וואַנען האָט זיך עס פּלוצטהאַלבן צו אים דערנומען?

איך, אַ קינד, האָב זיך צוגעהערט צו די ליידנשאַפטלעכע רייד פון מיין זיידנס האַנט־ייִנגל... אין רעדן איז ער געוואָרן גרויס, אַ נייער פּראָים קיסר...

ס׳איז אים נישט דורכגעגאַנגען גלאַטיק, פרומע ייִנגלעך האָבן זיך געבונטעוועט; דער לויזן־פויקער גייט ברענגען משיחן... די קאָמוניסטן גלייבן נישט אין גאָט, אַלץ איז ביי זיי אויף עלעקטרי... פאַר דאַווענען שיסט מען דאָרט.

לייב, משה־קאַצקערס, האָט דערציילט:

— דער צאַר ניקאָליי האָט פאַרשיקט אַ בונטאָוושטשיק צו די ווייסע בערן, האָבן אים אויסגעלייזט די רעוואָלוציאָנערן; דער „סוד"

פון דער רויטער גוואַרדיע האָט אים געשאָסן, ווייל ער האָט זיך „געקומיעט" מיט דער ווייסער גוואַרדיע.

משה „רבילע", אַ פרום שניידער־יינגל, האָט דאָס דערציילט אַ ביסל אַנדערש:

מ'האָטן, דעם מורד במלכות, פאַרשיקט קיין סיביר אויף פופציק גראַד פראָסט; די בונטאָוושטשיקעס האָבן אים אויסגעלייזט; די „טשעקאַ" האָט אים פאַרמשפט צום טויט, ווייל ער האָט געהאַט אַ „קאַלטע באַציונג" צו דער רעוואָלוציע...

אהרון חיים יחיאל האָט אויפגעשוימט; די רעוואָלוציע וועט באַלד קומען און זיך אָפּרעכענען מיט די שונאים פון פאָלק. אַ ליידיקע קלאָסע שטייט פאַרריסן מיטן קאָפּ אַרויף און אַ פּולע — איז געבויגן. די פרייהייט איז אומפאַרמיידלעך.

— אָט פון וואָס ס'חלומט די גאַנדז... האָט מיין פעטער, דער שוואַרצער אברהם, אַריינגעוואָרפן כלאחר־יד, גייענדיק אַהיים אין אַ צעפלאָשעטן טלית, מיידלעך — נישט באַוויזן אַראָפּצוציען די ווינדעלעך פון ת... און רעדט שוין פון מיידלעך.

— בורזשוי! — האָט דער „מאַסאָוויעץ" אים נאָכגעריגעוועט — קאָנטררעוואָלוציאָנער! די רויטע פאָן וועט ענק לערנען אַ פרשה־בלק.

דורך וועגן און אומוועגן האָט אהרון חיים יחיאל זיך „דער־שלאָגן" אַהין מיט נאָך אַ כאַליאַסטרע אָרעמע יינגלעך פון שטעטל; מען האָט זיי אין רוסלאַנד געהרגעט פאַר „שפּיאָנאַזש" לטובת דעם „יאַשניע פּאַנסקע" פּוילן.

דער שטומער לייזערקע

קוים אַ ביסל אַ שטאַמלער, נישט קיין שטומער; אַן אַלטער שוסטער אַ לאַטוטניק. איבער די הייזער איז ער געגאַנגען בלויז פון יום־טוב צו יום־טוב. אַ „צושפּרינג" צו דער פּרנסה איז אויך

געקומען פון דער „תוכחה", וואָס מען האָט אים פאַרקויפט איין מאָל אין יאָר.

ער האָט געוווינט אין שכנות מיט אונדז, מיט זיין זון, משה, מיט ווייב און קינדער.

די אָרעמקייט האָט אַרויסגעלויכטן פון דער שוואַרצער וויטרינע, ווי חנוכה־ליכטלעך אין ווינטערדיקן אָוונט־שניי, אַ שלווהדיקע דחקות ווי אַ בלאָ מעשהלע, פאַרבלאָנדזשעט פון עפּעס אַ נישט־דאָיִקע וועלט.

געשלאָפן איז ער אין איין בעט מיטן קליינעם אייניקל הערשעלע. איין מאָל אין אַ זומער־נאַכט האָט דאָס צעפּליקטע העמד אים אַזוי געביסן, אַז ער, לייזערקע, האָט זיך צעקראַצט מיטן גאַנצן אימפּעט. צו מאָרגנס איז דאָס אייניקל, הערשעלע, אויפגעשטאַנען צעביסן, „צעשעקעט" ווי אַ ריב־אייזן...

יוגנטלעכע און מענטשלעכע פרייד

די קינדער האָבן געגנישטערט און אומעטום אויסגעפינען באַהאַלטענע „קאָפּאַלניעס" פון פרייד: אין פורים־גרעגעריי; אין „יאַגעלעך"; אין פורים־פאַרשטעלעניש; אין וואַרפן „שטאַכעכץ" תשעה־באב אין די בערד פון יידן; אין „חמישה־עשר"; אַפילו דער קאַנטשיק פונעם רבין איז געווען אַן אָביעקט פון שעלמישער צולהכעיסדיקער שאָדנפרייד.

אַן עפּיזאָד: אַ שפּעט־זומערדיקער נאָך מיטאָג. מיר האַלטן אין מיטן דער משנה „המביא גט ממדינת הים". אין דרויסן שווימט אָן ווי אַ שוואַרץ פּוטערפאַס, אַ וואָלקן וואָס פאַרדעקט מיט זיך די זון. אין חדר ווערט פינצטערלעך — אַ מין דעמערונג פאַלט אַראָפּ אויפן טיש מיט די גמרות. דער רבי קוקט אַרויס, זוכט עפּעס אויפן טונקעלן הימל. קיין זייגער איז נישטאָ:

— מנע, מאַכלט דער רבי אין דער באָרד אַריין, ענקער מזל, נעמען די סידערלעך און דאַוונט מנחה...

די פּיבערדיקע פון פרייד הענטלעך שטרעקן זיך צו די סידורים, דער דרויסן ווינקט אַריין דורכן ברייטן געשפּאָלטענעם פענצטער:

— תנו רבנן פּטום הקטורת כיצד... די ליפּן מאָלן די ווערטער, ווי קאַווע־מילעכלעך... פּסוקים אין די סידורלעך רוישן אומרויִק, שעמעוודיק, באַליידיקט — אַזוינע שקצים...

די שעלמישע זון שיילט זיך אַרויס פונעם וואָלקנדיקן פוטערפּאַס, ווינקט אַריין אין חדר, ווי אַ יינגל וואָס איז קאַפּויער געקומען פון אַ שפּיל אין „באַהעלטערלעך".

— ס'נישט אויף ענקער גוטן, וויצלט זיך דער רבי מיט נקמה־פרייד, לייגן אַוועקעט די סידערלעך און נעמען די גמרות...

אַ בלייערנע שווערקייט גיסט אָן די קינדערשע הענטלעך, זיי פאַרמאַכן די סידורלעך.

— יאָ, ווו האָבן מיר געהאַלטן? „המביא גט ממדינת הים..."

אַ שוואַרצער וואָלקן קריכט פּאַמעלעך אַרויף און פאַרדישעט די זון, ס'ווערט פינצטער.

— ס'ענקער מזל, שקצים, נעמען די סידורים. מיר האָבן פּאַמעלעך אויסגעשפּיגן די מנחה ביי „עלינו", פּאַמעלעך פאַרמאַכט די סידורלעך, אַ בלעטער געטאָן די גמרא פון ס'ניי, ביים ערשטן „תנו רבנן" — און ווידער האָט אַ וואָלקן איינגעבאַבליעט אין זיך די זון.

— נעמען די סידורים, ממזרים!

ווען דאָס לעצטע יינגל האָט געקושט די מזוזה, האָט די זון זיך צעשיינט אין איר גאַנצער פּראַכט.

אַ מקור פון פרייד פאַר קינדער איז געווען דער טייך „אופּוסט". די דראָבנע שנעל־באַוועגעוודיקע קערפּערלעך האָבן זיך באַהאָנגען מיט מיליאָנען זונען, אויסגעבאָדענע אין וואַסער. די בלאָע ביי־ברעגיקע כוואַליעס האָבן געשוימט מיט שרעקנדיקן זילבער. דאָס האָבן די קינדערישע הענט זיי אַזוי צעברויזט און „איינגעזייפט אַ

מאָרדע״... די הייסע פרייד האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז דאָס שקאָצישע געהינטעכץ איז אָנגעלאָפן מיט זייערע צעבילטע הינט. אונדזער פרייד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אויפגעשוואָלענער שרעק און צעפּלאָשעטער מהומה:

די מיידלעך האָבן זיך „אויסגעשטורעמט״ אין פילקע־שפּיל, אין זינגען פאַרשייטע, פּוילישע לידלעך, וואָס זיי האָבן אונטערגעהערט פון די שיקסעס אויף די דאָרפישע „כאַסלערוס״, אין נאָכמאַכן די באָבעס און עלטער־באָבעס זייערע „פּאָסטעמפּקעס״ביים דערלאַנגען מיט ציטערדיקע הענט לעפעלעך געקאָכטע „האַאַדלעך״ זייערע וויג־אייניקלעך — די ליאַלקעס. די עלטערע פרויען האָבן געשמיי־כלט מיט פאַראיבל, צוקוקנדיק זיך צו די דאָזיקע „שמד־שטיק״. זיי האָבן אונטערגעוואָרטשעט אונטער דער נאָז — און דערביי דער־מאָנט זיך אין דער אייגענער קינדערישקייט, אין זייער אייגענעם „נאָכשפּעטן״ זייערע באָבעס און עלטער־באָבעס. זיי האָבן זיך איינ־געהערט אין זיך אַליין, אין די פאַרחלומטע און איילנדיקע טריט פון דער צייט.

די סאַמע גלייקסטע און אייפעריקסטע שפּיל איז געווען ביי זיי דאָס שפּילן שבת נאָך מיטאָג אין ניס. די יידן האָבן דעמאָלט גערוט. די בעטן האָבן געפּיבערט מיט מאַן־און־ווייב, מיט הייליקער עבירה, „געקאָרזשעניעט״ די קליינע „חצופּיסקעס״ אין דרויסן, הינטער די פענצטער פאַר זייערע וויסטע גראַטשקעס פאַרן נישט לאָזן הנאָה האָבן פון דער מצווה „שינה בשבת תענוג״...

די פרויען און כלה־מיידלעך האָבן זיך „אויסגעמוטלט״ אין מאַנגל, ביים וואַלקעווען די וועש. שבת נאָך מיטאָג — אין דרויסן, הינטער די פאַרשלאָסענע געוועלבער און אין די ערב יום־טוב נעכט — אין די פּיעקאַרניעס.

אַ מקום מוכן פאַר דער דאָזיקער ווייבערישער „פּליאָטקאַרניע״ איז, צווישן אַנדערע, געווען די בעקעריי פון מיין זיידן שמואל־מאיר.

כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען קליין, כ׳געדענק אַז מיין האַנט האָט

נישט דערגרייכט די פּלאַטע פון דער בייט. צווישן אַ געזעמל פון יונגע פּרויען, האָט די מאַמע געפּלאָכטן און געקנעטן טייג, דערציילט און געלאַכט, כ׳געדענק נישט קיין איין וואָרט, ס׳איז געווען אין די שפּעטע אָוונט־שעהען פון דער נאַכט ערב הושענא רבה. ס׳איז געגאַנגען אַ רייד וועגן קוילעטשן, שטרודלען, וועגן ברוינע לעכלעך פון המן־טאַשן, וועגן הייסע „פּיעראָגעס״ אויף טריפּהנע שיקסעס שמחות. די מאַמע האָט מיך געהאַלטן אין איין טרייבן פון זיך:

גיי אַהיים שלאָפן; וואָס האָסטו זיך אַנגעקלעפּט אין דער מאַמען, אפשר ווילסטו כ׳זאָל דיר געבן צו זייגן?... כ׳האָב נישט געוואָלט אַהיימגיין. דער זייגער פון דער פּיעקאַרניע האָט זקניש־קרעכצנדיק, מיושבדיק אויסגעשלאָגן די צוועלפטע שעה. די ווייבער האָבן פּלוצעם אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאַרמעליקטע פאַרטעכער, דער געלער פלאַם פון נאַפט־לאָמפּ האָט גענומען שפּרינגען פון זייערע אַנגעגליטע תחינות. די ווענט פון דער בעקעריי זענען צעשוואומען ווי וואַקס פון יום־כיפור ליכט. אונדזער קליין „פּאַדוורזשל״ האָט זיך אין דער נאַכט פאַרוואַנדלט אין אַן עזרת נשים און אַנגעקוואָלן פון די ווייבערישע פּחדים, פון די פרומע עברי־טייטש־תפילות און צעהעשעטע געוויינען.

„פּאַראָוואַניע״

איינע פון די קריגס־פּאָזיציעס אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך געפירט ממש אונטער אונדזער נאָז.

יענע מלחמה, זע איך דורכן שפּיגל פון מיין קינדערשן זכרון: ס׳איז געווען אַ מין אויסטויש פון לעבעדיקע קאָרטן; איין כוואַליע גרינע מונדירן קייקלט זיך אַוועק און אַ צווייטע — אַן אַשיק־גראָע — קייקלט זיך אַריין. דעם רוסישן „באַטיושקאַ״ האָט נישט געהאָלפן אונדזער יידישער „הנותן תשועה״, נישט דער אומשולדיק־געפּיי־ניקטער יידישער בחור, דער מכלומרשטער „שפּיאָן״. נישט דאָס

אַרויסטרייבן אונדז פון ביאַלע. די דייטשן זענען געבליבן ביזן סוף פון דער מלחמה.

צווישן די דייטשע זעלנער זענען געווען עטלעכע יידישע יינגלעך, זיי האָבן „אויפן שפרונג" געכאַפּט אין שיל אַ דאַוון, אַ לערן אין אַ פון מילבן צעפרעסענער גמרא און נעלם געוואָרן.

דער טיפוס האָט געשניטן יידישע לעבנס ווי מיט אַ קאָסע. די דייטשן האָבן געציטערט, אָנגענומען שטרענגע מאָסמיטלען. די פאַרדעכטיקטע אין טיפוס אָפּגעפירט אין הינטערשטאָטישן שפּיטאָל, זייערע פאַמיליע־מענטשן אויך. מען האָט זיי איינלאָקירט אין אַ שכנותדיק הויז, נישט ווייט פון די קראַנקע.

דער טאַטע האָט באַקומען פערציק גראַד היץ, די מאַמע האָט אים געשטעלט באַנקעס, אַרויפגעלייגט אייז־פענכערס אויפן קאָפּ; און איך האָב אים אונטערגעלייגט אַ „זהר" הינטערן קישן.

איינער פון די שטאָטישע לצים האָט אין בית־מדרש פאַרמשפּט דעם „יונגן „לאַמדזשוּד" — מיין טאַטן — צום טויט. מאַשקע בייניש ליגט אויף דער „פלייש־באַנק"!

אין אַכט טאָג אַרום איז דער ייד געשטאָרבן אין שפּיטאָל לעבן טאַטנס בעט און מיין טאַטע איז אויסגעשריבן געוואָרן — געזונט נאָכן טיפוס און קראַנק אויף מערידן.

אין דער היים האָט דער טאַטע דערציילט „ניסים מיט טשיפּ־קעס". די גאַנצע צייט אין שפּיטאָל האָט ער זיך געפינען אין אַ קיי־לעכדיק פאַס, וואָס האָט זיך אָן הפסקות געהוידעט ווי אויף אַ ספּרו־זשינע; די באָבע האָט דאָס „פּותר געווען": מען האָט דיך אין הימל געוויגן אויף אַ וואָג־שאָל; די מצוות האָבן איבערגעוווויגן...

דער „קרייז־שעף" פון ראַווער עפּידעמיאָלאָגישן רעוויר האָט געשיקט צו אונדז אַ סאַניטאַר־אינספּעקטאָר — אַ יידישן בחור פון ראַווע, „פּשיביש", אַ הינקענדיקער, אַ שרייער און זייער אַ שיינער.

ער איז געקומען צו אונדז מיט אַ דיזנפעקציע־מאַשין, וואָס האָט געשטונקען מיט געקאָכטן קאַרבאָל; געפאַרעוועט האָט מען בלויז ביי די יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף קיין

„פונדע" פאַרן דייטשישן פערסאָנאַל; די קריסטן, די „שטאָט־טליקעס", זענען אין גאַנצן געווען פטור פון דער „מענטשאַרניע".

פשיביש איז געווען זייער באַליבט ביי די יידישע מיידלעך. זיי זענען געווען די שמייכלדיקע „פראָטעקציעס". אין זייערע היימען האָט מען נישט „געפּאַרעוועט".

דאָס צעריסענע בית־מדרש

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די שלאַכט־הפסקות אַרום די דערנעבנדיקע טייכלעך „ביאַלקע" און „ראַווקע", האָבן די רוסישע זעלנער זיך אָפּגעשטעלט אין ביאַלע;ביים אַריינפירן זיי דורך די „ווזוואָדנעס" (קאָמאַנדירן פון קליינע איינהייטן), זענען די פאַר־בלאָטיקטע און פאַראומרייניקטע זעלנער געווען האַרב און דורכגע־פרעסענע מיט געפרוירענער גריזאָטע. זיי האָבן אומפאַרשעמט זיך „אויסגעמאַכט" אין מיטן גאַס. יידן האָבן דאָס גערופן „קאַקאַפּאָניע". נאָכן ערשטן וואַרעמען גלאָז טיי און די פאַרחידושטע בליקן פון די קינדער, זענען זיי געוואָרן אויסטערליש וואַרעם און היימיש צוגע־לאָזן. זיי האָבן געגלעט די קינדערס פנימלעך און דערציילט זיי, אַז זיי האָבן איבערגעלאָזט אין די היימען קליינע קינדער „זשענש־טשינעס" און משפחות.

זיי האָבן פאַררייכערט מאַכאָרקע אין צייטונגס־פּאַפּיר, פאַר־דרייט אויף שפּיציק. איינער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס הילצערנע „קיבעליקל" פון דער מאָמעס הענט, אַרויס אינעם פּראָסטיקן מאַרק צו דער פּלומפּ נאָך וואַסער. אין זיידנס פּיעקאַרניע האָבן זעלנער געבאַקן ברויט און גערעדט צום ווייסבערדיקן זיידן מיט דרך־ארץ.

נאָך דער וועטשערע און נאָכן מיליטערישן „אַפּעל", האָבן זיי געזונגען לידער צו דער וואָלגע, צו די ווייבער אין די ווייטע סיבי־רישע סטעפּעס, וואָס זייגן אָן די קינדער מיט מילך, געזאַלצן פון טרערן, פון בענקשאַפט צום מאַן און טאַטן וואָס פוילט אין ווייטע

„אַקאַפּעס״ אוןווישט אָפּ מיט ווייסן שניי די ראַנעס פאַרבלוטיקטע אויף די פעלדער פון אַ פרעמד פיינטלעך לאַנד.

ווי צוגעלאָזן און משפּחה׳דיק זיי זאָלן נישט האָבן געווען אין פרידלעכע שעהען, איז מיטן ערשטן שפּיציקן אויסגעשריי הינטערן פענסטער „סמירנאַ״! האָט די גוטסקייט זיך אָפּגעטאָן פון זיי ווי זיידענע העמדער פון הילצערנע מאַנעקינס; מיט געמאָסטענע, מעכאַנישע תנועות האָבן זיי געכאַפּט די ביקסן און אַרויס מיט אַ קנאַקעדיק-הילצערנער שטאָלפּעריי.

די „מאַנעווורעס״ אין דרויסן זענען באַשטאַנען פון אויפהענגען אַ פּויליש מיידל און צוויי פרעמדע יידישע יינגלעך, נאָך אַ „ווידוי״ פאַר שפּיאָנאַזש און גלייך זענען זיי צוריק אַריין אין די היימישע יידישע שטיבער, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט ווייסע טעלערס הייסע „אָנגעברענטע זופּ״. „מניה וביה״ האָבן זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך די פריערדיקע פאַרטרווילעכקייט, אָנגעגעסן זיך, פאַררויכערט „מאַכאָראַטשקעס״ און געמיטלעך געזונגען צו דער מוטערלעך-לייבלעכער וואָלגע.

אין די ענגע יידישע שטובן האָט נישט געקלעקט אָרט פאַר אַלע זעלנער, ווי געדיכט מען האָט זיי נישט „איינגעלאָקעוועט״. די אָפיצירן האָבן זיך באַקוועם איינגעאָרדנט אין די נאָנט-שכנותדיקע פּריצישע „הייף״. אַ חלק פון די סאָלדאַטן האָט מען איינגעקאָשאַרירט אין די פּאָזשאַרנע שאָפּעס. די נעכט האָבן זיך געשטעלט לבנה׳דיקפּראָסטיק. האָבן די „אַרמייצעס״ זיך אַרויסגעהאָלפן און אונטערגעוואַרעמט די שאָפּעס מיט די ברעטער און בעלקעס פון אונדזער אַלטן בית-מדרש.

דאָס איז אָן ספק געווען איינע פון די ערשטע, אויב נישט דער סאַמע ערשטער געביי פון שטעטל. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט די שוואַרצע צעקרומטע טירן, די אויסגעסאָכניעטע, בלאָ-אָדערדיקע „שפּראָצן״ פון די פענצטער-פליגל און די שנייִק-בלישטשנדיקע שטערן-פליטערלעך אויף די געשפּאָלטענע ווענט, צעבלינצלטע אי-

נעם שימער פון די חנוכה־ליכטלעך אין די פראָסטיקע ווינטער־אָוונטן.

דאָס איז געווען דער „משכן" פון קדושה און דער גראָער, האָרעפּאַשנער וואָכעדיקייט פון אַלע אָן אויסנאַם יידן פון שטעטל, פון קליין ביז גרויס. דאָס איז אויך געווען דער פּונקט פון מיינע ערשטע באַגעגענישן, מחוץ דעם „חדר", מיט אַלע „לאָבוסעס" פון מיינס גלייכן. מיר האָבן צווישן מנחה־מעריב געשפּילט אין יאָגעלעך אַרום דעם באַלעמער, אויסגעפּלעט פּינקלדיקע סאָלדאַטסקע מעשענע קנעפּלעך (רושינעס), „געטלאָטשעט" זיך צווישן די פיס פון אַלטע יידן און געכאַפּט אָנגעריסענע אויערן און סטוסאַקעס.

דאָס איז דיר נישט געווען די הויכע שיל פון קאַלטער אָנגעצויגענער הייליקייט, וואָס האָט געשמעקט מיט ביינאַכטיקער מורא פאַר דאַוונענדיקע מתים. דער בית־מדרש האָט געראָיעט מיט היימישע פּליאָטקעס, און דווקא ביי די אָפענע גילע גמרות, רמב"מס און „מגן־אברהמס". יידן האָבן געכאַפּט אַ לערן צווישן איין הלצה און דער צווייטער, ווי להבדיל אַן אָמן צווישן „שמע־קולינו" און „מודים אנחנו לך". אין די ווינטער־אָוונטן האָבן יידן, כמעט געצנדינעריש, געבויגן זיך און געקרעכצט מחיהדיק אַרום דעם מאַסיוון געלן קאַפליע־אויוון. יידן היימישע און אָנגעפּאָרענע אויף איבער־מאָרגנדיקע יאַרידן, האָבן מיטן קושן די מזוזה אַריינגעקרויזלט זיך מיט דער קלומביקער פראָסט־פּאַרע, מיט באַשליקעס און רויע שעפּ־סענע פּעלצן, געכאַפּט אַ „קדיש" און אַוועקגעשטופּט אַ יונגנמאַן אַ „פריץ" פונעם אויוון:

— לאָז אָנוואַרעמען אַ נע־ונדניק, די ביצים קאָנען נאָך דיר צעגיין פון דער היץ...

באַלעגאָלעס, שניידערס, שוסטערס און „דזשעגטשאָזשעס", האָט מען זיך אויסדערציילט „עולם־ומלואו" און אונטערגעשפּרונגען ייִנג־לעריש „קדוש קדוש" פון בעל־תפילהס קדושה ביי „שחרית". דאָ איז מען געווען קלאָר אויסגעבונדן אין וועלט־ענינים; מ'האָט אפילו געוווסט ווען און וואָס דער קיסר עסט, ווי לאַנג און אין וואָסער

בעט ער שלאָפֿט, ווען ער פֿאָרט „גולאיען" און ווען און ווי דער קיסר, גייט צופֿוס...

מען האָט זיך אָנדערציילט ניסים פֿון אַלטע „גוטע־יידן" און, להבדיל, פּאַסקודנע שטוקעס פֿון גויִשע „הונצוואָטעס" און ראָזבוי־ניקעס. איטשע קישקע פֿון ראַווע האָט דערציילט אַז אַ דאָקטאָר האָט אים פֿאַרשריבן אַ מיגלדיקע רעצעפּט קעגן „רעמאַטן" (רעוומאַטיזם), ער האָט דאָס אויסגעטרינקען אָנשטאָט זיך אויסצושמירן, און ס'האָט אים פֿון דעסטוועגן גאָרנישט געהאָלפֿן, גלאַט אַרויסגעוואָרפֿן געלט אין דער בלאָטע אַריין...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שמש האָט אומגעריכט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן, אַ בלינד ייִנגל האָט געהאַלטן אַ דרשה; די ייִנגלעך האָבן זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף די פּאַליטור־גאַלקעס פֿון דער באַריערע, דאָס בלינדע יונגע בעל־דאַרשערל האָט גערעדט מיט אַ קינדעריש קול. וואָס ער האָט גערעדט געדענק איך נישט, כ'געדענק נאָר אַז אַ האַלב בית־מדרש מיט ייִדן האָט געזאָגט אַ באַהאַרצטן „קדיש" נאָך זיין דרשה און אַ ייִדענע האָט נאָך דעם אים אַרומגעהילט אין אַ שווערע, ווייסע וואָלענע פּאַטשיילע און אים אַרויסגעפֿירט פֿון בית־מדרש.

כ'האָב אַ מאָל, אין אַ שנייִקן ווינטער־אָוונט זיך צוגעהערט צו דער „אגדתא", וואָס עס האָט געלערנט מיט די באַלמעלאָכעס דער אַלטער שלמה יצחק שוחט. עס האָט זיך דאָרט דערציילט וועגן דעם תנאי הלל: ווען ער איז געווען יונג, האָט ער געאַרבעט און פֿאַרדינט אַ האַלבן דינר אַ טאָג; אַ העלפֿט האָט ער אָוועקגעגעבן דעם שמש פֿון בית־מדרש, כדי יענער זאָל אים לאָזן אויסהערן דעם שיעור פֿון די תלמידי־חכמים, שמעיה ואבטליון. איין מאָל אין אַ שנייִקן טאָג אין חודש טבת האָט ער נישט געהאַט קיין געלט פֿאַרן שמש. איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן דאַך און מיטן קאָפּ אַראָפּ, געבליבן הענגען אין ווינטערינע־פֿענצטער, כדי צו הערן לערנען. דער מאָרגנשטערן גייט

אויף און די צוויי גדולי הדור אין בית מדרש וואנדערן זיך, ווייל יעדן פרימאָרגן אין דער צייט איז שוין ליכטיק. קוקן זיי אַרויס און זעען דורכן פענצטער עפּעס אַ ווייסן שניי־באַלוואַן. אבטליון איז אַרויס און אַראָפּגעשלעפּט דאָס האַלב פאַרפרוירענע ייִנגל הלל; זיי האָבן פון אים אַראָפּגעזשעביעט דעם שניי, אַרומגעוואַשן, און אַנידער־געזעצט לעבן הייסן אויוון אין בית־מדרש...

עטלעכע ווינטערן האָב איך געקוקט אויפן געדיכטן שניי־דאַך פון בית־מדרש, געזוכט דאָס געפרוירענע חברל הלל און געווען זיכער, אַז ער וועט אָט־אָט אַ שטיפערישער באַלד אַראָפּקריכן און אַריינגיין אין בית־מדרש זיך אָנוואַרעמען און אויפמישן אַ גמרא...

אין מיטן דרינען פונעם צעראָיעטן געשמועס, די טיר פון בית־מדרש רייסט זיך אויף מיט אַ טויבער געכאָרכלעריי, און פון אַ קאַלטן פאַרע־קלומפּ גרייצערט זיך אַרויס אַ מיטליאָריקע ייִדענע; זי פאַלט צו צום אָרן־הקודש, און וויינט לאַנג, דין און צעצויגן. וואָס זי בעט — הערט מען נישט. דאָס גראָע בית־מדרש ווערט פאַרלאָפן מיט וויטיק און געוויין און די ייִדן נעמט ווערגן אין די גאָרגל־קנעפּ הינטער די בערד...

מיטן אַלטן בית־מדרש, האָבן די רוסישע סאָלדאַטן צעריסן אַן אַלטע פאַרכישופטע ייִדישע לעגענדע — אַ ווייטע „קאַפּוליע אָנצו־געהערעניש" אויף אַ שפּעטערער פאַרטיליקונג פון די, וואָס האָבן די לעגענדע אויסגעטראָגן טיף אין זייערע הערצער און געביינען.

משמעות, אַז „דער פאָטער פון דער רוסישער אימפּעריע" האָט אונדז ספּעציעל „צוגעדינט", ער האָט געהאָט זיינע מאָטיוון דערביי... אונדזער משה־יצחק חזן האָט אים געהאָלפן אַרויפזעצן אויפן טראָן... צו דער קאָראָנאַציע האָט ער קאָמפּאָנירט לכבוד אים אַ ניגון, און אַ וווּנדערלעכן ניגון, מיין טאַטע, זיין משורר האָט יאָרן לאַנג אים געזונגען ביי די שבת־זמירות.

נאָכן איבערגיין פון דער „זשעטשפּאָספּאָליטע" צו די פּאָליאַקן, האָבן די שטאָטישע באַלעבאַטים זיך פאַרמאָסטן איינצופירן קולטור אויף אַ ברייטן פאַרנעם... דער ערשטער שריט איז געווען — אויפצו־

בויען קאַרגע עטלעכע מעטער פון דער פראָנט־וואַנט פון דער יידישער שיל — אַ קליין „בודינעקל" — אַ שטאָטיש קלאָזעט, ביינאַנד מיט אַ יידישן הקדש פאַר אָרעמע לייט. מיט אַ באַזונדערן „פּאַווילאָן" פאַר בעטלערינס און מיידלעך, וואָס זענען געקומען פון דער פרעמד זוכן „שטעלן" אַלס דינסטן.

פון וואַנען האָט זיך דערנומען אַזאַ רייכע „זשניווע" פון אָרעמע לייט אין אונדזער קלאָזעט־הקדש? און דאָס דווקא גאָר יונגע, כמעט קינדער, יינגלעך און מיידלעך, זעלטן אויך אַלטע לייט. איז דאָך אונדזער שטעטל געלעגן כמעט אויסערן־תחום פון צווישנשטאָטישער טראַנזיט־קאָמוניקאַציע?

די פרומע באַלעבאָסטעס האָבן געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ... עס זענען געגאַנגען אין הקדש אַריין „פּאָטשטן" מיט יאַיכלעך און גריצן און „סקאָזירטע" וועש; שטיקלעך העמדער, אָניצעס, טשאַפּעס, גאָרסעטן און מייטקעס. איינע פון די פרויען, דוכט זיך די טיכ־טיקסטע, איז געווען דעם הויכן ברוקירערס, יצחק יעקבס, ווייב „לאָהה די ברוקערקע".

די אַריינגעוואָנדערטע אָרעמקייט האָט געוווּסט ווּהין זיך צו ווענדן; זי האָט געפונען ביי אונדז אַ לייבלעכע „מחותנימשאַפט"; אין איינעם איז געווען היימלעכער...

איך בין געווען דער „בכור" ביי אונדז, מער־ווייניקער אין דערזעלבער צייט ווען פוילן האָט געיובלט איר אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט, האָט די מאַמע מיר אויפגענייט אַ כאַלאַטעלע פון אַ געפאַרבטן זאַק.

בנוגע פרנסה איז עס ביי אונדז געווען ווי מיט אַ קדחות; אַ מאָל האָט מען ביי אונדז געוויגן חתונה־לעקעכער פון מיין טאַטנס אייגענער פּראָדוקציע אויף דער ענגלישער וואָג; די שטוב איז פול געווען מיט יונגע מיידלעך, וויקלערינס פון אונדזערע קאַרמעלקעלעך און איריסן, די מאַמע — אין איין עלטער מיט זיי — איז געזעסן ביים טיש, געלאַכט, די פינגער האָבן זיך ביי איר באַוועגט ראַז און ליכטיק און פלינק. מען האָט געאַרבעט, געשפּילט אין „קוויטלעך",

אין טאַרניטשקע ביי די חנוכה־ליכט, און דער יינגער באַלעבאָס, מאָשקע, האָט פאַרשעמט געשמייכלט, געגראַבלט זיך אין געל־רויטלעכן בערדל און אַרויס — אין „שטיבל" אַריין אַריינכאַפּן אַ לערנען.

און מיט אַמאָל — ווי דורך אַ כישוף, האָט דער דלות זיך ביי אונדז „אויסגעטראַקעוועט" אויף אַלע פּאַליצעס. די פּרנסה האָט אויסגעפּאַרעוועט ווי נאָך אַ בראַנד: נישט קיין העמד אויפן לייב; נישט קיין מלומד־געלט און כמעט נישט קיין ברויט.

די מאַמע איז פון פאַרצווייפלונג אַנטלאָפן פון דער היים. דער טאַטע האָט אַ פיבערדיקער זי אַרומגעזוכט איבער די גאַסן, איבער די שטובן פון דער צעצווייגטער גרויסער משפחה, געדראַפּעט זיך אויף די בוידעמס... דעם הויכן משה׳ס ווייב, חיה רחל, פון דאַינקער־ווער טראַקט איז געקומען צו לויפן:

— בריינדל איז געגאַנגען קיין בלענדיוו. זי האָט זי געזען גיין אין אַ שוואַרצער פאַטשיילע.

כ׳האָב מיר אויסגעשניצט אַ גרעבלעך צווייגל, אַ שוץ קעגן הינט — און אַנטקעגן נאַכט געלאָפן קיין בלענדיוו צום פעטער יאַנקל, דער מאַמעס ברודער, צו דער מאַמע.

דער פיינלעכער פאַרנאַכט פון די געווײנען פון די קליינע ברידערלעך אין שטוב, די מאַמעס אַנטלויפן פון דער אָרעמקייט, און דער שפּעטערדיקער שוידערלעכער אומקום אירער — וועבן זיך צענויף ווי עפּעס אַ וואָלקאַטע לאַנג האַנטעך אַרום דעם האַלדז. די פּיין רייסט אַראָפּ פון מיינע ביינער די סקאָרופּעס פון יאָרן און וואַרפט מיך צוריק אין דער קינדערשער הויט אַריין; די מאַמע בלאָנקעט ערגעץ אין מיינע חלומות, זי בליקט פון ווייטנס צו מיר דורך ווייכע צעפאַלדעוועטע שאָטנס ווי דורך זיידענע פאַרהאַנגען. איך שטרעק צו איר אויס די הענט, רוף זי. זי הויבט אויף צו מיר אַ ווייסע האַנט און נעפּלט אַוועק אין דער צעשווימענער פאַרשוויגנ־קייט.

קינדער אין שטעטל

ביאַלע האָט געהאַט מזל צו קינדער; זיי זענען געוואַקסן ווילד, פילבאַר, צעפּיעשטשעט און שיין. מיט זייער קאָכעדיקער פרייד און לעבנסדורשט האָבן זיי אויסגעפּילט אַלע טריבע, פּרוכנע הייזקעס און גאַסן. אַז דאָס איז זיי געווען נישט גענוג, האָבן זיי נאָך „אָקופּירט" די „אָקאָליצע".

עס האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אויסצוּוועבן אַ פריינדשאַפט מיטן פּוילישן יונגוואַרג. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין דער עלעמענטאַר־שול. צו די יידישע מיידלעך פלעגן אַריינקומען פּוילישע יינגלעך מאַכן צוזאַמען די לעקציעס און — פאַרקערט. די עלטערן האָבן אויף דעם געקוקט קרום, נאָר דאָס יונגוואַרג האָט דווקא זיך געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. אַחוץ אויסנאַמען, איז די פריינדשאַפט געווען אָן עכטע, נישט קיין געפעלשטע. און פון דעסטוועגן האָט די שנאה צו אונדז געטליעט אַ פאַרבאָרגענע, דריוולענדיק אין די שקצישע יוכעס.

מער אָפן און רוי איז געווען די טראַציקייט און די קידער־ווידערנישן צווישן אונדז יידן אַליין; אַבי ס׳זענען נאָר געווען גורמים, סיבות האָט מען שוין שפּעטער צוגעשניטן.

די רביס און די טאַטעס האָבן אויסגערעדט אויפן „בנים גידלתי", אַז זיי זענען פאַרריסן, שקאָצעריש, מאַלן דורך ס׳דאַווענען ווי וויצן צווישן מילשטיינער און ס׳וואַקסט צו חרפּות און בושהס. און אין מיטן דרינען איז אַ קינד קראַנק געוואָרן — און ס׳גאַנצע שטעטל האָט זיך איינגעהילט אין צער.

די מלמדים, זייערע קאַנטשיקעס, האָבן „געטרענט אַ לעדער", נישט געגעבן די קינדער „קיין פרייען ווונק". האָט אָבער אַ קינד געכאַפּט מאַזלען, פלעגט דער רבי קושן פרום די מזוזה און אַ צע־בראָכענער, מיט אַ ווייס־צעפּלויגענער באָרד צוגיין פאַרשמעט צום קליינעם חולה, צולייגן אים די האַנט צום שטערן און שווייגן. געווען אין דער באַציונג צווישן איין ייד און אַנדערן גוואַלדריסן. נאָר אַט

איז דערגאַנגען אַ שפּליטער פון אַ ידיעה וועגן אַ פּאָגראָם און דער גרויל האָט אַ ברי געטאָן אַלע גאָרגלען, געוואָרגן ווי עמעץ וואָלט אומגעריכט אַרויפגעוואָרפן איין גרויסן אייזערנעם שניפּס אויף אַלע־מענס העלדזער.

יצחק ליפּעס
(יצחק זשאַנדאַר)

מיר האָבן אים געקאָנט אין זיינע עלטערע יאָרן ווי אַ קאַשע־מילנער, אַליין דער פּראָדוצענט פון זיין „מאַכינע" און אַליין דער פאַרהאַוועטער באַלמעלאָכע און אַליין דער קויפער פון האָבער און טאַטערקע.

אַ זעלטענער מומחה אין פאַך. זיין קאַשע איז געווען אַ שם־דבר אין שטעטל און אין דער דאָרפישער אומגעגנט. די מיל אַליין, די קלאַפּעס, טרייבערעדלעך, ווינט־שפּינדלען און דער קאָמבינירטער קעראַט־בייטל — פון אַ זעלטענער פּרעציזקייט און אויסטערליש פּשוט אין זייער פאַרטראַכטער קאָמבינירטקייט.

אין דעם אַלטן ייִדן האָט געדרימלט אַ נשמה פון אַ קינסטלער; די קאַשע־מיל איז געווען דער פּרנסה־מקור אויף די עלטערע יאָרן, זיין אייגנטלעכער באַרוף איז געווען איידעלע טישלעריי און פיין־שניצעריי.

ער האָט אויסגעמייסטערט דעם באַלעמער אין שיל; די געזימסן און טורעמלעך און געריגגטע קאָרניזן און שרעיג־געצענקטע בענק צום זיצן, זענען שוין אין מיינע צייטן געווען „פּאָליטורט" פון זיצנ־דיקע תהילים־זאָגערס און פון קינדערשע שיכעלעך פון אַ סך יאָרן.

אַ ווערק אָן שום „פּיגלעס" און פאָרט פול מיט געשמאַק און זעלטענעם אייגנאַרט, אַ געמיטלעכע היימישקייט און היימלעכקייט האָט געוויט פון דעם „מעבלשטיק" — און נישט נאָר פון עם קעגנ־שטאַנד אַליין, נאָר פון דעם היימישן טרויער און פון השתפּכות־הנפש

און ווייִמוט און גרינגער ווערטל־זאָגעריי, וואָס האָבן זיך דאָ, ווי קליינע פֿייגעלעך אין נעסטן איינגעתושבט צווישן די „פּילונגען" „שפּראָצן" און קאַרניזן פֿונעם צענטער פֿון אונדזער „מקדש־מעט" אין ביאַלע־פּשוט.

אַ מין „צענטריפֿוגע" של מעלה: דורך די פֿאַרביקע שייבלעך האָט זיך אַריינגעגאָסן געטלעכע דערבאַרעמקייט, און פֿון אונטן האָט די דערבאַרעמקייט זיך „איבערגעפֿילטערט" אין אַ שוימעדיק־זיל־בערנער פֿרייד פֿון רוישנדיקע קינדער און פֿון אַ גאַנץ שטעטל פֿריילעכע, אומעטיקע, האַרב־פּראַקטישע — כמורנע און פֿאַרחלומטע יידן.

די „קרוין־שאַפֿונג" פֿון יצחק ליפּעס פֿון די יונגע יאָרן איז געווען, די פּרעכטיקע מעבל־אויסשטאַטונג פֿאַר דער שטאָטישער אַפּטייק.

„ליניע", „האַרמאָניע", „באַראָק"־סטיל און „רענעסאַנס" — פּרעג אים בחרם. עפּעס האָט ער צופֿעליק געפֿינען אַ בלאַט פֿון אַן אַלט בילדער־בוך, אַ סקיצע פֿון וויט־סטוואָש אָדער באָטיטשעלי, פּייכט־פֿאַרפּעצט פֿון הערינג־ליוגער. צו דעם איז צוגעקומען אַ פֿאַרבלאָנ־דזשעטע געדעכעניש פֿון אַ שער־בלאַט פֿון אַן אַנטיקער גמרא, אָדער הגדה — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ווונדערלעך זיך „צונויפֿגעגייסטיקט" אין אַ מין שטרענגער אַריסטאָקראַטישער דיסטאַנצירונג מיט אַ צוגאָב־ניואַנס פֿון ארון־קודשדיקער פּאַטריאַרכאַלער אַלט־יידישקייט.

איין פֿראַגמענט פֿון קינסטלערישער שאַטירונג האָט אין זיין יצירה געפֿירט אַ שטילן קידער־ווידער מיט דעם צווייטן און האָבן קעגנזייטיק זיך דערגענצט און פֿאַרצווייליגט.

ייִנגלעך האָבן געהאַט אַן אויסטערליש פֿאַרגעניגן צו באַזוכן די אַפּטייק. זענען זיי טאַקע געווען די „עקסטרע פּאַטשטן" פֿון די היימען: יאָדינע, ביטער־זאַלץ, קאַמפֿער, אַספּירין און האַרצשטאַרק, אויפֿצווועקן די מידע, איינגעדרימלטע פֿאַסטנדיקע יידן יום־כּיפּור אין שיל; די מיידלעך האָבן דיסקרעט געקויפֿט וואַטקעלעך און ליגנינע; די ייִנגע מאַמעס שלשול־טשאָפּקעס פֿאַר קינדער און דיס־

טילירטע גאַל אין פלעשעלעך, איינצושמירן די ברוסט־וואַרצלען אויף צו אַנטוויינען זויג־קינדער.

די פויערן האָבן, אַריינטרעטנדיק אין דער אַפּטייק, אַראָפּגע־כאַפּט די „מאַטשעיוווקעס" אויס רעספּעקט צום מאַהאַגאָנענעם שפּיגל מעבל מיט די שויבן־טירן כמעט ווי צו דער גיפּסענער „מאַטקע־באָסקע" איבער דעם פּאָרטאַל פון קאָשטשאָל.

די קינסטלערישע אַפּטייק־אויסשטאַטונג איז געווען יצחק־ליפּעס ערשטע און לעצטע יצירה; מער האָט ער נישט געשאַפן.

ער האָט דאָ אַריינגעלייגט „די באָבע מיטן זיידן": יידישע פאַר־חלומטקייט און פוילישע ראָמאַנטישקייט; פאַרשאַרפטן חוש פאַר עסטעטיק און פּראַקטישער נוצלעכקייט.

אַ יידישער מייסטער־זשעני, אַ יידישע אַפּטייק, אַ יידישע קליענ־טעלע און — אַ גויִשער אַפּטייקער, נאַטשאַלניק פון די פייערלעשער, בירגערמייסטער, אויסגעוויילט פון כמעט בלויז יידן, אַ מאַגיסטער מיט ווייס־געלבלעכע פאַרטאַביקטע וואָנצעס, אַ שטילער מאַן — און אַ זשאַווערדיק־דורכגעפרעסענער פאַרברענטער שונא־ישראל.

ער איז געווען דער ערשטער, נאָכן אַריינמאַרש פון אַ דייטשער שטורעם־טרופּע, וואָס האָט פאַר דעם אַריינגאַנג פון „זיין" אַפּטייק אַרויסגעהאָנגען אַ צעטל „ריין אַרישעס געשעפט, פיר יודען אייג־טריט פאַרבאָטן".

אין דעם זעלבן טאָג איז יצחק־ליפּעס געשטאָרבן.

דער געלבלעך־פאַרטאַביקטער אַרישער פאַרמאַצעווט איז אין ביאַלע געווען דער „פּיאָנער" פון גיפט־מישעריי: יידן האָבן שוין אַ צייט פאַר זייער אומקום מער ביי אים קיין גאַלן אין פלעשעלעך נישט געקויפט; ס'איז אונדז געווען שוין איבעריק; אין דעם אַרישן פאַרמאַצעווטל איז געווען פאַרבאַהאַלטן די גיפט־פּיגולקע פון אַנט־וויינונג פון דעם וואַרעמען, פּרוכטיקן פויליש־גרודקעלע ערד, פון וועלכן מיר האָבן געזויגן אַזוי פיל ליבשאַפט, אַזוי פיל יוגנטלעכע בענקשאַפט, צער און פרייד. די אַפּטייקערשע גאַל איז אונדז דער־לאַנגט געוואָרן, שוין נישט אין טראָפּנס אין מיניִאַטור־פלעשעלעך,

נאָר אין פערדישע פּאַרציעס — און מיט דער פולער מערדערישער פרייגיביקייט. די נאָסטאַלגיע נאָך דעם שיינעם פּאָטערלאַנד פּוילן, האָט אונדז דערטרינקען אין אַפּטייקערישן גיפט און אונדז אומגע־בראַכט.

שוסטערישע אַריסטאָקראַטיע

ביאַלע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר מזל צו שוסטערס און צו זייערע ווייבער און קינדער: דער שוסטער, אברהם פנחס פראַנק, איז געווען פּרעזעס פון ציוניסטישן פאַראיין; מאיר שומאַן (מאיר שמעלקעס), אויך אַ שוסטער — פּרעזעס פון האַנטווערקער־פאַראיין; מענדל שטיינמאַן, לאַווניק אין מאַגיסטראַט; יאַנקל דוד וועבער (מענדקעס), גבאי פון דער חברה־קדישאָ; חיה רחל פשיטיצקי, בערל שוסטערס ווייב, האָט אַרויסגעצויגן כמעט אַ גאַנץ שטעטל יידישע קינדער אויף דער ליכטיקער שיין פון דער וועלט... זי איז געווען אַ הייבאַם.

שוסטערישע זין לומדים: ר׳ מנחם מענדל פּרייס דער „תפארת מנחם״, זון פון אַ שוסטער פון יעזעוו (יעזשווו); יאָסל מאיר וועבער (מענדקעס) דעם רבינס ערשטער תלמיד אין זיין ישיבה (שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע); מיין פּאָטער, מאָשקע קופּערשמיד (מאָשקע שלמה־יצחק׳ס); בנימין פּשיטיצקי (זון פון בערלען און חיה־רחל די אַקושערקע) און אחרון אחרון חביב — אונדזער שטעטלשער פּוילישער דאָקטאָר נאַרוטאָווסקי.

אגב, דעם דאָקטאָר נאַרוטאָווסקי האָבן די שטעטלשע יידן אויס־טערליש פאַרערט, ער איז דוכט זיך געווען אַן ענדעק, נאָר ער איז מיט אונדז געווען זייער אין קאָרעקטע באַציִונגען. אין דער צייט פון דער טיפוס־עפּידעמיע האָט ער אַרויסגעוויזן אָפּפערווייליקייט לטובת די יידישע חולאים.

אַז עס איז קראַנק געוואָרן אַן אָרעמאַן, האָט ער נישט גענומען

באַצאָלט פאַרן וויזיט. אין אַ פּאָר טאָג אַרום זיך „רעוואַנזשירט" ביי אַ קראַנקן, אַ בעל־פּרנסה; יענער האָט געמוזט צאָלן טאָפּלט.

ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע לוויה. דער דאָקטאָר נאַרוטאָוו־סקי; די יידן האָבן פאַרהאַקט די געוועלבער, ווי אויף אַ לוויה פון אַ הייליקן ייד; מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט; פרומע יידן האָבן זיך אַרומגעגאַרטלט ווי צום דאַווענען; יידן האָבן „אָקופּירט" די קירך; יינגלעך האָבן ווערטלעך נאָכגעפּרעדיקט דעם גלחס הספּדביים דאָקטאָרס אָפענעם אָרון.

אַ וווּנדערלעכע מאַניפעסטאַציע איז דאָס געווען, אַ מאַניפעס־טאַציע פון יידישער דאַנקבאַרקייט און כבוד פאַר אַ מענטש, וואָס האָט אונדז אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט, געדינט אונדז אין אונדזערע ענגשאַפטן, געהיילט אונדז און געראַטעוועט.

דאָקטאָר נאַרוטאָווסקי איז געשטאָרבן אין סוף פון די צוואַנ־ציקער יאָרן.

מאיר מלמד

נאָכן צוריקקערן זיך פון די ביאַלער יידן פונעם גירוש, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די מלמדים „באַסטירט", אויפ־געהערט שלאָגן די קינדער — „מלחמה־קינדער", געליטענע, דאַרף מען זיי שאַנעווען... פון אונטער די בעטן האָבן רעזיגנירטע אָפּער־געקוקט די קאַנטשיקעס מיט שלאַבעריקע רימענדלעך.

מען האָט מיך געשיקט אין אַ„העכערן חדר", צו מאיר מלמד. דאָ האָט מען שוין געלערנט רש"י, גמרא און שרייבן יידיש מיט אַ שיפער אויף אַ טאַבליצע.

זייענדיק פון די בעסערע תלמידים, איז מיין „דאָליע" געווען אַ ביסל אַ שווערלעכע. די דאַנערשטיקן און פרייטיקן האָב איך געהאַט אַ צוגאָב־שיעור: געמוזט „צו קנעלן" לכבוד שבת, מיט צוויי יונגען מיט „הילצערנע קעפּ"...

איין מאָל אין אַ דאָנערשטיק נאָך מיטאָג, ביים איינחזרן מיט זיי אין פרשת משפטים „וכי יריבון אנשים והכה איש את רעהו באבן או באגרוף ולא ימות ונפל למשכב״ — מיינע תלמידים „ראָמביעך״ ווי אין קרויט אַריין, מיך באַפאַלט אַ מידיקייט און כאַפּ אַ געשמאַקן דרימל; כ׳געדענק אַליין נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען — כ׳בין אַרויס פון חדר אַ צעקיילטער, מיט קאָפּ־ווייטיק, די צוויי שווערע יונגען האָבן מיך „אָנגעלערנט״ פאַר מיין „געוויסנהאַפטן״ שיעור אין דער הייליקער תורה (איינער פון די צוויי „דראָנגאָלעס״ האָט שפּעטער זיך געשמדט).

מיין מלמד, ר׳ מאיר, איז זיך מיט מיר באַגאַנגען ווי מיט אַ „ווייך איי״: די צוויי מיידלעך זיינע האָבן ביי אונדז געוויקלט קאַר־מעלקעס; האָב איך דאָס אויסגענוצט לטובת מיין „שוואַכקייט״; כ׳בין זייער פויל געווען אויפצושטיין „השכמה״; כ׳האָב ליב געהאַט דאָס וואַרעמע בעט. דעם דובנער מגידס אַלע משלים פון די מחזורים, האָב איך געלייענט אין בעט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין ביי אַ פלעמל פון אַ קאַניצל. די מאַמע האָט אין דער פרי, אויב דאָס איז געווען זומער, זיך אין מיר „בוקם געווען״ — אַריינגעגאָסן מיר אַ האַלב בראָנפן־גלעזל וואַסער אין בעט אַריין. ווינטער האָט זי דאָס „מיטל״ נישט געקענט אָנווענדן. בין איך איין מאָל אין אַ פרייטיק געקומען אין חדר, ווען ייִנגלעך האָבן זיך שוין געגרייט אַהיימצוגיין. דער רבי האָט „אויפן שפּרונג״ מושטרירט דאָס גאַנצע חדר, און ביים עפענען די טיר מיך מקבל פנים געווען מיט אַ הילכיקן „גוט מאָרגן!״ — דאָס איז געווען גרינגער און האַרבער פון אַ קאַנטשיק...

☆

אַ כתב־יד האָט דער רבי געהאַט „כפתור־ופרח״... די מאַמע האָט דאָס גרייזל מיר אַרויסגעריסן פון די הענט און עס צעטראָגן צווישן דער גרויסער צעצווייגטער משפּחה:

— אַ גאָלדענע האַנטשריפט. ער האָט געקאָנט זיין דער העכס־טער קאַנצעלאַריע־שרייבער — ווען ער שמדט זיך...

פאַר דאָס האָב איך „אָפּגעריסן" פאַר מיין צעקראַטשעטער נאָכ־שריפט.

— דיין געשריפץ, האָט די מאַמע מיר „וויטיקעט" — דיין געשריפץ זעט אויס ווי דו...

דער רבי איז געווען אַ כמורנער ייד. כ׳קאָן זיך נישט דערמאָנען זיינס קיין שמייכל. אַ שטוב מיט קינדער, חדר־קינדער און אייגענע קינדער. זיין „דאָליע" איז געווען אַן ערגערע פון אונדזערע — זיי זענען נישט אַהיימגעגאַנגען...

אַ סך מאָל איז דער רבי „אַריינגעפאַלן" צו אונדז, באַזונדערס אין ווינטער אָוונטן. ער האָט מיטן טאַטן גשמועסט „טיפע זאַכן". פון די שמועסן איז מיר פאַרבליבן עטלעכע ווערטער: „הושע ממני ואבליגה, בטרם אלך ואינני": טו אָפּ פון מיר די צרות אַז איך זאָל זיך שטאַרקן איידער איך גיי אַוועק און וועל מער נישט־זיין.

מאיר מלמד האָט געהאַט אויך אַ שיינע „האַנטשריפט צו די קינדער", באַזונדערס צו די טעכטער, די וויקלערינס פון אונדזערע קאַרמעלקעלעך... זיי זענען בעירום ובחוסר כל אַוועק קיין וואַרשע, געאַרבעט שווער און ביטער און אין געציילטע עטלעכע יאָר אַרום אַהיימגעקומען צוגאַסט מיט חתנים און מענער, מיט גוטע זעלבשטענדיקע און איינגעפונדעוועטע פרנסות אין דער פוילישער רעזידענץ.

יאַנקל „שוויסטאַק"

מיין מייסטער פון סטאָליער־פאַך איז געווען יאַנקל קעמפּנער, די יונגע פוילישע פויערטעס האָבן אים גערופן „יאַנקיעל שוויסטאַק" (אַ זאָרגלאָזער, וואָס פייפט אויף דער וועלט). אַ זון פונעם אָרעמען חסיד מאיר פאַפּראַטניער (אַ תושב פונעם שכנותדיקן דאָרף פּאַפּ־ראַטניע). עס האָט פון אים געצוואַלעוועט מיט ענערגיע. ווי דער פאָטער זיינער, איז ער געווען אַ „חסיד", נאָר פון שיינע מיידלעך. אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַליסט: די שיקסלעך האָבן אים דווקא

אַרויסגעוויזן קעגנזייטיקייט; ער איז אַרומגעפלויגן איבער די דער־פער ווי אַ האָן.

די ווייבער האָבן אים געפרעגט: היתכן — אַ זון פון אַזאַ פרומען טאַטן און מיט שיקסעס?

— „פוקד עוון אבות על בנים" — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט — אַז צו אונדז איז אַריינגעקומען אַ שיקסל, איז מיין טאַטע אַרויסגעשפרונגען דורכן פענצטער, ליגט אויף מיר דער חוב מתקן צו זיין זיין חטא: אַריינצושפּרינגען צו איר דורכן פענצטער...

אין מיין לערן־טערמין איז ער שוין געווען אַ סטאַטקאָוונער יונגער מייסטער. די פרוי רבקה, אַ געוועזענע אלמנה, איז געווען עלטער פון אים מיט עטלעכע יאָר, נאָר זייער אַ שיינע, אַ פרוי — אַ „ברען".

ער האָט איבערגעלעבט שווער דעם טויט פון עטלעכע קליינע קינדער. איז ער אַוועק צו זיין פריִערדיקער כלה, ליפּעלעס טאָכטער און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זי זאָל אים מוחל זיין. זי האָט אים מוחל געווען. צום צווייטן מאָל מוחל זיין איז ביי אים געשטאָרבן אַ פּרעכטיקער צווילינג; צוויי וווּנדערלעכע יִינגלעך.

מיט מי און פּיין זענען ביי אים שפּעטער אויסגעוואַקסן צוויי געראָטענע קינדער אַ יִינגל און אַ מיידל. די דייטשע מערדער האָבן זיי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט די עלטערן און מיט אַלע יידן פון ביאַלע.

יאַנקל האָט געאַרבעט אייפעריק: מיר דערמאַנט זיך, איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן „קורצן פרייטיק" האָט ער זיך שרעקלעך „פאַר־קאָרקעוועט" ביים וואַרשטאַט און אויך מיך — ביי דער „קאָבילֿיצע". די לעצטע יידן גייען שוין אַהיים פון מקווה, און דאָ פליִען די סאָסנע־היבלינעס ווי לאַנגע ליכט, דאָס ווייב געוואַלדעוועט:

— קעלבאַשניק! גיהנומניק! דער שבת שטייט אויף דער שוועל!...

— שוין, אַ רגעטשקע, רבקהשי — האָט ער זיך געבעטן ווי אַ קינד — אַ פּאַרשליך, אַ פּאַרלאָם און — באַסטאַ!...

דעמאָלט איז מיין מאַמע אַריינגעשוווּמען, ווי אַן אָנפּלייצנדיקער פלאַם, כ׳האָב אַפילו נישט באַמערקט אַז די טיר זאָל זיך האָבן געפּענט.

די מאַמע איז צוגעשפּרונגען צום צעפּאַדעטן „מייסטער״ אַ הויב־געטאָן איר ווייסע שמאָלע האַנט צו זיין פּנים, ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער, מיט אַן אָפן מויל, נאָך דעם האָט זי מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרק און אַרויסגעטריבן.

☆

צווישן אַנדערע שוואַכקייטן, האָט מיין מייסטער אויך געהאַט אַ מאַניע צו „סאַמאָכאָדן״. ער איז געווען משוגע פאַר סאַמאָכאָדן; פאַר זיין טיר זענען יעדן פאַרטאָג דורכגעפאָרן אויטאָס פון אַמשינאָוו קיין וואַרשע און צוריק. ער איז אויף זייער טרומייטערן אַרויס פון בעט ווי אַן אונטערגעצונדענער. דאָס אייגענע פיר נאָך מיטאָג, ביים צוריקקערן זיך פון וואַרשע. דער ריח פון איבערגעברענטן בענזין האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין. ער האָט דעמאָלט די דרינגענ־דיקסטע אַרבעט געהאַט טיף אין דר׳ערד.

דער וואַרשטאַט איז „אַרויס אויף אורלויב״, דערצו האָט ער נאָך צופאַרקויפט אַ חלק פון ווייבס ירושה און „מיט מזל״ צוגעשטאַנען פאַר אַ שותף צו אַ לאַסט־אויטאָ — אַן אַלטע הייזעריקע „מעשה־מרכבה״, מיט אַ גרעגערדיקן קאָקליוש, מיט אַ צעלעכערטן בענזין־רעזערוואַר. שותפים, גוישע און יידישע זשוליקעס, מיט אויסגע־רינענעם צוטרוי און לאַנגע קלעפּיקע פינגער....

געגאַנגען איז דער „טרענדער״, ווי אַ שיקסע צום קינד, און אַ סוואַנד האָט ער אָנגעמאַכט ווי אַ דאַזאָר צו קהילה־וואַלן...

„אַנדרייען״, איז דווקא געווען נישט שווער. נישט די מאַשין, פאַרשטייט זיך; יאַנקעלע איז געווען שוין „אַנגעדרייט״ נאָך פאַרן

אַריינגיין אין דעם שיינעם שותפות. איז ער טאַקע נישקשהדיק גע־פלויגן ווי אַ „פאַרד״ נאָר וואָס פון דער נאָדל אַוועק. אַ באַשווינדל־טער, אָן אויסגעחוזקטער, איז ער געפלויגן פונעם פאַרביטערטן ווייב, צו די „שותפים״; פון די שותפים, צו די פאָליציי, צום רב, צום ראַווער פראָקוראָר און צוריק — צו לייטיש־געלעכטער.

יאַנקל „שוויסטאַק״ איז געווען פון די געציילטע און אפשר איינער פון אַלע יידן אין פוילן וואָס האָט די דייטשע בלוט־הינט געצאָלט אָן „אַוואַנס״ נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; ער האָט דעמאָלט בשותפות מיט משה־בערישלס געשמוגלט אַ וואָגן מעל קיין וואַרשע; אַ דייטשער וואַך־זעלנער האָט זיי פאַרהאַלטן ביי אַ טיפן טייך הינטער אַמשינאָוו. דער פלינקער ענערגישער יאַנקל האָט זיך בליץ־שנעל אַ וואָרף געטאָן אויף אים, אַרויסגעריסן די ביקס, מיט אַ שטריק צוגעבונדן אַ שטיין צו זיינע פיס און אין איינעם מיט זיין ראַסן־ריינקייט אים אַראָפּגעלאָזט אויפן דנאָ פונעם טייך.

אין דעם יונגן דייטשן בלוט־הונט האָט יאַנקל אַוועקגעלייגט מינדסטנס צוויי היטלער־יונגען. והא ראיה: אין 1939 זענען אין אונדזער אָקופּירטן שטעטל אַריין די דייטשע זעלנער, זיי האָבן „באַשלאָגט״ אַ טייל פון די יידישע וווינונגען, איינער פון זיי, אַן אַלטער הינדענבורגישער אָפיציר, איז מיט זיינע צוויי „זינדלעך״, יינגע עס־עס מענער, אַריין צו מיין פעטער יאָסל מאָגעלניצקי (יאָסל־אייזיקס) און זיי דערציילט:

— דאָ, ביי דעם יודע האָב איך סטאַציאָנירט אין ערשטן וועלט־קריג.

אַ פאָליציי־פּראָטאָקאָל

אין איינעם אַ פרייליגדיקן פרייטיק צו נאַכטס, באַלד נאָך די זמירות און לאָקשן ביי די ליכטיקע טישן אין די היימישע שטיבער, דער דרויסן האָט געלאָקט. מיין ברודערל גדליה, (דערמאָרדעט דורך

די דייטשן) איז נישט לאַנג צוריק געהאַט אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער גריפּע — מיר איז געווען לינד אויף דער נשמה, בין איך אַרויס צו מיינע חברים און די שיינע חברטעס. כ׳האָב זיך אין זיי אַריינגעשרויפּט מיט געזאַנג און זיך פּלוצלינג געפונען הינטער דער שטאָט פאַרן „פּאָליציי־פּאָסטערונעק״.

וואָס איז געווען דאָס זינגעניש אויף אונדזערע קעפּ?... מיר האָבן עס נישט געוווּסט, ווי דער „אופּוסט״ וויס נישט דעם זין פון זיין צערייזלטקייט און פון זיין ריטמישן גערויש.

מיר האָבן נישט געוווּסט, אָבער דער פּאָליציי־פּזשאָדאָוניק, זאַמזשיצקי, האָט דווקא געוואָלט וויסן, הלמאי די „זשידאָ־קאָמונע״ שאַלעיעט נאָך עלף ביי נאַכט? — האָט ער אונדז זייער איידל איינגעלאַדן אויפן פּאָליציי־פּאָסטן, דורכגענישטערט די קעשענעס, געזוכט קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל.

מען האָט אונדז אַלע געשטעלט פאַרן געריכט אין ראַוווע; איך האָב די גאַנצע „בייגל״ גענומען אויף זיך, אָפּגעזעסן אַן אַדמיניסטראַטיווע שטראָף פון צוויי וואָכן.

אַ חוץ איינצלנע, זענען די אַלע ליכטיקע חברים און חברטעס פאַרברענט געוואָרן אין טרעבלינקע. אַז איך בין נאָך דער מלחמה אַריין אין מיין שטעטל אין אַ פּרייטיק צו נאַכטס, האָב איך בפירוש געהערט יענע געזאַנגען יאָמערן אין פאַריותמטער אומרו, אין דער דערוואָרגענער שטילקייט אין דער נאַכט אַריין.

איטשע מאיר באַלעגאָלע

אַן אַלטיטשקער גראַ־בערדיקער ייד, איינגעבויגן פון דער לאַסט פון יאָרן און פון שווערער האָרעוואַניע, אַ באַלעגאָלע, אַ קאַשעמילנער און דער באַלעבאָס פונעם עלטסטן הילצערנעם הויז, אינעם עלטסטן געסל פון שטעטל, דאָס שול־געסל. אינעם אויבערשטן גאָרן פון הויז איז געווען דאָס גראָדזשיסקער שטיבל, ווו בעל־קורא איז

געווען בונם שלמה מלמד, דער זיידע פונעם שפעטער דערמאָרדעטן דורך די פּאָליאַקן, פּישקע ניימאַן.

טיר־און־טויער און פורטקעס פונעם הויז זענען געווען צעפאָרן און האָבן שווער געסקריפּעט; אַ מענטש וואָס האָט ביי אונדז געמאַכט אַ פּאַרטאַטשנע אַרבעט, האָט מען אָפּגעשיקט, ער זאָל גיין איינקלעמען די פינגער אין איטשע מאירס טויער...

ער איז געווען מיט אונדז פאַרמחותנט. דער דאָזיקער ייד האָט אַריינגערוישט אין אַלע מיינע קינדערישע און יוגנט־יאָרן און אין מיין געדעכעניש איז פאַרבליבן אַ הייסער קוועקזילבער פון אַ ייד, וואָס איז אַליין געווען רוישיק און נישט געלאָזט אַנדערע אַרום זיך שווייגן און רוען. — נישט ווייניקער רוישיק און אומרויִק פון זיין קאַשע־מיל, פון וועלכער ער איז אויך געווען די ווינט־קלאַפּע און דער מאָטאָר. ער איז געווען אויך דער מילכיקס־עקספּעדיטאָר פון קעז און פּוטער קיין וואַרשע — אויף זיין אייגענעם פערד־און־וואָגן.

אַליין געטישלערט ביים צעדריפּעטן „מעבל" — אַלטע קאַסטנס און פּודלעס, אַליין געמייסטערט די פאַרבייט־טיילן פון בוק־האָלץ צו דער מיל, פאַרריכט דעם צעפאָרענעם סקריפּעדיקן וואָגן. די טעכטער, איידעמס און אייניקלעך האָבן ביי אים זיך אויסגעראַכט אַ שוואַרץ־יאָר... ער האָט געהאַט שטיין אַ בלעכל מיט פערדיש מיסט פאַר „ליידיקע הענט"...

אַפילו דאָס דריי־חדשימדיקע אייניקל האָט געמוזט אָדער שרייען אָדער עפּעס אָפּטאָן...

— פון די עובר־בטלניקעס מאַך איך, ווי כ'בין אַ ייד, קאַשע...

ער האָט געהאַט אַ גוט אייניקל וואָס האָט באַגערט צו לערנען; מיין חברל, פנחס, שרה־ביילעס. אים האָט דער אַלטער זיידע אַרויסגעריסן די אַרבעט־מכשירים פון די הענט, געטריבן אין געדער שטיבל אַריין... און דאָס פנחס'ל האָט דווקא ליב געהאַט די אַרבעט, ס'לעבן; און נישט גלאַט אַרבעט — אַ מייסטערל פון כל מיני ארון־קודשלעך באַקרוינטע מיט לייבן, פייגל און להבדיל קעטשלעך און טאַבאַק־פּושקעלעך. ער האָט אויסקאָמבינירט אַ פּולאַפּקע פאַר מייז

און איין נאַכט האָט עס איינגעלאָוויעט, געדענק איך, אפשר צען שטיק.

פון פנחסלס טאַטן, אברהם יצחק, האָט זיין שווער, איטשע מאיר, געהאַט דווקא גאַלדריקעניש: אַ לא־יוצלח, איינער אין דער וועלט; אַ חוץ צו קינדער, סאַמע שטאַרקע און געראָטענע, האָט ער צו גאַרנישט נישט געטויגט.

איטשע מאיר האָט אים אַ מאָל „איינגעשפּאַנט" אַרויסצושעפּן די פּאַרטיקע קאַשע פונעם „מיל־בייטל"; דאָס איידעמל האָט גענומען אַ טיי־שעלעכל, אַרויף אויפן לייטערל, אָנגעשעפּט פול מיט קאַשע, אַראָפּגעטשאַפּעט און איבערגעשיט אין אַ לעכערדיק זעקל אין דער דריטער קאַמער, דער אַלטער קוקט זיך צו צו דער „טיכטיקער מלאכה" און פרעגט שטיל און „פריינטלעך" — וועסטו דען אַזוי לאַנג לעבן, ביז דו וועסט אויסשעפּן דעם בייטל?...

מיין חבר פנחס׳ל איז געשטאָרבן זייער יונג, כמעט אַ קינד, זיין טויט האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שוואַרצן צער אויפן שטעטל. די ייִנגע שטיבל־בחורים האָבן זיך מתעסק געווען מיט זיין קבורה.

ווי „פּאַרפּאַליעט" פון פראַצע דער גראָער זקן איז געווען אַ גאַנצן טאָג, איז ער מיטן צופאַלן פון דער נאַכט געוואָרן אין גאַנצן אַן איבערגעביטענער. זיין מצווה איז געווען עפענען די שיל (פונפצן צוואַנציק איילן פון זיין הויז) צו מנחה און צו פאַרשליסן זי נאָך מעריב. ווען די שיל האָט זיך שפּעט אין אָוונט אויסגעלדייקט פון לעצטן מתפלל, האָט ער זיך אַ געהויקערטער אַוועקגעזעצט אויף זיין „שטאָט", אַרויסגענומען פון זיין רויטער פּאַטשיילע אַ בינטל גראָשנדיקע ליכטלעך און ביזן גראָען טאָג אַריין שטיל געזאָגט תהילים. אַ באַהאַלטענער כישוף האָט ווייך גשלומערט איבערן ליידיקן חלל פון דער שיל. איך האָב איין מאָל אין דער שפּעטער נאַכט זיך באַהאַלטן הינטערן באַלעמער; אַ צונויפגעקאָרטשעטער צווישן שיימעס זיך איינגעהערט און — גאַרנישט געהערט. כ׳בין מיט געשטרויכלטע טריט קוים אַהיימגעקומען און קראַנק געוואָרן.

שמואל מאיר בעקער

מיין זיידע, שמואל מאיר, איז געווען איטשע מאירס מחותן. מיין טאַטע האָט אים פיינט געהאַט אַ גאַנץ לעבן און לסוף איז זיין שווער, דער זיידע פון אַלע צענטליקער קינדער און אייניקלעך געקומען דווקא צו אונדז אין שטוב אַריין קראַנק זיין און שטאַרבן.

אַ פאַרוויקלטער קלומפּ פון סתירות און אומגעלומפּערטקייטן האָט שאַרף „פונאַנדערגעקלינעוועט" צווישן שווער און איידעם, אַז ס'האָט אַזש געטרעשטשעט...

אַ צייט פאַר דער חתונה האָט דער אַלטער מחותן אַריינגענאַרעט אין זיין חתן, מיין טאַטן, מאַשקע, אַז ער וועט אים אָפּשאַצן לויט זיין תורה און אַז ער, דער מחותן, הייסט עס, איז אויך אַ שוסטערס אַ זון (געוווסט אויף וואָס אָנצוקוועטשן...) און דערמאָנט אים דעם מאמר „הזהרו בבני עניים, כי מהם תצא תורה", און אַז קיין שום זאַך וועט ביי אים נישט זיין צו שווער און ער וועט קאָנען ממשיך זיין נאָך דער חתונה אין לימוד התורה אָן דאגות.

דאָס זעכצניאַריקע חתנדל האָט געשוויגן, עפּעס יאָ און נישט באַנומען, דערמאָנט זיך ווי דורך אַ נעפּל אַז ביי דעם ייד האָט ער אַנומלט געזען אַ מיידל, כמעט אַ קינד, וואָס שפּילט אין ניס מיט די קאָלעזשאַנקעס אויפן שיל־הויף, שניידט און וועגט און פאַרקויפט ברויט אין געוועלב, קריגט זיך מיט די גנבהשע שיכורע פויערן און טראָגט די גאַנצע סוכה מיט קאָרן־ און ווייצן־מעל אויף איר קאָפּ...

נאָכן „אַריינפאַנגען דעם עילוישן העכט" איז דער זיידע צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל פאַרלאָזן בלענדיוו און ווערן אַ גערער חסיד.

דאָס איז שוין געווען אַ ביסעלע צו שאַרסטיק... דער שווער האָט אים אין איינעם אָן ערב פּסח אַרויסגעטריבן.

דער טאַטע, אַ געשלאָגענער, איז אַהיימגעקומען צו זיין פאָטער דעם שוסטער קיין „גאָסלינעק" און מיך מיטגענומען אַלס „קשיה־פרעגער".

האָט די מאַמע אין איר פאַרוויסטן צימערל זיך אַרומגעדרייט

אין דער סדר־נאַכט און נישט געקאָנט איינזיצן; אין ווייסן יום־טוב־קלייד פון אַ מלכה... איינגעהילט אין לבנה־ליכט, איז זי אַוועקגעלאָפן אין דערפל אַריין, געשטעלט זיך הינטערן שווערס פענצטער צו הערן איר בכורס קינדערשן „קידוש". ביי מיין ערשטן „סברי־מרנן" האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטישן שלוכצן און שווער זיך אַראָפּגעזעצט אין זאַמד אַריין; מיר זענען אַרויסגעלאָפן, דערשיטערטע, אַריינגענומען זי און דערמונטערט.

מיט ניין חדשים שפּעטער איז געבוירן געוואָרן מיין ברודערל גדליה. אים, דעם שענסטן פון די פינף ברידער, און אברהם, דעם פרומסטן פון די פינף ברידער — האָבן די דייטשן פאַרברענט צוזאַמען מיט די עלטערן אין טרעבלינקע. הי"ד.

✡

ווען דער טיפוס איז אויסגעבראָכן האָט מיין נגידישער זיידע געעפנט אַלע „שפּיזשאַרניעס" און די פולע האָלץ־קאַמער פאַר דער נאָענטער משפחה און פאַר פרעמדע אָרעמע־לייט.

— ווען דער מלאך־המוות קיניגט, בין איך אויס באַלעבאָס...

מאָטל גאָלדבערג

ער איז געווען ווירטשאַפטלעכער אַדמיניסטראַטאָר און פאַרטרויונגס־מענטש פונעם ביאַלער פריץ, סאָלאָווסקי.

זיין „פּרינציפּאַל" איז געווען אַ פעט־אויסגעפּאַשעטער גוי, די שנאת־ישראל האָט געשלומערט ערגעץ הינטערן פעטס. אין זיינע סטודענטישע יאָרן האָט ער צעשלאָגן אַ יידישע פרוי פון ביאַלע (איר נאָמען פאַרגעסן), געמאַכט זי פאַר אַן אינוואַלידין. דער צאַרישער ריכטער און גובערנאַטאָר האָבן אים שאַרף באַליידיקט און באַשטראָפט מיט אַ גרעסערער סומע געלט (לויט דער גבית־עדות פון פאַרשטאָרבענעם פּנחס מאיר פלאָצקער).

ער, דער פריץ, האָט געשטאַמט פון אַ רוסישער פּראָסטיטוטקע פונעם דריטן אָדער פערטן דור. יענער, דער ערשטער, „טאַטע״ האָט געהייסן סולאָוו, דער „סקי״ איז שפּעטער געוואָרן אויסגעבאָרגט ביים הויפּט פון די שלאַכטישע „זבויעס״ פאַר צען קערץ ווייץ און אַ „פונדע״.

ביים אַנטשטיין פון פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט סאַלאָווסקי זיך אַ שפּיל געטאָן אין ליבעראַלן „קאָכאַימי שיען, בראַציע״; וואָס ער האָט גערעדט צו די „מעשטשאַנעס״ און פּאַ־ראַבקעס, געדענק איך נישט. וואָס מיר איז פאַרבליבן אין זכרון איז דאָס קנעכטישע אַראָפּצ:יען די פוראַזשקעס מיט די גלאַנציקע דאַש־קעס בעת זיין רעדע. זיי האָבן אַפילו מורא געהאַט צו פּאַטשן בראַוואָ.

זיינע שקצים, סטודענטן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָבן אינטענסיוו געאַרבעט ביים שלאָגן יידישע סטודענטן. אַהיימקומענדיק אויף פעריען, האָבן זיי זיך געמיאוסט צו ענטפערן אויף דעם „דזשען דאָברי״ פון אַ פאַרביק, אָבער געשלאָסן מיט זיי בלאַט ביים וואַרפן שטיינער און אָנרייצן הינט אויף אונדז, יוגנטלעכע, ביים שפּאַצירן פּאַזע דעם פּאַרקאַן פונעם פּאַלאַץ.

געקומען איז דעמאָלט צו אונדז דער היפּנאָטיקער פּראָפעסאָר מעסינג. מיר האָבן שפּאַצירט מיט אים „אויף דער בערזשע״ (דער שאָסיי־פראַגמענט נעבן פּריצס פּאַלאַץ); די פּאַראַבקעס האָבן אויף אונדז אַרויסגעשיקט אַ כאַפּטע צערייצטע הינט. פּראָפעסאָר מעסינג האָט זיי „פאַרלאַסקאַוויעט״ אַזוי ווי די קעצלעך... זיי זענען פון אים אַוועק מיט אַרונטערגעדרייטע וויידלען.

אַ צווייט מאָל האָבן די סטודענטן מיט די שקצים און זייערע הינט זיך אויף אונדז געוואָרפן: מיר האָבן דעמאָלט אויף דער בערזשע איבערגעריסן די ליטעראַרישע דיסקוסיע און באַוואָרפן זיי מיט שטיינער אַרויסגעריסענע פונעם פּאַרקאַן. אַז מיר האָבן גוט גע־צילעוועט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן פון די סקאַוווטשערייען פון די געטראָפענע הינט וואָס זענען אַנטלאָפן צוריק אין „הויף״ אַריין.
און אין דער דאָזיקער פּויליש־„שליאַכעצקער״ פאַמיליע איז דער

גראָלעך־שלאַנקער מאָטל גאָלדבערג געוועזן אַ בן־בית; דער פּריץ האָט אים זייער געשאַנעוועט. אין אַ צעקנייטשטן קאַיעט האָט דער ייִד געשאַלטעט און געוואָלטעט מיט זיין גאַנצן מאַיאָנטעק. די פּולישע קאַרבאָוועס, זשאַנדצעס און אַדמיניסטראַטאָרן האָט ער גע־שאָלטן פון כעס:

— פּשיאַקרעוו! — איז ער אויף זיי אַרויפגעריטן — „סקורווי סיני!" עך כלאָיעט מיר אויס דאָס פּאָלוואַרק אין די קנייפּעס!

מאָטל גאָלדבערג, מיין זיידנס מחותן, איז דער זיידע פון בינעם גאָלדבערג, דעם קדוש און גיבור, וואָס האָט אין זיין זעכצן־יאָריקן לייב אַריינגעזאַפּט די טויטן פון אַ באַהאַלטענער קבוצה ביאַלער יידישע ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע שפּינען ווייטער דעם איידעלן, דינעם פאָדעם פון „בדמייך־חיי" — נישט פון דעם פאַרשאָלטענעם און פאַרשניטענעם ביאַלע נאָר פונעם ביאַלע פון די סודותדיקע ראשי־תיבות: ברוך אלוהי אברהם.

אייביקע רו דיר,
ברודערל מיינער,
אין דיין פאַרבלוטיקטן
פרילינג אין דער פרי —
אויף יסורים־זכרונות פאַרביטענער;
אייביקע אומרו אונדז
נאָך דיר — אין דיין ליכטיקן בלי —
פון קרעציקע מערדער פאַרשניטענער.

האַרבסט 1943

פון אַ קליין יידיש שטעטל ווערן די לעצטע יידן, מיט עיפּושדיקע קללות און קאַלטע ביקסן־קאָלבעס אַרויפגעטריבן אויף די פּויערישע „פאָדוואָדעס". די געסטאַפּאָ שעלט די פאַרפלוכטע „קולטאַרלאָזע פאָאָלן" — זיי האָבן נישט צוגעגרייט קיין מעכאַניזירטע טראַנס־

פּאַרט־מיטלען פאַר דער אַריזירונג פון דער גענעראַל־גובערניע. די קליינע קינדער ווערן מיט זייערע פיבער־געווײנען אַרויפגעשליידערט אויף די וועגענער ווי שטיינער — איינס אויף ס׳אַנדערע. די זון האָט פרייוויליק, אויסגעלאַסן צוגעלויכטן דעם דייטשן ספּעקטאַקל, ווי זי וואָלט זיך אויף דעם געחתמעט — אַרויפלעמלענדיק זיך אויף אַלע דייטשע העלמען און באַגנעטן. די נעטע אָפיצירלעך שמייסן די בלאָע טעמפּע פערד־אַנטרייבער איבער די מיילער מיט שלאַנגיק לעדערנע בייטשן, הלמאי זיי פוילן זיך, די כאַמעס, ענערגישער אונטערצוטרייבן די פערד. די וועגענער סקריפּען הייזעריק, שלע־פּעריק; זיי קנאַקן שטאָלפּעריק ווי טרוקענע ביינער פון שקעלעטן.

די אָנלויפנדיקע גאַיעס פאַרקען זיך ביי די אויפגעריסענע טירן און פענסטער, ווי שוואַרצע, פעטע ווערעם איבער צעפוילטע אייטער־דיקע לייבער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביאַלע ראַווסקע האָט ווי אַלע שטעט פון פוילן געקראָגן פון די דייטשן צוגעטיילט אַ געטאָ — דאָס איינציקע קדמוניותדיקע שילגעסל (פּאָדזשעטשנע). צווישן געטאָ און דער „אַרישער זייט״, ס׳הייסט, דאָס פריערדיקע יידישע ביאַלע, איז נישט געווען קיין שום פּלויט. אַפילו נישט קיין געשריבענע „באַקאַנטמאַכונג״ — בלויז אַ מינדלעכער באַפעל פון אַ יונגן שטורמיסט, אַז דער וואָס וועט זיך דערוויטערן כאָטש אויף איין טריט פון געטאָ וועט דערשאָסן ווערן.

צווישן געטאָ און דעם אַנטי־ידישטן ביאַלע האָט אָפּגעטיילט אַ שאָסיי, וואָס ייִדישע ברוקירער האָבן זינט עטלעכע דורות אויסגעברוקירט. אין אונדזער צייט האָט דער שאָסיי באַקומען פון צייט צו צייט אַ „קאָסמעטישע באַהאַנדלונג״ פון הויכן יצחק־יעקב און עטוואָס שפּעטער — פון זיינע קינדער, שמואל־עליע און לייב־בער.

געווען זענען דאָס שטאַרקע יידן, חסידים פון בלענדיוער רבין.

די דאָזיקע גראָ־בערדיקע האַרעפּאַשניקעס האָבן „אַריינגעגאָרעט" אין די אומסימעטרישע שטיינער פון טונקעלן קופּער־קאָליר די „עין־יעקבס" און די צעפּלאָנטערטע „תורות" פון בלענדיווער „שבת־טיש".

די באַהאַרצטע און גראַבלעך־הלצהדיקע יידן, האָבן אַן איבער־רייס אַרויסגעהויבן פון ברוק די שטיינער, ווי שלאָפנדיקע קינדער, און אויפגערודערט און איבערגעבעט זייערע וואַרעמע זאַמד־וויגעלעך. אַז מ׳האָט זיי ווידער אַריינגעלייגט, האָבן זיי אַ צייט שוין נישט געקאָנט שלאָפן. זיי האָבן הויך געפּלאַפּלט מיט — צעקלינגלטע טריט פון די צעפּאַליעטע לויפנדיקע שיכעלעך פון יינגלעך און מיידלעך אין די חדרים ביי די שטיפערישע שפּילערייען.

די שטיינער האָבן אַרום דריי הונדערט יאָר זיך נישט געביטן; אינעם פינצטערן שטעטל אין די ווינטערנעכט האָבן אַלטע יידן געפונען דעם וועג צום בית מדרש, צו אייניקלעך און מחותנים, לויט דער באַשטימטער אויסגעסדרטקייט פון די שטיינער.

ביים אַרויספאָרן פון דער לעצטער „פּאָדוואָדע" האָט דער יידישער שאָסיי אויסגעבראָכן מיט קראַנקן מייקעכץ, און נאָך דעם נאָכגעכאַפּט אַ זשליאָק — די ריצין־פּאַראיילעצטע פינצטערניש און די שיכורע פּוילישע קוויטשעניש פון די דאָרפישע „מאַזראַפּן".

די צעטומלטע און צופרידענע „שטאָט־טליקעס" („מעשטשאַ־נעס") האָבן די „היסטאָרישע געשעעניש" באַכליאָפּעט מיט בראָנפן. „מאַטקעס" האָבן געטוליעט זייערע שרצימלעך, געדראָט זיי נישט צו וויינען, אַזיסט וועט אַ זשיד זיי כאַפּן.

דאָס יידישע ביאַלע איז געלעגן אויסגעצויגן מיטן פּנים אַראָפּ מיט אַ דייטשיש מעסער אין האַלדז.

פון איר מיניאַטור־קירכעלע אין אַן אויסגעפּוילטן בוים, האָט די „מאַטקע באָסקע" אויף די שייד־וועגן נאָכגעלעסטערט די פּאַר־משפּטע, מיט פרום פּאַרגלאָצטע אויגן.

אין ביאַלע האָבן שטרענג און געמיטלעך זיך אַרומגעדרייט יונגע, ציווילע האַקנקרייצלער, מיט ראָזע שיקסע־פּיסקלעך. זיי

האָבן דערמאָנט די פּריצישע זינדלעך ביי די ענגלישע וואָגן, ביי וועלכע יידישע סאַדאָווניקעס האָבן סוף־זומער געוויגן פאַר זיי דעם „ווימיאַר" (אַ פּרוכט־שטייער פאַרן „הויף"). איצטער זענען זיי געשטאַנען ביים אַראָפּנעמען דעם „ווימיאַר" — אַלע זעקס טויזנט יידישע לעבנס. זיי האָבן מיט טריף־וואַקס פאַרפּיעטשאַטעוועט די טירן פון די „בעסערע יידישע הייזער".

אונדזער שטעטל איז געווען טויט. בלויז אַ שאָטן פון זיין פאַרגאַנגענעם חלום האָט געשוועבט אַרום דעם אָפּגעקילטן גוף, געשלענדערט זיך דאָ נישט ווייט. דאָס איז געווען אַ קליינע גרופּע יינגלעך און מיידלעך וואָס האָט זיך אין די לעצטע שעהען פאַר דער ליקווידאַציע אָפּגעריסן פון שוואַרצן מלאך־המוות און זיך אַריינגעשאָטנט אין דער ביינאַכטיקער אומהיימלעכקייט.

ביי טאָג האָבן זיי זיך פאַרגראָבן אין די ווילדע שטעכיקע קוסטעס און הויכע געדיכט־צווייגיקעביימער. זיי האָבן אויפגעשוי־דערט פון יעדן אַראָפּפאַלנדיקן בלעטל, כדי מקיים צו זיין דעם פּסוק „ורדף אתכם קול עלה נידף".

ווען בינעמל איז אַרויס פון דער היים, האָט דער פאַרמעגלעכער פאָטער זיינער, בעריש מאָטעס, אים אָוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַר אים געזאַמלט במשך פון זיינע זעכצן יאָר לעבן. די מאַמע, רבקה, האָט אים אַ קוש געטאָן אויף דער גיך און אַרויסגעטריבן — באַלעמוטשע נישט, אַנטלויף.

דאָס יינגל איז אַוועק אין דער נאַכט אַריין. ער האָט אויסגעמאָסטן די ערד אונטער זיך מיט די אָפּגעהאַקטע פיבערן פונעם אָטעם. די חושים זיינע האָבן זיך אָנגעשפּיצט ווי ביי אַ וואַלד־חיהלע, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרלוירן די וואַרעמע נאָנטקייט פון דער אונטער־געשאָסענער מוטער.

אַנטלאָפן — און זיין שטעטל איז אים נאָכגעלאָפן פון הינטן; ס'איז געווען געטריישאַפט און טויט־פאַרראַט — אין איינעם. די אָונט־פייכטקייט איז געווען דורכגעווייקט מיט גערײטשערישן „קרייץ דאָנערוועטער נאָך אַ מאָאַל"! — און מיט שאַרפע מעסערדיקע

ליכט פון האַנט־פּראָזשעקטאָרן. די טויעלעך אין די גרעזלעך האָבן געשימערט, שטעכנדיק מיט דער אָפּשפּיגלונג פון שטערן, ווי מיט אַ מיליאָן שטורמיסטישע באַגנעטן.

— — — — — — — — — — — —

אין דער זעלבער נאַכט און כמעט אין די זעלבע שעהען האָבן זיך יונגטלעכע אַרויסגעעגבערט דורך אַלע זייטן; פון דעם אַמשינאָווער שאָסיי, פון די „הויכע לאַוועס״ דורכן „אופּוסט״, דורך גאָסלינעק, מיליוועקע און דורך דעם ראַדאָמער שאָסיי. וויניק אין צאָל, נאָר אַלע פעלדער און פליינען אַרום זענען געווען צו ענג פאַר זייערע אַנגסט־פיבערן. די שלייפן האָבן געקלונגען מיט אָבלאָווע, די נעכט — קלעפּיק־האַרט און טונקל־רויטלעך, ווי פאַרטעכער פון קיילער, און די זוניקע טעג זענען געלעגן אויף זייערע גאָרגלען ווי פאַר־בלוטיקטע העק.

נאַכט־געשפּענסטער, אַרויסגעיאָגטע פון לעבן, זענען זיי געווען די שוואַרצע בשורות פון זיך אַליין.

זיי האָבן זיך געקרייזלט, אויפגעשפּרונגען און צונויפגעהויקערט און פלוצלינג זיך געזען צונויפגעקלומפּט אין איין ברילע. בינעמל האָט אַרויסגענומען דאָס טאָרבעלע קלינגעכץ און אין דער פינצטער דערלאַנגט עס עמעצן אין האַנט אַריין.

דער טויט האָט זיי נאָכגעיאָגט פון אַלע זייטן. אַרומגערינגלט מיט ירמיהוס נבואה: „אין דרויסן וויסטיקט די שווערד און אין די געצעלטן די אימה״.

אין די נעכט האָבן געטשאַטעוועט שטורעם־טרופּן, איבערגעטאָן אין פויערישע סערמענגעס און אין גרינע פוראַזשקעס; היימישע פּוילישע שקצים — פּריש־געבאַקענע „פאָלקס־דויטשן״, „אַקאָוו־צעס״, „ענדעקעס״, „נאַראָווצעס״ און „שמאַלצאָווניקעס״ — און אַלץ קעגן דער צעפּייניקטער גרופּע פאַרהעצטע קינדער. די אויסוווּרפן זענען געווען שרעקלעך וואַכזאַם און אָפּעראַטיוו; ווי שמעקהינט,

האָבן זיי געניוכעט די לופט, גענישטערט אין די האַלב־חרובע פויערישע שייערן, אין די חזיר־כליעוועס; די מעסערס און רעוואָל־ווערן פאַרשטעקט אין די פּאַסקעס, אין די הינטערשטע הויזן־טאַשן. שוין די שרעק אַליין פון די פאַרמשפּטע איז געווען אַ מסור, אַ שפּיצעל.

— — — — — — — — — — — —

אין איינער פון די שפּעט-האַרבסטיקע נעכט האָט בינעם זיך אַרויסגעשאַרט פון דער באַהעלטעניש. לויט דער איינגעשטעלטער ריי, האָט ער געדאַרפט איינשאַפן אַ ביסל שפּייז ביי אַ באַקאַנטן דיסקרעטן פויער, עטלעכע קילאָמעטער פון דער „מאַלינע״.

ווי אַ קראָליקל האָט דאָס ייִנגל זיך געדרייט, געשפּרונגען, אַרומגעקוקט זיך, אַ הויב געטאָן זיך און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין אַ שטעכיקע פּאָקזשיוועקוסט. דאָס ברען־גראָז איז געווען אַ שליח פון דער „טרייער מאַמע ערד פון פּוילן״ — אַ „פריינדלעכע אַנצוגעהערעניש״, אַז ער איז געוווּנטשן דאָ בלויז אַלס געשאָכטענער.

ער האָט פאַרקריצט די ציין און זיגזאַגיק געפויזעט ווייטער; אַן איבערגעוועקטע זשאַבע האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופט און מיט איר פייכטער קאַלטקייט אָפּגעבריט דעם ייִנגלס אויער. עס איז געוואָרן שטיל. מיט אַ מאָל האָט אַ שווינדל געטאָן אַ שוואַרצער סילועט, צוערשט איינער, דערנאָך אַ צווייטער און אַ דריטער, זיי האָבן זיך מיט איין מאָל אַ וויקל געטאָן אַרום בינעמען פון אַלע זייטן, אומשפּירבאַר האָבן זיי ווי אויסגעטרונקען די לופט אין דעם אומקרייז, אין גאָרגל האָט אַ סמאַליע־געטאָן אַ הייסער שטויב, באַזאַלצן מיט אַש:

— סטאָי בראַציע!

פיר ביינערדיקע שקצים האָבן פאַרקרעמפּעוועט זייערע קנאָכיקע פינגער, ווי טאָפּפּיס פון אייזערנע גראָבן שפּינען, אַרום דעם האַלדז, אַרום די הענט און פיס. זיי האָבן אַריינגעעקלט אַ בראָנפנדיקן „זאַדוך״ אין ייִנגלס פּנים אַריין.

— יאַק שיען מאַש, מלאַדי בערקו?

איין שייגעץ האָט אים אַריינגעקוקט היימיש און שפּאָטיש־מערדעריש אין די אויגן אַריין, דערלאַנגט אים אַ שמיר מיט אַ גראָבן סענקאָטן שטעקן איבערן קאַרק.

— הער אויס, „כלאָפּציע!”: מיר האָבן אייגנטלעך גאָרנישט צו דיר; מיר האָבן געקענט דיין טאַטן, ער האָט אונדז פאַרקויפט בוי־געהילץ אויף לאַנג חדשימדיקע קרעדיטן; דו זאָג אונדז בלויז ווו די גרופּע שול־קאָלעגעס און קאָלעזשאַנקעס באַהאַלטן זיך אויס, אונדז האָט זיך פאַרבענקט זייער „טאָוואַזשיסטוואָ”, ווייז אונדז זייער מאַלינע און די קאָנסט דיר גיין דיין וועגס.

— כ׳ווייס ניִשט, כ׳בין ערשט מיט צוויי שעה צוריק אַוועק פון דער היים.

— פון דער היים? וועגן וואָס פאַר אַ היים רעדסטו? די היים פון די זשידעס געפינט זיך בלויז אין דער סאַזשע פון די קוימענס. דו ווייסט אַליין אַז ביי אונדז ביסטו אין דער „פּעטשקע”, גיב אויס דיין „קאַהאַל” — מיר גיבן דיר צייט איין מינוט...

— זיי זענען אַוועק קיין בלענדיוו דורכן וועג פון שעכטהויז...

אַ האַגל פון שטעקנס האָט זיך אַ שאָט געטאָן איבער בינעמלס פּיס און בויך, זייערע פינגער האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין זיינע אויגן, אַ שוואַרצע קלעפּיקייט האָט וואַרעם אַ פליוכע געטאָן און זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פון זיין מויל. בינעם איז אומגעפאַלן. פון אַ שיטערן, געדיכטן נעפּל האָבן אַרויסגעטויכט טאַטע־מאַמע, ביידע זיידעס, נאָר זיין האַנט איז פאַרוויקלט מיט דער רצועה פון תפילין של־יד נאָך פון בר־מצווה צייט. מיט אַ מאָל איז אים געוואָרן אויס־טערליש גרינג, ער פליט אַוועק ערגעץ; די מאַמע, רבקה, ציט צו אים אויס די הענט, זי וויל אים אָנכאַפּן ביי דער מאַרינאַרקע. ער וויל עפּעס זאָגן... נאָר ער ווערט אין גאַנצן דורכזיכטיק. ער ווערט ווי אַריינגעקנעטן אין דער פינצטערניש, ווערט איינס מיט דער לופט, מיטן לייכט־פאַרבייוויעענדיקן ווינטל.

✡

די געראַטעוועטע שרידים פון יענער מאַלינע וווינען היינט אין מדינת־ישראל. זיי האָבן שוין קינדער און אייניקלעך אין צה״ל, און איך, בינעמלס געשוועסטער־קינד, קום מיט די עטלעכע בלעטלעך זכרונות שטעלן אים אַ מצבה אין אַן אָרעם יידיש ספרל אויף זיין ווייטן הפקרדיקן קבר אינעם פוילישן דאָרף „טורבאָוויצע".

נישט קיין יזכור־ליכטל, בינעמל, שטעל איך דיר. דאָס הייליקע יזכור־ליכטל ביסטו אַליין.

„די שוואַרצע יבשה"

מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקער פּרייער „זשעטשפּאָספּאָליטע", אין יאָר 1918, האָבן יידן אין ביאַלע זיך געפרייט — און באַלד איז די פרייד אונדז אויסגעגאַנגען „באָקעם". איינע פון די „ברעך" פון יענער צייט: מען האָט אַפילו נישט געוווסט וועמען צו מאַכן אין שיל אַ „הנותן תשועה". די כאַליערע ווייס זיי, צי דער נייער פוילישער קיסר איז פּילסודסקי, צי דאַשינסקי; צי מאָראַטשעווסקי — צי דאָס שפּעטעריקע איינגעשפּאַנטע גראַבסקי־פערד צו דער הויט־שינדערישער שטייער־„עגלה"...

די יינגיטשקע „שטאָט־טליקערלעך", די פּיעטזשקאָווסקיס, פּער־דינאַנדס, אָלשעווסקיס און פאַרדעלס האָבן געצויגן די וואָנצעלעך ווי אין זיי וואָלטן געלעגן באַגראָבן אַלע חכמעס פון הערשאַפט. זיי האָבן געקוקט אויף די פאַרווירטע יידן, ווי די אַלטע מאַנדזשע־יעווסקין — אויף די אויסגעדרענגטע גרעיט־שטיקער אין די יידישע באַליעס.

די „אויפריכטערישע בשורה" פון דער גרויסער רוסישער רע־וואָלוציע, האָט זיך געטראָגן מיט דער שנעלקייט פון אַ ווינט, וואָס האַלט אין די פאַלעס מיקראָבן פון מגיפה.

פון דער פוילישער הויפּט־קאָמענדע איז קיין ביאַלע געוואָרן אַראָפּגעשיקט אַ לעגיאָנערן־גאַרניזאָן. זיי האָבן זיך מושטרירט אין

מיטן מאַרק, געמאַכט איבונגען מיט ביקסן, וואָס זענען געווען טונקל־ברוינלעך, „שטיוונע״ און שפּיציק ווי זייערע „פּאַנעס״ — יידן האָבן די יינגע זעלנערלעך צוגעקלעפּט דעם עפּיטעט „פּאָלסקיע וואָיסקאָ סאַמע ראַבושניקי״. *)

די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו אונדז אָן איינגעבאַבלטע אין די שווידערלעכע בשורות פון פאַרגאָסענעם יידישן בלוט פון די דעניקינס, פּעטליורעס, וורענגלס און קאָלטשאַקס מער־דער־באַנדעס, דעם פּוילישן גענעראַל האַלערס „נעטע״ פּאָגראָם־הינט האָבן געשווירן נישט אָפּצושטיין אין פאַרמעסט...

ביאַלע איז געוואָרן צוזאַמענגעשטיקעוועט מיט אַ ריי דאָרפישע שכנותדיקע „פּאַראַפּיעס״, כדי נישט צו דערמעגלעכן אַ „זשידאָווסקי־מערהייט״ אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. עטלעכע יידישע נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יונגעלייט, וואָס האָבן ביי די ערשטע שריט זייערע פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געפּרוווט אַריינמישן זיך אין שטאָטיש־אַדמיניסטראַטיווע ענינים, זענען צעשלאָגן געוואָרן. איינער פון די צעשלאָגענע איז געווען מיין קרוב, אייזיק רבקה׳ס (קשיאָנזשעניצקי).

די יונגע „כלאָפּצעס״ פון ראַוווער שטייער־אַמט האָבן אַריינגעגרעגערט אין שטאָט אַריין דעם בענזין־ריח פון די מאָטאָציקלען און פּחד פון סעקוועסטערן אויף שבתדיקע לייכטער, בעטגעוואַנט און אויף דאַרע יידישע ציגן.

די בלינדע פּראָנטוואַנט פון דער יאַטקע האָט אין איינער אַ נאַכט זיך „אויסגעשלייערט״ אין פּלאַקאַטן און קאַריקאַטורן פון באָלשעוויקעס, וואָס האַלטן אויף די פּיקעס אַרויפגעשטאָכן יינגע מיידלעך און קינדער. די „רויטע מאָסקאַלעס״ אויף די פּלאַקאַטן האָבן געהאַט לאַנגע קרומע נעז, אַרויסגעזעצטע וואַסערדיקע אויגן און בערד. צו די רויטע שטערנס האָבן די „קינסטלער״ צוגעגעבן איין שפּיץ און ס׳איז אַרויסגעשפּרינגען אַ מגן־דוד...

*) דאָס פּוילישע מיליטער באַשטייט פון הוילע רויבער.

„טראָצקי, בראָדסקי און וויסאָצקי — די דאָזיקע סלאָגאַנען האָבן זיך אַהערגעטראָגן פון פוילנס „ברודערלעכן" אוקראַינע. די צוויי פעלקער, מיט איינגעבאַקענע טראַדיציעס פון קעגנזייטיקער גאָרגל־בייסעריי — זענען געווען רירנדיק סאָלידאַר אין דער מלאכה פון שעכטן יידן...

ענדעקעס, כאַדעקעס, כיענע־פיאַסט, רוצחים מיט פאָנען, מיט ווייסע אָדלערס, מיט פאָגראָמישע פראָגראַמען, מיט וויזיעס פון אַ פוילישער צוקונפט אַזאַ — ווי דער דייטשער קרעציקער הונט האָט זיי שפּעטער, גרויסמוטיק, אונטער.געטראָגן.

און קעגן דער „זשידאָ־קאָמונע" — זענען ביי אונדז געוואָרן מאָביליזירט אַלע יונגע יידישע בחורים גלייך פון גערער שטיבל אַרויס קיין פשעמישל קעגן די מאָסקאַלעס.

„דער שוואַרצער קאָנטינענט" („טשאַרני לאָנד") אַזאַ איז געווען דאָס קעפּל פון אַ סעריע רעפּאָרטאַזשן אינעם אָרגאַן פון די פוילישע שרייבער „זשיטשע ליטעראַצקיע" — די מחברין, וואַנדאַ מעלצער (אַ יידישע?) פאַרגיסט בוכן טרערן, נעבעך, אויף דער דאָליע פון די אָרעמע יידישע קינדער אין די קליינשטעטלדיקע פינצטערע „חדרים". דער מלמד שטייט איבער זיי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאַנטשיק. זיי ווערן דערצויגן אין שאָוויניסטישן גייסט אַן אַ שמץ ליבע צו דער פוילישער „אָיטשיזנע". די פוילישע געזעלשאַפט־לעכקייט טאָר נישט זיין גלייכגילטיק צו דער פאַרקריפּלונג פון די נשמות און באַוווסטזיין פון דער אַ אונטערוואַקסנדיקער פוילישער... יוגנט.

דער פוילישער לערער אין דער עלעמענטאַר־שול, צעגיעל־קאָווסקי, האָט „געטיטשעט" די רעפּאָרטאַזשן אונטער דער נאָז פונעם יידישן האַלב־בלינדן לערער, משה וויינער:

— נאָט, לייענט כאָטש, ווי עס זעט אויס אייער „פאָלקס־עדוקאַציע" — פינצטערניש, אָבסקוראַנטיזם און קאַנטשיקעס.

— פינצטערניש, אָפּשקוראַנטיזשעס, קאַנטשיקעס! — האָט דער ליטווישער בחור צוריק געשליידערט מיט ביטערניש — פון ווען אָן

נעמט זיך די פּוילישע קולטור אַזוי צום האַרצן די יידישע עדוקאַציע? קאַנטשיק, איר רעדט וועגן קאַנטשיקעס? נו, און סטאַשיץ, דלוגאַש, קאַלאַנטיי, דמאָווסקי?... ווען די פּוילישע אינטעליגענציע נעמט רעדן וועגן יידישע עדוקאַציע, דאַרף מען אַריינקוקן זיי אין די כאַליעוועס...

די פּאָליציי האָט אונטערגענומען אַן אַבלאַווע אויף די יידישע „נעסטן פון פינצטערניש". די קינדער זענען געלאָפן צעקנעפּלטע מיט די חומשים און גראָבע גמרות אונטער די אָרעמס, צעפלאַשעטע ווי געיאָגטע פייגל. די מלמדים מיט צעווינטיקטע גראָע בערד האָבן זיך באַהאַלטן אין ווינקל־אַלקערלעך פון די הינטערגעסלעך.

די קינדער האָבן געגישטערט, געשנאַפּט, צונויפגעסקופּיעט זיך אין דער ווייבער־שיל. דער רבי, נאָכן אויסקוקן די סביבה, איז אַרויף צו די קינדער, איין קינד איז געבליבן אונטן פּאַר אַ „צונג". דער רבי האָט שטיל אָנגעהויבן „וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו"... דער קאָפּ פונעם „גראָען פּאָליציאַנט" האָט זיך פלוצלינג געוויזן אויפן קעגנאיבערדיקן ראָג. דאָס יינגל האָט אַרויפסיגנאַלי־זירט — אַ מ י י ל י ץ! דאָס חדר האָט ווי אויסגעטריקנט...

יאַנקל „עצה"

ער איז געווען דער זון פון מיין קרוב, יצחק חיים קצב, אַ שטאַרקער ייד, פון דער משפחה „ביינישאָקעס" — מיט אַ ייחוס פון אַן עלטער־עלטער־זיידן וואָס האָט מיט אַ דישעל פון אַ וואָגן צעטריבן אַ יאַריד מיט גויים, מיט אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטער צוריק. ביי דעם ייד זענען אויסגעוואַקסן יינגלעך מיט קורצע, קרעמפּע קערפּערס, האַרטע מוסקלען און רויע, גוטמוטיקע פּרצופים, די טעכטער זענען געווען דינע, בלאַס־פּנימדיקע — „הוילע רוחניות". די ווייבער, די קונהטעס אין דער יאַטקע, האָבן זיך געחידושט: ווי נעמט זיך צו אַ קצב אַזעלכע „פּרינצעסינס", אין דער צייט ווען ביי

דעם נגידישן סוחר וואַקסן אויס מיידן מיט הענט און פיס ווי ביי העלפאַנטן?

צווישן די ברידער איז יאַנקל געווען ווי אַ ציקעלע צווישן ביקעס: די האָר, רויט ווי די בלעטער סוכות־צייט; דאָס פּנים דורכזיכטיק־ראָז; אַ רמז־שאַטירונג פון די שוועסטערנס פּנימער; די אויגן אַרויסרופעריש־שמייכלדיקע. מיט די שקצים האָט ער זיך מתווכח געווען מיט שטיינער, אָדער זיך געשליאַנדערט איבער די אַרומיקע דערפלעך מיט אַ ווייסן קאַרטאָן און אַ פּאַלעטע מיט פאַרבן און „געפּאַטשקעט". פון וואַנען האָט ער זיך „איינגעקויפט" דעם צונאָמען „עצה" — איז אונדז געווען נישט קלאָר, אַ סברא, אַז דאָס האָט געוואָרצלט אין זיין מוטערס „אויסרעדענישן" פאַר די ווייבער:

— פאַר די איבעריקע קינדער בין איך אויסגעזאָרגט, נאָר יאַנקעלע וועט זיך אין לעבן נישט געבן קיין עצה; ער קען נישט — און וויל נישט קענען — די וועלט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען כמעט נאָך אַ קינד. ער האָט שטיל זיך צוגעקוקט ווי יונגע פּוילישע „הופּצעס" האָבן צוגענומען די ביקסן ביי די לעצטע דייטשן. אַליין — האָט ער געצייכנט און סקיצירט מיט אַ בלייער אויף מאַרגינעסן פון צייטונגען און שער־בלעטער פון אָפּגעבלאַקעוועטע זשורנאַלן. עס זענען דעמאָלט געווען די האָניק־טעג פון פּוילישער מלוכהשאַפט, די פּייערלעשער האָבן פּייערלעך אָנגעמערקט די דאַטע מיט „סעק־וועסטרירן" די שניט־סחורה פון די עטלעכע יידישע פאַרשולדיקטע קרעמער, כלומרשט פאַר די פּוילישע קריגס־פּאַרמאַציעס. אין דער אמתן האָט מען דאָס ביסל יידישע גוטס אַוועקגעטראָגן פאַר די אייגענע „באַבעס" און אויף שנאַפּס פאַרן וואַכמייסטער און קומאַט־רעס.

עס זענען אָנגעקומען פינצטערע ידיעות וועגן באַוואָפנטע ענ־דעקעס און פּויערישע „כלאָפּצעס" וואָס צעבלוטיקן יידישע קרעמער אויף די יאַרידן, און רויבן צו זייערע סחורות; וועגן צעממיתטע יידישע זעלנער אין די קאַשאַרן פון יאַבלאָנע; וועגן שליאַכטשיצעס

וואָס אַנטלויפֿן אויס מורא פֿאַר דער זיך אַנרוקנדיקער רויטער אַרמיי.

ווי אַ רויטע לבנה אין אַ שפּעט־זומערדיקער נאַכט־שעה, האָט צווישן דעם פֿרישן זשעראָמסקישן בשורהדיקן „ערב־פֿרילינג" און דעם קאָשמאַר פֿון אַנטי־ייִדישע עקסצעסן אויפֿגעפֿליגלט, ווי פֿון דער העלער הויט — אַ ליכטיקע ייִדישע יוגנט. ייִנגלעך און מיידלעך וואָס זענען כמעט ערשט נעכטן „אַנטוויינט־געוואָרן" זענען פֿלוצלינג אַרויס פֿון די „קינדער־ווינדעלעך" און גענומען שאָקלען מיט דער וועלט, געכאַפּט זיך צו ביכער, דיסקוטירט, דיספּוטירט און אַרגו־מענטירט, פֿאַרשטעקט די געקרויזלטע שוואַרצע קעפּ אין פֿאַרוויקלטע וועלט־פּראָבלעמען.

— די נשמות וועלן דאָך ענק, חלילה, אויסגיין צווישן די ביכער — האָבן די גוטמוטיקע מאַמעס זיי געמוסרט.

ווי שוואָמען נאָך רעגנס, זענען אויסגעוואָקסן אָרגאַניזאַציעס, באַוועגונגען, פּאַרטייען און ריכטונגען: „פּרחי אגודת ישראל"; „צעירי שלומי אמוני ישראל"; „אגודת האורתודוקסים"; „בית יעקב"; „מזרחי"; „אַלגעמיינע ציוניסטן"; „האַנטווערקער פֿאַר־איינען" מיט ציוניסטישע נייגונגען; „פּועלי־ציון־צ"ס התאחדות"; „בונד"; „קאָמבונד"; שטרעמונגען מיט „רעכטע" און „לינקע" פֿליגלען — ק"ק ביאַלע זאָל האָבן אויף וואָס צו פֿליִען... ווייל אויף דער ערד איז געוואָרן מיט יעדן טאָג האַרבער און פֿיינלעכער.

ס'איז דערגאַנגען צו שפּאַלטונגען, פֿאַראייניקונגען און צוזאַ־מענגיסונגען, אידעאָלאָגישע קאָנסטאַנטירונגען, דעמענטירונגען און פֿעסטשטעלונגען. אַ שטעטל — אַ פּלאַנעטן־סיסטעם אין אַ קערנדל זאַמד.

צוויי מאָל אין טאָג און פֿיר מאָל אין חודש איז די פּאָסט געווען אָקופּירט, מען האָט געדזשוויגעט געשוואָלענע באַגאַזשן „גייסטיקע שפּייז" — צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן, פּאַרטייִשע „פּלאַטפֿאָר־מען" און ביכער, אָן אַ שיעור ביכער. קורץ נאָך זייער אימיגראַציע אַהער, האָבן די ביכער באַקומען די „געלע־זאָך" — פֿון דורכגיין דורך הונדערטער הענט. אַהער האָבן געשטראָמט פּרעלעגנטן און

אידעען־טרעגער, וואָס זענען געווען אויף מעסער־שטעך מיטן מלוכה־סיסטעם, מיט דער עגאָיסטישער, פּראָזאַישער וועלט וואָס זיצט אויפן „סיר הבשר״ און איז בלינד צו דערהויבענע אידעאַלן...

פון צייט צו צייט האָבן מיר „אויסגעשריבן״ פון דער רעזידענץ אמתע דיכטער און באַגאַבטע אַרטיסטן, זינגער און טענצער; זיי האָבן מיט זיך אָנגעטראָגן אוצרות נשמהדיקע רעגונגען און אינס־פּיראַציע...

עס פלעגן קומען שטיל און געהיים מיינסטנס אין די האַלבע נעכט יונגע רעוואָלוציאָנערע אינסטרוקטאָרן מיט טורמע־סטאַזשן, מיידלעך מיט יידישע בלאַסע פּנימער, שוואַרצע האָר און גויִשע נעמען. זיי האָבן אַ רודער־געטאָן, און געוואָרן „האָזן״ ערגעץ־ווו אין דער נאָענטער „פּאַראַפיע״. מיר האָבן זיי כמעט ווי נישט געזען, נאָר אָפּגעפילט זייערע פאַנאַטישע פיבערן. זיי האָבן איבערגעלאָזט „געוואַלט־ריסן״ אין אונדזערע נשמות און „אידעאָלאָגישע איינ־שטעלונגען״...

אין די פרומע היימען האָבן זיך אָפּגעשפּילט „לעבנס־דראַמעס״: מיידלעך זענען „באַזעסן״ געוואָרן פון עפּעס אַ העלד פון אַ בוך, ווי פון אַ „דיבוק״ — געלעבט זיין לעבן; געשלאָפן מיט אים; „געוואַנ־דערט״ מיט אים איבער מרחקים; געלאַכט זיין געלעכטער און געוויינט זיין געוויין.

די „שטיבל־בחורים״ האָבן אייפעריק עוסק געווען אין פאַר־וויקלטע סוגיות פון „זרעים, קדשים און טהרות״ און זייערע בענק־שאַפטן האָבן געבלאָנקעט ערגעץ אינדרויסן, אַרום די שעלמיש־לאַכנדיקע מיידלעך, רגעסווייז איבערגעריסן דאָס לערנען, אַרויפ־געלייגט אַן „עֵרוב״ אויף דער „פּלוגתא פון הלל ושמאי״ און זיך פאַרטיפט אין אַ נישט־דאָיִקן בלאָען יינגלערישן טרוים...

יאַנקל „עצה״ האָט זיך „זאַראַזשעט״. דער „קאַמף פון די אונ־טערדריקטע פאָלקס־מאַסן״ האָט אים צוגעטשוועקט צו זיך, פאַרקנסט אים מיט די „רויטע״. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די קרעפקע ברידער זענען עלול אים „צו דורסן״ פאַרן פאַרשעמען טאַטע־מאַמע, האָט

ער דערוויל שלום געמאַכט מיטן יידישן היטל, מיטן לאַנגן כאַלאַטל און מיטן אַלטן בית־המדרש. צו מנחה־מעריב אוןביים סוף פּסוק: ...ה׳ ימלוך לעולם ועד ועל כל מעשיו, מיר אַריינגעשריגן אין אויער — ועל כל דאָאַן סוף.

ער האָט זיך שטיל געגרייט אַוועק צו פאַרן קיין וואַרשע און האַרט פאַרן עוקר זיין נאָך געגאַנגען מיטן טאַטן צו „כל־נדרי״. צו מאָרגנס, ביי די מוספדיקע יוצרות, ווען דער עולם פאַלט „כורעים״, האָט ער זיך „זגראַבנע״ אַרויסגעשאַרט פון בית־מדרש.

ווען ער איז אַריבער די שוועל פון דער היים האָט ער דערווישט אַז דאָס נשמה־ליכט איז אויסגעלאָשן.

אַן אויסגעלאָשן ליכט איז ביי פרומע יידן געווען אַ ביטערער סימן — אַ סימן אַז אין דעם יאָר וועט אין דער משפחה געשען עפּעס אַן אומגליק. ער האָט שנעל דאָס ליכט אָנגעצונדן. אַ מינוט שפּעטער איז אַריינגעקומען דאָס שאַטינעגע שוועסטערל, ראַאַצע, מיט איר חברטע, חנה אברהם פעלטעס.

— דו פאָרסט אַוועק פון אונדז — האָט חנה צו אים געזאָגט, נישט אָן פאַרדרוס — אויסגלייכנדיק די בלעכערנע ברילעכלעך אויפן שמאָלן נעזל.

— אַלץ דאָס שוועסטערל ראַאַצעלע גראַצעלע, אַ מעצאָצע. מע וואַרט שוין אויף מיר אין וואַרשע מיט אַ גילדערנעם וואַליאַנט.

— אוי, אַ צרה! — האָט ראַאַצע זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט כלומרשט עפּעס פאַרלוירן אַ וואַזשנע חפץ, — גאָר פאַרגעסן, כ׳מוז צולויפן צו חיה־גיטלען, כ׳קום באַלד צוריק...

אַ רגע איז אין שטיבל געהאָנגען אַן אָנגעצויגענע שטילקייט.

— וואָס דערוואַרט מיך דאָ אין ביאַלע? — האָט יאַנקל איבער־געריסן די שטילקייט — סאַראַ צוקונפט? איך חלום צו זיין אַ מאָלער. דאָ איז די לופט פול מיט רעאַקציע, מיט בורזשואַזע פאַראורטיילן. מען דאַרף קעמפן פאַר אַ גערעכטע, נייע און שענערע וועלט, פאַרן גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט...

— ס׳איז אָבער דאָ עמעצער, וואָס אָן דיר וועט איר פאַרפעלן

לופט צום אָטעמען — און אַלץ צוליבן גליק פון דער מענטשהייט ?...

— כ׳האָב עס ביז איצט נישט געוווסט — האָט יאַנקל זיך פאַרענטפערט.

— דאָס איז אַלץ וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן צום געזעגענען ?

ביידע האָבן מיט יונגער פרומער שעמעוודיקייט אַראָפּגעבויגן די קעפּ; פון אונטער די שטערנס האָבן צווי פּאָר אויגן אויפגעלויכטן מיט אַן אומרויִקן בליאַסק. יאַנקל האָט צוגעבויגן זיין פּנים צו חנהס מויל, איר אָטעם האָט זיך ווי איבערגעהאַקט... די באַקן האָבן גענומען שפּילן מיט פאַרבן...

די שוועסטער איז צוריק געקומען און אַלץ האָט זיך איינגעשטעלט ווי פריִער. נאָך איידער די טיר האָט זיך געעפנט, איז יאַנקל שוין געשטאַנען ביי דער צעעפנטער קאָמאָדע און זיך איינגעקוקט אין זיין מאַמעס פאָטאָגראַפיע פון די מיידלשע יאָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ גרופּע חברים און „קאָלעזשאַנקעס״ באַגלייט יאַנקלען צו דער „קאָלעיקע״, צווישן די באַגלייטנדיקע איז אויך געווען חנה, זי האָט אים געזעגנט מיט די אויגן. דער „פּאַראַוואָז״ האָט אַ פּאָנפע געטאָן מיט שוואַרצן רויך, יאַנקל איז אַראָפּ פון טרעפּל פון וואַגאָן, דערלאַנגט איר די האַנט, אַ גלי געטאָן מיט די ליפּן איבער איר געזיכט און צוריק אַריין אינעם וואַגאָן; חנה האָט מיט נערוועזע פינגער צעגויפּגעקוועטשט אַ וויס פּאַפּירל.

☆

צוויי יאָר זענען פאַרביי. איבערן שטעטל איז געהאַנגען אַ גראָער נעפּל, די יוגנט האָט שפּאַצירט שוויגנדיק. יאַנקל האָט געדאַרפט קומען פון „פּאַוויאַק״, וווּ ער איז געזעסן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. לויט אַן אָפּמאַך מיטן סאָוויעטן־פאַרבאַנד אין פּוילן, ווערט ער אויסגעטוישט, מיט די פּוילישע פּאָליטישע אַרעסטירטע. ער דאַרף פאַרלאָזן פּוילן במשך צוויי וואָכן.

געקומען איז יאַנקל אין אַ זומער־פאַרנאַכט, דאָס יינגוואַרג

האָט „געכאַפּט אַן אַטאַק״ פון אַ „פּאָלקס־פּראָנט״, דאָרט ווי די פּיין קומט קאַפּויער, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר ברידער־רייסעניש. צו דער „קאָלעיקע״ זענען געקומען אַלע — פון קאָמוניסטן ביז שטיבל־בחורים, בית־יעקבניצעס — אַחוץ פּוילישע „קאַמפּס־חברים״ — אַזעלכע זענען נישט געווען בנמצא.

דאָס לאָקאָמאָטיוו־סאַמאָוואַרל האָט געגאָנגערט צעריסן און אייג־טאַניק. יאַנקל איז אַראָפּ פון וואַגאָן אַ פּאַרטראָגענער, ווי ער וואָלט דאָס שטעטל נישט דערקענט. דער גאָסט איז געווען שווער קראַנק, די מוטער איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, פון איר לאָסט האָט ער זיך ווי אַראָפּגעזעצט. דער אַלטער יצחק־חיים האָט אים שנעל אונ־טערגעכאַפּט, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל ווי אַ קראַנקן שעפּס...

די „כאַלופּע״ פונעם אַלטן קצב איז געוואָרן אין שטעטל ווי עפּעס אַ פּיסל פון אַ גרויס חנוכה־טרענדערל, אַרום וועלכן אַלע פליגל־געסלעך האָבן רוישנדיק זיך אַרומגעדרייט. ס׳איז געווען די לעבעדיק־יידישע מענטשלעכע ליבשאַפט און מיטלייד צו זייערס אַ לייבלעכן געפייניקטן ייד. נאָך עטלעכע טאָג האָבן די עלטערן אים געפירט אַן אויסגעמאַטערטן, מיט הויכער היץ, צו דער חופּה מיט חנהן, אַזוי האָט ער געוואָלט. אַ טאָג נאָך דעם איז געקומען אַ „דע־לעגאַציע״ — צוויי דריי יוגנטלעכע „אידעען־חברים״, צוגעגרייט אים צום אַפּרייזן איבער דער גרענעץ אינעם לאַנד פון דער דיקטאַ־טור פון פּראָלעטאַריאַט.

חדשים זענען אַוועק. דאָס שטעטל האָט געוואַרט. דער פּאָסט־טרעגער האָט געהאַט אַ געמאַטערט לעבן, פון וואַנען זאָל ער נעמען בריוו, פון די הויזן?

אין איינעם אַן אָנהייב־האַרבסטיקן פאַר מיטאָג איז געקומען אַ בריוו אין אַ טונקל־גראָער קאָפּערטע. ער שרייבט: ...כ׳בין בשלום אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אַדרעס. איר דאַרפט זיין רויק פאַר מיין ווייטערדיקן גורל. מען גרייט מיך דאָ צו אַריינצוטרעטן אין אַ קונסט־אַקאַדעמיע. כ׳געפין זיך אין אַ רייך און גאַסטפריינדלעך לאַנד... פאַראַן דאָ ברייטע פעלדער און אוראַלטע געדיכטע וועלדער...

כ׳בעט אייך נישט צו באַאומרויִקן זיך, אויב כ׳וועל אייך רעגולער קיין בריוו נישט שרייבן; כ׳בין שטאַרק פאַרנומען; מען גרייט מיך צו צום עקזאַמען...

עטלעכע וואָכן נאָך דעם איז אויסגעפאַלן יום־כיפור. יאַנקלס מוטער איז אַ געבראָכענע געזעסן אין דער ווייבער־שיל. פון פאַסטן איז איר פּנים געוואָרן אויסגעצערט און דורכזיכטיק און דערמאָנט דעם קאָליר פון איר יונגן זון. די בלעטער פונעם מחזור אויפן שוואַרצן שטענדערל זענען געווען נאַס פון טרערן און געדיכט באַ־טריפט מיטן וואַקס פונעם דערנעבנדיקן זיך־שמעלצנדיקן נשמה־ליכט. אַ פאַרחלשטקייט האָט געפּענטעט אירע גלידער מיט גליווערנ־דיקן קאַלטן און בלינדן יאוש.

ווייזט אויס, אַז דער תענית, דער ליכט־טשאַד און די היץ האָבן מיך אויסגעמאַטערט — האָט זי געטראַכט — עס וועט באַלד איבער־גיין...

זי האָט נישט באַוויזן צו דערטראַכטן דעם געדאַנק ביזן סוף און זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער פּאָדלאָגע. אין דער מינוט האָט דאָס וואַקסענע ליכט איבער איר שטענדער זיך שאַרף אַ בויג געטאָן און שנעל־פלאַקערנדיק גענומען אויסשמעלצן. די טאָכטער און די יינגע שנור — די עגונה, חנה — האָבן מיט אָנשטרענג זי אויפגעהויבן, דאָס ליכט איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, דער וואַקס האָט ברענענדיק זיך צעגאָסן און פאַרלאָשן.

— מיין יינגל לעשט זיך אויס — האָט די מוטער געפּרעפּלט, און ציטערדיק צוגעצויגן די טאָכטערס האַנט־פלאַך צו איר פּנים, אירע ליפּן — שוואַרץ און צעפּאַדעט — האָבן עפּעס געפּליסטערט אַריין אין זיך...

הינטער דער שטאָט האָט די יוגנט הייס זיך געשושקעט, איבער־געגעבן איינער דעם צווייטן די שטילע ידיעה, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס דערהאַלטן פון וואַרשע: דאָרט אויפן „מזרח" זענען אַ סך יונגע יידישע רעוואָלוציאָנערן פון פוילן, „דורכגעפאַלן ביי די עקזאַמענס"...

די נקמה פון אַן אָפּגעשניטענעם בוים

מיין מומע, רבקה, איז געווען אַ מאַמע פון צען קינדער. דער זיידע האָט צו איר חתונה געקויפט אַ פּלאַץ ביי ריטשערן דעם דייטש אויף אויסצובויען אַ הויז.ביים צוטרעטן צו לייגן דעם „פּזשיטשזשיזש" (בעלקעס־פונדאַמענט), איז דאָס יונגע פּאָרפאָלק געבליבן שטיין פאַר־צווייפלט. אויפן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ בוים, אַ באַרנע־בוים, מיט רוישנדיקע פייגל אין די געדיכטע צווייגן, און קליינע פייגעלעך אין נעסטן.

מ'איז געפאָרן קיין גער צום רביך, געשריבן אַ „קוויטל" — דער רבי האָט נישט געוואָלט געבן זיין הכשר אויף אָפּצושניידן דעם בוים. דאָס זעלבע אין מאָגילניצע, אין בלענדיוו — די רביס האָבן נישט געגעבן זייער הסכמה, אַרויסגעדרייט זיך פון אַ קלאָרן ענטפער און דערביי זיך פאַרטיפט אינעם ספר „פּרקי דר' אליעזר".*

דאָס יינגע פּאָרפאָלק האָט גענומען „אין דער אַרבעט אַריין" דעם האַלצהעקער סצעפּון פונעם שכנותדיקן דערפל גאָסלינעק, אָוועקגעזעצט אים גרויסאַרטיק ביים טיש, מכבד געווען מיט פרישע חלה, מיט אַ פעטן קרופּניק און אַ הייסן קאָטלעט. ער האָט געגעסן, געווישט די וואָנצעס, געדאַנקט די יינגע „אייזיקוונע" (אַ קען־נאָמען פון אונדזער שבט) און — גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען.

רבקהלע האָט זיך מיט אים „שואל־עצה־געווען": — דעם מאַנס עלטער־באָבע האָט איין צאָן אין מויל, צום עסן נוצט ער נישט, טרינקען ווידער, כאַפּן די דזשאָנסלעס אַ „דרעשטש". אַרויסרייסן, ווידער, האָט דער הייליקער ראַבין נישט נאַראַיעט, זי וויל נישט קומען אויף יענער וועלט מיט אַ ליידיק מויל ווי אַ קינד... נאָר אַרויסקאָרטשעווען דאָס אָרט מוז מען — „קאָפּויעסט?" ס'גייט, פאַרשטייסטו מיך, וועגן אַ קינד, ס'הייסט, וועגן אַ גניאַזדע פאַר

---

* „פּרקי דר' אליעזר": פרק ל"ד: „בשעה שכורתים את עץ האילן שהוא עושה פרי הקול יוצא מסוף העולם ועד סופו"...

אַ קינד, כ׳מיין צו זאָגן, וועגן אַ הויז פאַר קינדער, מען דאַרף אויס־האַקן, אויסקאַרטשעווען, „ראַזומיעש ?״

סצעפּון האָט אַרויסגעשטעקט אַ צונג פון אַ בהמה — וואָס ווילן די זשידקעס פון אים האָבן? קיין וואָגן האָלץ אויף צו צעהאַקן זעט ער נישט, און אויף דער וועלט איז דער חודש ליפּיעץ, ס׳איז וואַרעם אינדרויסן, און קיין בראָנפן אויפן טיש זעט מען נישט. גרייטן זיי נישט עפּעס הינטערווייִלעכץ אַ כיטרע קאַוואַל ?... דער יונגער פּעטער, יודל, האָט געשוויצט, אָט אַ כאַמסקע־רילע, כאָטש לייג אים אַלץ אַרויף אויפן טעלער...

זיי האָבן אים אַרויסגענומען אין דרויסן אויף אַ שפּאַציר פאַרביי זייער „פּאָסעסיע״; יודל איז צוגעלאָפן צום בוים, געטרייסלט אים מיטן עלנבויגן, געמאַכט אַרום אים ממזריש־שקאַצישע האַוואַיעס, „הקפות״ — סצעפּון האָט אַרויסגעסטערטשעט די שליפּיעס און פלוצלינג זיך צעכאַכאָטשעט מיט אַ לאַנגן פאַרדושעטן הירזש פון אַ פערד, וואָס בענקט נאָך דער קאָבילע. ס׳איז אים פלוצטהאַלבן אַלץ קלאָר געוואָרן. ער איז אַהיימגעלאָפן, געברענגט זיין שווערן טאָפּאָר, פאַרשאַרצט די אַרבל און נאָך זעקס כמאַליעס, האָט דער בוים זיך אַוועקגעלייגט אויסצורוען...

סצעפּון האָט דריי מאָל אַרויפגעשפּיגן אויפן קיסר ניקאָלאַי פונעם זילבערנעם רובעל־שטיק, „שכר־טרחה״, און איז אַוועק צו זעליק בינעמס אין שענק אַריין.

מען האָט אויפגעשטעלט אַ שיין הויז; עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קינדער „איינס און איינס״ — יינגלעך און מיידלעך — בלאָנדע, שאַטינע און שוואַרצע; ביים זעקסטן קינד, לייזער, האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט; ער איז אַרויסגעשפּרונגען צו זיבן חדשים, די ערשטע קאַפּוליער אָנצוגעהערעניש פונעם פאַראיבל פאַרן אומ־טערגעהאַקטן בוים — די ערשטע נקמה...

דאָס פינפטע מיידעלע, די דרייצן יאָריקע מאַאַטעלע איז „אַוועק־געפאַלן ״ אויף אַ משוגענעם טיפּוס, זי האָט געהאַט הויכע היץ און

געשריגן אַ באַנומענע, אַז סצעפּון קומט אַהער מיט דער האַק, ער וועט איר אָפּהאַקן הענט און פיס, וועט דאָס אַריינלייגן אין אַ קויש, פאַרקויפן אויפן יאַריד און קויפן פאַרן געלט אַ „מאָנאָפּאָלקעלע".

די מומע, רבקה, איז אַוועק אויפן בית־עולם מעסטן־קברים, געריסן דאָס פּרוכת אין שיל, און צום סוף אַריין אינעם שכנותדיקן סעדל פון ריטשערן דעם גוי, געהאַקט דעם קאָפּ אין אַ באַרנע־בוים, און פונאַנדערגעשאָטן אַ טאָרבע הירזש פאַר די פייגעלעך. דער טויט האָט דאָס מאָל „געפּאָלגעוועט"; מאַאַטל איז געזונט געוואָרן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז יודל געשטאָרבן פון פלעקטיפוס. קורץ נאָך דעם איז געשטאָרבן די יונגע שנור, אייזיקס ווייב, דער בוים איז נאַכט ביי נאַכט געקומען צו דער מומע רבקהס בעט, אַריינגעשטאָכן די צווייגן אין איר לייב אַריין, געדראָט און געוויינט...

אין עטלעכע יאָר אַרום איז געשטאָרבן מאַאַטעלעס מאַן, געצל; עטלעכע יאָר נאָך דעם איז געגאַנגען פון דער וועלט די יונגסטע טאָכטער, גיטעלע.

אין יאָר ניינצן דריי און פערציק איז די מומע רבקה מיט אירע קינדער און אייניקלעך, צוזאַמען מיט אַלע יידן פון שטעטל „אויס־געזידלט" געוואָרן קיין טרעבלינקע; זי האָט נישט געזען די קרעציקע האַנט פון די דייטשע מערדער — דער אָפּגעשניטענער בוים איז לוויהדיק נאָכגעגאַנגען איר לעצטן וועג, אַריין מיט איר אין דער גאַזקאַמער און אַריינגעגרוילט אין איר לעצטן אָטעם זיין אומגע־שטילטע נקמה.

זיסמאַן העשעלעס

געוועזן איז ער אַ בן־יחיד ביים דראָבנעם שניט־קרעמערל העשעלע (פאַמיליע־נאָמען פאַרגעסן). דאָס הויז זייערס איז גע־שטאַנען איינגעקוועטשט צווישן רחבותדיקן מאַרקפּלאַץ און צווישן טראַקט וואָס פירט קיין אַמשינאָוו.

ווי אַ ביין אין האַלדז איז די מאָכיקע כאַלופע געשטאַנען דעם שטאָטישן ראַד־פּאַרקער, באַזונדערס, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויטאָ־קאָמוניקאַציע. די „טשעגזשאַרוווקעס״ האָבן פון צייט צו צייט דערלאַנגט „אַ קיצל״ דעם פּרוכניקן באָק פון דעם „מאַיאָנטעק״ אַזוי, אַז די פּאַליצעס מיט די דאַרע קופּאַנען מיט שעוויאַטן, מולטן און דרעליך זענען אַראָפּגעפּאַלן און געהאַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער...

זיסמאַן איז אַרויס, געכאַפּט אַ קוק אויפן „פּאַזשאַנדעק״, איבער־געלאָזט די פּרנסה אויף דער אַפּוטרופּסות פון דער קליינער פּוכ־לינקער שוועסטער מינדעלע און מיטן שווערן, טונקל־לעדערנעם „פּני־יהושע״ אַוועק אין שכנותדיקן גערער שטיבל לערנען „שיעור״.

איך בין דעמאָלט געווען אַ „טערמינאַטאָר״ אינעם לומדישן גערער גמרא־אַנשטאַלט. כדי זיך איינצוקויפן אין דער בחורישער־חברה, האָב איך געדאַרפט אַ האַלב יאָר צייט ווי אין דער לער ביי אַ באַלמעלאָכע אַרויסטראָגן ס׳פּאָמעשאַף, ברענגען וואַסער און אויסקערן דאָס שטיבל. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע, נאָר ווי פאַר אַ דרייצן יאָריק ייִנגל — אַ בזיונדיקע. כ׳האָב זיך געמוזט אונטערוואַרפן. כ׳האָב נישט געהאַט קיין „זכות־אבות״ — מיין טאַטע איז נישט געווען קיין גערער חסיד.

געווען עטלעכע ייִנגלעך פון פּראָסטן שטאַנד וואָס האָבן „גראַ־וויטירט״ צום תורה־לימוד! ס׳פּאָמעשאַף האָט זיי אַרויסגעצוואָגן פון דאָרט... בפרט ווען די יוגנט־פּאַראיינען האָבן געלאָקט, גערופן צו זיך מיט זייער פּאַרכישופטן געדויש פון ייִנג־מיידלשן געלעכטער...

זיסמאַן העשעלעס איז געווען דער שטילסטער צווישן די שטיבל־בחורים, נישט געשאַפט זיך מיט די „לערן־ייִנגלעך״, אדרבא; גע־שמועסט מיט זיי ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. אין זכרון איז מיר פאַרבליבן איינגעקריצט דער יונגער זיסמאַן, מיט אַ צאַרט ברוינ־לעכן חתימת־זקן אויף ראָזע באַקן, דער רעכטער עלנבויגן אָנגעלענט אויף די טירן־נישע, ער איז מעיין שטייענדיק אין אַ גראָב, גראָ לייוונטן ספר — אַ טרייע קאָפּיע פון מאַוריצי גאָטליבס בילד „אין

שיל״, דיזעלבע קבלהשע נישט־דאָיקע פאַרמוחטקייט, דער זעלבער עקסטאַז, ליבשאַפט און אמונה.

אַ יפת־תואר פון אַ ייִנגל, האָט ער געטאָן אַ שידוך מיט איינער פון די שענסטע מיידלעך פון שטעטל, מיט לייבישל קריגערס טאָכטער (איר נאָמען פאַרגעסן). דעם הויכן יצחק יעקבס געפלאַסטערטער שטיין־ברוק האָט ציטערדיק געזונגען אונטער די טריט פון די לויכטנדיק־צעטאַנצטע חתונה־געסט פון שטאָט און פון דער אַרומיקער פּראָווינץ.

דער פאָטער, העשעלע, האָט אים פאַרירשנט דאָס שניט־קרעמל און איז אַליין אַוועק אין ווייטע מקומות, געוואָרן אַ מדינה־גייער... די שניט־סחורה איז שנעל „פאַרברענט געוואָרן צווישן די פינגער״, ס׳גאַיעס האָבן אים „אויסגעמאַכט ס׳אויער״. ער האָט זיך געכאַפּט צו מלמדות, אָבער די טאַטעס האָבן זיך נישט געאײַלט אים אָנצופאַרטרויען די קינדער, ווייל באַלד צו מאָרגנס נאָך דער חתונה צווישן מנחה־מעריב, האָט ער פונאַנדערגעבלעטערט אין שטיבל ברייטלעך די גמרא און התלהבותדיק זיך צעשאָקלט: „כל אשה שיש לה וסת, דיה שעתה״... חוץ לזה האָבן זיי זיך באַצויגן מיט חשד צו אַ יונגן מלמד, וואָס איז פריינדלעך צו קינדער. זיסמאַן האָט זיך אַרומגעזען אַז ס׳איז אַ ביטער פעקל, האָט ער זיך מישב געווען און — משוגע געוואָרן.

ס׳איז געווען אי לאָגיש, אי פּראַקטיש, אי באַקוועם; אַ משוגענער איז מן הדין פטור פון געבן פרנסה אַ ווייב מיט קינדער; קאָן מען זיין אַ חסיד, באַקומען אַפילו אַן עליה, באַדאַי די „תוכחה״, מען קאָן לערנען אין שטיבל דביקותדיק און שמועסן פריי מיט די ציוניסטישע און בונדיסטישע אפיקורסימלעך אין מיטן מאַרק, אַפילו זיך וויצלען מיט אַ מיידל — גיי האָב טענות צו אַ משוגענעם...

ס׳איז אַפילו אַ מצווה אויך; אַ שטעטל מוז האָבן פון וועמען צו לאַכן, ס׳אַ בפירושע גמרא: — אַ שטאָט טאָר נישט זיין אָן קיין רב, אָן קיין דאָקטאָר און אָן אַ משוגענעם...

איך האָב אים געזען עטלעכע וואָכן נאָכן אַריינמאַרש פון די

היטלעריסטן קיין ביאַלע: ער איז געזעסן אין שטוב אַ דערשלאָגע־נער, אַרונטערגעבונדן די באָרד מיט אַ רויטער פאַטשיילע; ער איז געווען שוידערלעך מיושבדיק, אויפן פּנים האָט אַרויסגעשלאָגן אַ דיקלעכע פאַרפעצטע געלקייט. ער האָט מיר דערציילט אַז אינעם שכנותדיקן דאָרף שוויקעוו האָט געוווינט אַן אַלטע גויע, פאַראַלי־זשירט אויף דער לינקער באַק, די לינקע פּלייצע און לינקן פוס; בעת דער דייטשער באָמבאַרדירונג איז דער לינקער טייל גוף אירער געוואָרן פולשטענדיק אויסגעהיילט, נאָרמאַל, נאָר — אַ באָמבע האָט איר אַראָפּגעריסן דעם גאַנצן רעכטן טייל פון לייב...

מיין ליידנדיקער און שטילער זיסמאַן העשעלעס, זאָלן מיינע פּאָר שורות דינען דיר ווי אַ מצבה, אַ פאַרוואַלגערטע מצבה אויף דיינע פאַרלוירענע אַשן, ווייל איך האָב דיך ליב געהאַט ביים לעבן, ווי אַ ברודער, און מיט דעם קאַפּיטל צאָל איך דיר אָפּ אַ חוב, אַ חוב פאַר דיין אויסטערלישער דינסט דער יידישער כמורנער אָרעמקייט אין מיין געבוירן שטעטל — מיט דיין איפּכא־מסתברא־דיקייט, מיט דיין פאַרטרוילעכער צוגעלאָזנקייט און ליבשאַפט צו מענטשן.

ק י נ ד ע ר

אויב די דערוואַקסענע זענען געווען „פונאַנדערגעריסן" אויף „גרופּן־סטאַדעס" ווי חסידים, באַלמעלאָכעס, ציוניסטן א"אַנד, האָבן קליינע קינדער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטרענגער אייגנאַרטיקייט און אינדיווידואַליטעט. נישט נאָר איז איין קינד נישט געווען ענלעך צום צווייטן, נאָר זייערע געלעכטערן און געוויינען, זייערע פריידן, שרעקן, ליבשאַפטן און ווידערווילנס זענען געווען אַנדערש, יחידיש. יעדעס קינד באַזונדער האָט געזען אַנדערש זיין מאַמע ביים בענטשן ליכט, ביים וויינען יום־כיפור אין שיל, ביים וואַשן דעם ברודערלס אָדער שוועסטערלס ווינדעלעך, ביים איבערגעבן דאָס שיסעלע גריץ אין חדר. יעדער האָט אַנדערש געזען דעם טאַטן ביים קלאַפּן זיך

„על־חטא‟, ביים קריגן זיך וועגן אַ רב, ביים פרייען זיך אויף אַ חתונה, ביים הערן דערציילן אַ הלצה.

יעדעס קינד האָט געלאָבוזעוועט אַנדערש, און אַנדערש געקוקט אויף די בייזע שקצים און אַנדערש זיך אויפגעפירט ביים פירן מלחמות מיט אַ „שייקע‟ קינדער פון אַן אַנדער חדר.

יעדעס קינד אין וויגל האָט אַנדערש „געריסן זיך אויפן גאָרגל‟, אַנדערש זיך פאַרקייכט ביים קיצל פון אַן עלטער ברודערל, אַנדערש זיך געשפּילט מיטן קליינעם שעלמישן קעצעלע; אַפילו די אָפּהילכן פון די טריט אויף די שטיינער פון מאַרק זענען נישט געווען גלייך איינע מיט דער אַנדערער. יעדער האָט אַנדערש געזען דאָס צעוויל־דעוועטע פערד אויפן יאַריד, בעת די פויערן האָבן דעם אַריינגע־קוקט אין די ציין און ביים „צוקלאַפּן דעם מקח‟ און — דאָס אַרויס־וואַקלען זיך פון אַ באַגנבעטן פויער פון דער שענק.

די קינדער ווי אַ דורכזיכטיק־לויטערער וואַסער־פּלייץ, וואָס טוט ראַפּטעם אַ שפּריץ אַרויס פון אַ „סטראַזשאַצקן‟ וואַסער־שלאַוך, אַנטקעגן דער מיטנטאָגיקער זון; יעדער שטויביקער וואַסער־טראָפּ פאַרמאָגט אַן אייגענע, אַנדערשטיקע פאַרב, הויבט זיך אַנדערש אויף אין ווינט, רייסט אַנדערש זיך אָפּ פון זיינע ברידערלעך — די בלאָנ־קענדיקע טראָפּנס וואָס פאַלן אַראָפּ און ווערן פאַרלוירן...

ביז צום פינצטערן אַריינמאַרש פון די היטלעריסטן, איז ביאַלע נישט געווען באַלויכטן אין די נעכט. דאָ האָט אין משך פון יאָר־הונדערטער געשלאָגן אַ קוואַלעוודיק־בלענדיק ליכט פון די שוואַרצע אויגן פון די יידישע מיידלעך אויף אונדזערע אָוונט־שפּאַצירן; פון די ווייבערישע טרערן ביי די כל־נדרי־נשמה־ליכט, פון די פלעמלעך פון די שבת־ליכט, פון די ווייסע קינדער־ווינדעלעך, צעהאָנגענע אויף שנירלעך הינטער די פענצטער, פון די געזאַנגען פון די בית־מדרש בחורים ביי גראָשנדיקע ליכטלעך.

אַ בראשיתדיק ליכט האָט געשלאָגן אין די ווינטער־אָוונטן פון די חדרים פון די תינוקות של בית־רבן; דער קינדער־עקסטאַז האָט געלויכטן מיטן אורפלאָם פונעם חומשדיקן סנה. דאָס ליכט זייערס

האָט אַוועקגעבלאָנקעט ערגעץ־ווייט, ווייט און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן ליכט פון אַלע יידיש־קינדערישע סיני־געזאַנגען אין די זעלבע שעהען אין אַלע יידישע שטעטלעך פון גאַנצן פוילן־לאַנד.

די תלמידימלעך זענען אַרויס פון די חדרים, באַלויכטענע מיט דער ציטערנדיקער שיין פון זייערע געאיילטע לאַמטערנדלעך פון געפאַלדעוועטן זייד־פאַפיר. די נאַכט־פינצטערנישט האָט די אַהיים־לויפנדיקע „ווייסע חברה" איינגעשלינגען אין זיך; מחוץ דער נאַכט־שליטה, איז פאַרבליבן בלויז דאָס צעהאַנגענע ליכט פון זייערע לאַמטערנדלעך; די שנייעלעך האָבן זיך אַ שפּיגל געטאָן אינעם זילבער־שיין פון די פלעמלעך און פאַרזיכטיק זיך אַוועקגעלייגט איינליוליען זייערע דינע דורכזיכטיקע חלומות...

די מאַמעס זענען געשטאַנען אינדרויסן פאַר די טירן, איינגע־באַבלטע אין געדיכט־שוואַרצע פאַטשיילעס, ווי „קופּאָנעס", אָפּגע־שניטענע פון דער נאַכט... בלויז די אויגן זייערע האָבן זיך געריסן פון די פאַטשיילעס, געלויכטן מיט אומרויִקער דערבאַרעמקייט, און זיך פאַרהעקלט מיט אַ קוואַדראַט־קלעצל פון אַ לויפנדיק ליכט פון אַ לאַמטערנדל וואָס איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ נענטער און נענטער.

פלעמעלעך אין דער נאַכט

פלעמעלעך פון לאַמטערנדלעך, פון ביבולע־פאַפיר,
פלאַטערן אין שטעטל אום פאַרלוירן און פאַרווירט.
לאַמטערנדלעך־האַרמאָניקלעך צעפאַלדיקטע אין נאַכט־ווינט קלאָגן
נאָך די חדר־ייִנגלעך זייערע, וואָס וועלן זיי מער נישט טראָגן.

אַ ליכט־קלאַנג — אַ האַרמאָניקל, מיט רויטשיין ווייך אַרומגעוואַשן,
זוכט דאָס קליינע תלמידל פון חומש און פון רש״י.

אַ חומש־יִנגל ווײנט אינעם נאַכט־חושך פאַרנורעט:
— ואני, כאַטש איך בין דיך מטריח מיט מײן קבורה —
(אײן ליכט־פלעמל צאַפּלט אויף — דעם יִנגלס שטים דערקאַנט),
אָבער מיט דײן מוטער רחל האָב איך אַזוי נישט געטאָן.

ווײסע ליכט־האַרמאָניקלעך בלינצלען אין דער נאַכט
און זוכן זײערע חדר־יִנגלעך אין טרעבלינקע אומגעבראַכט.
זעען זײ אַ געקאַרטשעטן מיך אין אַ ווינקל שטײן,
באַפאַלן זײ מיך ציטערדיקע מיט זײער שטום געוויין.

לויף איך אַ צעממיתטער, געבײטשט פון זײער שרעק,
פאַרפלעכטן זײ פון זיך אַ קײט און פאַרצאַמען מיר דעם וועג.

פאַרפרעסן זײ מײן נאַקעטקײט מיט קאַלטע רינגען פײן,
הער איך זײער יתומים־יאָמער אין מײן בלוט אַלײן.

און אָנשטאָט פלעמלעך ווײסע — חדר־יִנגלעכס טרערן —
פלאַטערט איצט אין געסעלע אַ פאַרסאַזשעטער לאָמטערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זײ פאַרוועבן זיך אין מײן געדעכעניש ווי קלעטער־גראָז בײם ראַנד פון די וועגן; בײם מינדסטן באַוועג און בויג פאַרהעקלען זײ זיך לאַטשנדיק מײן פּנים און פאַרגאַדלען זיך ברענענדיק הינטער דער הויט. יִנגלעך וואָס די צײט און די שיכחה האָט אָפּגעווישט די קאָנטורן פון זײערע מאָגערע גופימלעך, די שטריכן פון די פּנימלעך און די נעמען זײערע, זײ לאַטשען זיך צו מיר, ווײנען אַרײן בײ מיר דאָ צווישן די שורות, ווילן אַז איך זאָל זײ נישט פאַרשעמען, אַז איך זאָל זײ דאָ דערמאָנען.

בעקער־יִנגלעך, ווײס־אײנגעמעליקט, מיט פאַרסאַזשעטע פּנימלעך קלינגען בײנאַכט מיט הילצערנע קיבלעס בײ דער פּלומפּ נעבן

ראַטהויז, אַמפּערן זיך מיטן אַלטן וואַסער־טרעגער, דעם שטומען מאַטע; זיי איילן זיך, די געזעלן וואַרטן מיטן „הייוונשטיק״, מיטן „האַלב־זויער״. שפּעטער, אַז זיי וועלן אָנפּילן די אונטערגעהייצטע וואַסער־קעסלען, וועלן די לצוואַטע געזעלן זיי שיקן אין מיטן דער נאַכט צום בעקער אויף דער פינפטער גאַס נאָך „שוויל״...

די שניידער־יינגלעך לויפן צו די שניידערס אין דער דריטער גאַס, זיי גייען אין אַ וויכטיקער שליחות: נאָך „קאַנטן־זאַצערס״ צו דער ניי־מאַשין...

די קיבלעס קלינגען ביי דער פּלומפּ, קלינגען אַריין אין מיינע קאַשמאַרן, קלומפּן זיך צונויף מיט די שפּעטערדיקע יאָמער־קלאַנגען פון די „עשרת הדברות״ אויפן בלעך איבער דער פראַנט־וואַנט פון דער שיל, די בלעך הענגט אויף אַ דראַט, דער נאַכט־ווינט באַוועגט אים, ער קלאַפּט מיט דעם „לא־תרצח״, ווען די היטלעריסטן טרעטן איבער די וויינענדיקע יידישע קינדער, ביים אַרויפשליידערן זיי אויף פויערישע „פאַדוואַדעס״. אין דעם דאָזיקן שוידערלעכן מהומה־קלאַנג, אין דער פינצטער, שטייט ערגעץ דאָ די מאַמע רחל, זי וויינט, נאָר דער היטלערישער מערדערישער געריטש פאַרטויבט איר געוויין; איר מזל, וואָס זי איז אַ רואה ואינו נראית, אַזיסט וואָלטן די דייטשן דאָ אויך זי אַרויפגעשליידערט און אַפּטראַנספּאָרטירט צום פאַרברענען.

צווישן די קלאַנגען און געוויינען פון רחל דער אורמאַמע און די יינגע מאַמעס וואָס מען רייסט פון זיי אַרויס די זויג־קינדער פון די הענט, פּליאָנטשעט זיך דאָ נאָך אַ „מאַמע״ — אַ שטיף־מאַמע — די פּוילישע מאַמע־ערד. מיר האָבן זי ליב געהאַט; די פרומע הייליקע פּיטנים האָבן אַריינגעשריבן אין זייערע חיבורים געטלעכע ברכות צו די פּוילישע טל׳ען און רעגנס און מאָדערנע היינטוועלטיקע דיכטער האָבן באַזונגען אירע פּוילישע וועלדער, אירע שיינע שיקסלעך און איר פאַרביקע לאַנדשאַפט.

די דאָזיקע ערד האָט אונדז באַפּליגלט, אָנגעזויגן מיט אירע זאַפטן מיט אַ תמימותדיקער נאָסטאַלגיע, לסוף האָט זי אונדז גע־

שענדט און אויפגעפרעסן. — איך שיק אַהין דער פּוילישער ערד מיין מאַכטלאָזע, פּאַריאושטע קללה — און קאָן אין איר נישט פאַר־געסן...

שפּילצייג פאַר קינדער

פאַר די קליינע טעכטערלעך האָבן די טאַטעס געהאַט טאַרבעס מיט המצאות און געלט פאַר שפּילצייג: ליאַלקעלעך, קרעדענצלעך, קופערטלעך, און געפעסלעך צום קאָכן, פּרעס־אייזנדלעך און פילקע־לעך. די יינגלעך זענען געווען „מטה־מטה", מען האָט זיי געטריבן אין חדר אַריין לערנען תורה.

זיי האָבן געפּיפּן אויף אַלע „פויאַרקעס" פון די רביס און פון די טאַטעס אין איינעם: חנוכה־טרענדערלעך; פּורים־גרעגערלעך; ל"ג בעומר־ביקסלעך און שמחת־תורה־פענדלעך; געשפּילט זיך אין יאַגעלעך, אין באַהעלטעלעך... און פּאַפּיראָסן — אָן אַ שיעור פּאַפּי־ראָסן! מיר האָבן גערויכערט, געהוסט און גערויכערט; זיך פאַר־דישעט און געוויינט — און גערויכערט, מיר האָבן „אָפּגעגעבן ס'עסן" פון נעכטן און אייערנעכטן און — גערויכערט, די מאַמעס האָבן דער־שראָקענע אונדז געטאַפּט די קעפּ, געלאָפן צו קדיש רופא, אָפּגע־שפּראָכן עין־הרעס און — מיר האָבן גערויכערט, געשראָקן זיך פאַר פעטש פון די טאַטעס, פאַר די „לאָקשן" פון די רביס און — גע־רויכערט.

מאיר „קוסי", אַ שד פון אַ יינגל, האָט ערגעץ דאַביוועט אַ מעסערל, אַ פען־מעסערל. האָט ער אויסגעשריבן הונדערט בילעטן און געמאַכט אַ „פלעט". אָנקוקן דאָס חפץ האָט ער געלאָזט בלויז פון וויטנס; מיר האָבן געזען אַז ס'האָט געבלישטשעט און געקויפט בילעטן — געלט האָט געמוזט זיין, ס'חנוכה־געלט.

אין טאָג פון אויספלעטן האָבן מיר זיך געזאַמלט אין אַלטן בית־מדרש. דער שיינער בלישטש פונעם אויסגעחלומטן מעסערל האָט

געפינקלט אין אַלע קינדערשע אויגן. ס'איז געווען היימלעך, נאָר מאיר „קוסי" איז יענעם אין דער פרי קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען...

אין ביאַלע האָט געווילדעוועט אַ קאָזשעליקל, אַ באַקל, אַ „בכור". ס'איז געווען משה מאָטלס בכור. ער האָט עס נישט געטאָרט פאַר־קויפן און נישט שעכטן און נישט שלאָגן — די יינגלעך האָבן דאָס באַקל מקנא געווען... עס האָט זיך מיט אונדז געחברט, נאָר רייטן אויף זיך האָט עס נישט מסכים געווען, ציִען ביי דער באָרד, מהיכא־תיתי... עס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין גוטן טויט, דאָס יידישע באַקל. אַ הונט פון אַ שייגעץ מיט אַ צולאָג פון פינף שטיינער האָבן עס דערהרגעט — און זיינע עלטערן האָבן דאָס פלייש אויפגעפרעסן, שכר־טרחא...

ווי אַ טראָפּן וואַסער שלאָגט אַרויס פון זיך אַ ליכט שטראַל, וואָס איז צען מאָל גרעסער פונעם טראָפּן אַליין, אַזוי האָט אַלץ וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט געלויכטן און געכישופט — טויזנטפאַכיק פון זיין פאַקטישן קיום.

מיר זענען אַריין אינעם וואַרעמען שורעווענדיקן לעבן מיט געוויין; די פרייד האָט אונדז אַרומגעלעקט ווי יינגעקי זייערע ערשטלינגען. מיר האָבן זיך יאָמערדיק פאַרכליניעט, זויגנדיק די שנירלדיק זיסע פעטע וואַרעמקייט פון אונדזערע מאַמעס בריסטן — אָן הפסקה גאַנצע זעקס הונדערט יאָר.

פוילן האָט צעטרענצלט אַלע חסדים פון איר אויסגעלאַסנקייט, ביזן לעצטן, נאַקעטן אומפאַרשעמטן פאַרמאַג. אָן אָנגעשניאָקעטע מיטן בראָנפן און זנות פון היטלערס פאַרריסענע „רידיגערס", האָט זי אונדז צוגעדעקט און אויסגעוואָרגן מיט איר טוכלער ווילגאַטנער „פאַדלע".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַ סך מאַטערניש און געדולד, האָבן מיר געפּרווט איינ־קויפן זיך אין לאַסקעס ביי די קליינע פאַסטעכער. דאָס האָט אונדז

געקאָסט אַ סך שטיקער ברויט מיט שמאַלץ, כדי זיך צו דערדינען אַ גלעט צו טאָן די פייכטע, וואַרעמע פעלעכלעך פון די ניי־געבוירענע שעפּסעלעך. און דרך אגב, זיך דערמאָנט אינעם גרויסן דערבאַרעמ־דיקן פּאַסטעך אין די הויכע געהימלען.

איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, געוואָלט ווערן אַ פּאַסטעכל פון אַן אייגן ייִנגיטשקן ווייס ציגעלע. אַזאַנס ווי פון דער „חד־גדיא״, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט אויף אַ יאַריד פאַר צוויי גילדן... כ׳האָב דערוויל געגעבן „האַנט־געלט״ דעם באַלעבאָס פון דער שוואַנגערער קאָזע, בעריש „ק ד י ס ה״; ס׳האָט מיך געקאָסט ממון מיט דמים, טיטלעך מיט צוקערלעך פון אונדזער פאַבריק... די גרויסע ציג האָט געבוירן אַ פּאַרזעעניש, מיט אַ פּאַרוואַקסן הינטער־חלקל; ס׳איז אַרומגעשפּרונגען אַרום אַ שעה־צייט, געמעקעט, וויינענדיק. עפּעס אַ שוסטער־ייִנגל איז איינגעפּאַלן, און אַריינגעשטעקט דעם פּאַר־זעעניש צווישן די הינטערשטע פיסלעך אַ שוסטערישע אָל, ס׳האָט אויף אים אַ שפּריץ געטאָן אַ הייסער, געל־רויטער פּאָנטאַן; מיין ציקעלע איז נעבעך אויסגעגאַנגען אין בלוטיקע יסורים. צו מיינע צוקערלעך האָב איך נאָך צוגעצאָלט מיט עטלעכע נעכט אַנגסטיקע קאָשמאַרן.

☆

אין די הערצער פון די עטלעכע שרידים פון אונדזער שטעטל, האָט זיך אָפּגעזעצט אַ דינער איידעלער שיכט וויטיקלעכע בענק־שאַפט צום פּיעכאָטנעם געגנטלעכן מוכר־ספרימניק (זיין נאָמען פאַר־געסן); נישט צו אים, נאָר צו זיין ספרים־ראַמשל אינעם אַלטן בית־מדרש. איך, פּערזענלעך, האָב אים פיינט געהאַט תכלית־שנאה און מורא געהאַט פאַר אים; אַ מכשף פון אַ ייד... ביי אים אויפן שוואַרץ־ראַציקן קראָם־טיש איז געווען אַזאַ סחורה וואָס מיין נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען נאָך דעם — און נישט געקאָנט עס דערגרייכן. קודם־כל — תפילימלעך, קליין און ליכטיק־בלישטשענדיקע קוואַדראַט־

קלעצלעך. דער יצר־הרע האָט אין מיר געברענט, נישט געווען עפּעס גרינגערס ווי אַראָפּצוצי׳ען דאָס, ווען ער, דער ממזר, בויגט זיך אָוועק אויסצושנייצן די נאָז, נאָר דער „לא תגנוב״ האָט ביי מיר אויסגעזויגן דעם „מוט״; נישקשה פון אַ המצאה: לייגן תפילין צום איבערשטן — און אים באַגנבענען! חוץ לזה, אַז אַ יינגל הויבט אָן תפילין־לייגן פאַר דרייצן יאָר ווערט ער אַ יתום; פאַר מיין פּנים האָט אַ שוועב געטאָן מיין יונגע, ווייסע מאַמע — כ׳בין אַרויס מיט אַ געוויין. דער ייד האָט זיך געשווירן פאַרן טאַטן, אַז ער האָט מיך נישט אָנגערירט אַפילו...

אַחוץ תפילין איז דאָ געווען אַ שלל פון קליינע אָנלאָקענישן: סידורימלעך, קליינינקע, מיט עברי־טייטש אויף רש״י־כתב; תהילים־לעך; גורל־ביכלעך מיט די זון און צוועלף מזלות; בענטשערלעך; קליינטשינקע, פּיטשינקע ספר־תורהלעך אין פּליושענע מענטעלעך. קויפן דאָס דאַרף מען זיין אַן אַנשל „איטשעס״ אָדער אַ יאָסל „זלמן־צוקערס״ און גנבענען — גיי גנבע אַ ספר־תורה...

וואָלט איך געהאַט אַ שוועסטערל, בין איך זיכער אַז דער טאַטע וואָלט איר געקויפט אַ קליין פּרעס־אייזנדל, אַ ליאַלקעלע, אַ קאַמאָ־דעלע, אָבער שפּילעכלעך פאַר מיר — ניע סמיע!...

נישט ווייט פונעם קראָם־טיש, אויף אַ צעדרייטער ווינער שטול, איז געלעגן אין כאַאָטישער אומאָרדנונג אַ ראַמשל ביכלעך פון אַ באַזונדערן סאָרט: העפטן פון גראָען קרוכלע פּאַפּיר, וואָס האָט זיך געקרישלט צווישן די פינגער; די בלעטלעך האָבן געשאָרשעט ביים מישן זיי. דאָס זענען געווען האַלב־ליידיקע שיימעכץ, מעשה־ביכלעך פון אַ חכם און אַ תם; פון אַן אָרעמען מדינה־גייער, וואָס האָט אין חלום געזען אַ באַהאַלטענעם אוצר, אָפּגעהיטן פון שדים. ביים אויס־גראָבן דעם שלל איז אים די נשמה אַריינגעפאַלן אין גרוב... מעשיות פון אַ מלך וואָס האָט זיך דערוווסט אַז אַ ייד איז געבוירן אין דער זעלבער נאַכט וואָס ער, האָט ער אויסגעזוכט דעם ייד, יענער איז געווען אַ הייליקער, אָפּגעפּליקטער בעטלער, אַ בעל־מופת, וואָס האָט

דעם קיסר געשאָנקען אַ שפּיגעלע, אין וועלכן מ׳האָט געזען אַלצדינג וואָס געשעט אין זיין מדינה...

די בלעטלעך זענען געווען ווי דער דלות, שיטער און גראָ, נאָר די מעשהלעך אינעווייניק — בלאָ און וווּנדערלעך שיין.

די קינדער פון מיין שטעטעלע האָבן געזוכט ווייטע פאַרבאָר־גענע כישוף־וועלטן פון די מעשה־ביכלעך אַרויס און אין זייער זוכעניש גאָרנישט געאָנט אַז די בלאָע כישוף־מעשהלעך — דאָס זענען זיי אַליין. אַ בלאָ קינדער־מעשהלע האָט אויסגעברענט און צעשאָטן זיך אין ווינט.

דער ערשטער „סקאָצל קומט״...

די ערשטע דייטשע „טויט־שטאָפּעטן״ זענען מיט פּאַרטויבנדיקן געקלימפּער און מאָטאָציקלען־גרעגערײ אַריין אין אַ פאַרטאָגס. אַ גרין אוניפאָרמירטער עס־עס־מאַן האָט מיט הייזעריקן געריטש זיך צע־שריגן: יודן הערויס! יודן הערויס!

די יידן האָבן שנעל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די טליתים און אין טויט־שרעק אַרויס מקבל פנים זיין די נייע באַלעבאָטים פון פוילן... מען האָט זיי מיט קלעפּ פון די ביקסן־קאָלבעס אַרויפגעטריבן אין דער ווייבער־שיל און דורך דער הילצערנער באַריערע געצוווּנגען אַראָפּצושפּרינגען אין דער נידער, אין דער מענער־שיל אַריין.

עטלעכע פאַראָבקעס פון סאָלאָווסקיס פּריצישן „הויף״ האָבן אַרויסגעשלעפּט פון ארון־קודש די ספרי־תורות, צעוויקלט זיי איבער דער פּאָדלאָגע און באַטרונקענע געטאַנצט אויף די פּאַרמעטן אַ „פּאָלקע־מאַזורקע״; די דייטשן האָבן געפּונדעוועט זיי קאָנסערווירטן שפּעק און טאָרבעס שפּייז־פּראָדוקטן פון די נאָר וואָס באַראַבעוועטע יידישע געוועלבער.

די דייטשן האָבן געקאָפּעט די אַלטע יידן. איבער די געפּאַלענע, צעקאַליעטשעטע יידן, האָבן זיי געטראַטעוועט, זינגענדיק „דויטש־לאַנד דויטשלאַנד איבער אַלעס״.

דערנאָך איז שוין אַלץ אַוועק מיטן סטאַנדאַרד: רויב; צוואַנגס־אַרבעט; יידישע געטאָ־פּאָליציי; געלע לאַטעס און — טויט־אַנונגען.

מען האָט זיי צונויפגעקנוילט אינעם ענגן „פּאָדזשעטשנע" געסל; די שטאָטיש עלטערע מיידלעך האָבן „אויסגעכאַפּט" די פּרעמדע, אָהערגעטריבענע אָפּגעריסענע בחורים. די בחורים האָבן פאַר אַ שוואַרץ שטיקל ברויט און אַ פינצטערן ווינקל אין אַ קאַמער זיך פאַרקנסט „כדת משה וישראל".

ווי די פייערלעך פון ליכטער וואָס פלאַמען אויף איידער זיי פאַרלעשן זיך, האָט קורץ פאַר דער פּאַרטיליקונג דאָס שטעטל „אויפגעלויכטן" מיט חתונות, קנס־מאָלן, בר־מצוות און בריתן.

דער ערשטער אומגעבראַכטער ייד, נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן איז געווען משה פרידמאַן (משה בערישלס). דער הונגער און ענגשאַפט האָט געברענגט אין געטאָ דעם טיפוס מיט אַ שניט פון צען מענטשן אַ טאָג.

אין חודש יוני 1942 איז פון דער קרייז־שטאָט ראַווע מאַזאָוויעצק, געקומען דער ערשטער באַפעל צוזושטעלן אַ קאָנטיגענט יידן אויף „אויסזידלונג"... כדי צו באַקרעפטיקן דעם דאָזיקן באַפעל, זענען אין דעם אייגענעם פאַרטאָג אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן די שענסטע יידישע קינדער: פייגעלע ניימאַן (פישקע ניימאַנס שוועסטער), געלע אַמזעל, רעכל רייבנבאַך, שאול אַרטמאַן און מנחם מאָגעלניצקי. מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שטאָט אויף דער „מיליווקע" און דערשאָסן.

ערשטע אויסזידלונג, 26 אָקטאָבער 1942, די אַלטע יידן האָבן זיך געקלאַמערט אין די „פּאָרענטשן" פונעם האַלב־צעבראָכענעם שול־באַלעמער, געזאָגט שטיל ווידוי. די דייטשן האָבן געשלאָגן איבער די קעפּ, געקאָפּעט אין די בייכער פון יונגע מיידלעך און מיט געריטשעריי אַרויפגעטריבן זיי אויף די פורערשע „פּאָדוואָדעס" קיין אַמשינאָוו, צום דאָרטיקן באַן־קנופּ — קיין טרעבלינקע. די פערד, געשפּאַנטע צו די וועגענער, זענען געווען די אייגענע, וואָס די יידישע בחורים האָבן מיט אַ צייט צוריק געהאַט „מאָביליזירט"

אויפן פייערלעכן סיום־הספר, צו רייטן אויף זיי „מיליטעריש״.

נאָד דער ערשטער אויסזידלונג זענען געבליבן: דער יודענראַט; געטאָ־פּאָליציי און די קוואַליפיצירטע באַלמעלאָכעס, צוזאַמען פינף און זיבעציק מענטשן. די לעצטע אויסזידלונג: דער פינפטער נאָ־וועמבער 1942.

די דייטשן האָבן געפּרוּווט „אַמנעסטירן״ דעם יינגן קולטור־טוער און ערשטראַנגיקן קאַמאַשן־מאַכער, ליפּע פריידנרייך הי״ד; ער האָט מיט עקל צוריקגעוואָרפן די מערדערישע פּריווילעגיע״ און צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד אַוועק אויף אומקום.

פּאַראַלעל צום ערשטן גירוש זענען פון יידישן בית־עולם „פאַר־שוואונדן״ די אַלטע הונדערט יאָריקע קליאָנען און אַקאַציעס — הונ־דערט און פופציק בערך; געבליבן זענען אַ וואָסערע צען — צוועלף ביימער, די שרידים פונעם אויסראָט האָבן זיך געטרייסט: נאָך פאַר־בליבן אַ רעזערוואַט פאַר די לעבעדיקע. מיט דער לעצטער און ענטגילטיקער „אַקציע״ איז צוזאַמען מיט די לעצטע יידן אויך „אויס־געזידלט״ געוואָרן דער יודענראַט, און אויך די לעצטע ביימער פונעם בית־עולם זענען פאַרשוואונדן.

אין די צוויי חדשים אָקטאָבער — נאָוועמבער 1942, זענען אין די אַרומיקע דערפער דערהרגעט געוואָרן דורך פּוילישע פּויערים: הערשל הערשקאָוויטש (צווישן ווילקעוו און בלענדיוו); די שוועסטער און ברידער אברהם און רוכטשע אַרטמאַן; פרוי יאַנאָווסקי (לייבוש משה׳ס וייב). אברהם אַרטמאַן איז באַגראָבן אויף דער גזשימקאָ־וויצער קאָלאָניע; די איבעריקע אומגעקומענע: איטשע „קושמיעזש״; משה באָרנשטיין (ליגט באַגראָבן אויף דער מיליוווקע הינטער קע־שעק׳ס סטאָדאָלע); מנחם קאָפּער (דערהרגעט דעם 23 יולי 1943, ליגט אויפן וועג קיין אַננאָסלאַוו) און דער אויבן שוין דערמאָנטער בינעמל — בינעם גאָלדבערג, (ליגט אין טורבאָוויצע אויפן פעלד פון יאַן עליאַש).

נאָך דער באַפרייונג זענען אַרויס פון די באַהעלטענישן אַרום צוועלף יידן. דאָס ערשטע האַלבע יאָר פון דער היטלערישער הער־

שאַפֿט האָבן די אויסבאַהאַלטענע יוגנטלעכע זיך געשפּייזט פֿון דעם געלט פֿון בינעם גאָלדבערג.

דער אָנפֿירער פֿון די אויסבאַהאַלטענע איז געווען דאָס וואַכנ־דיקע אויג פֿון די ייִנגע שרידים; זיי האָבן מיר געגעבן די פֿאַקטן און די לפֿי ערכדיקע דאַטן פֿאַרן דאָזיקן קאַפּיטל פֿון אונדזער חרובֿן שטעטל.

געקומען צו הילף די פֿאַרפֿאָלגטע זענען: וולאַדיסלאַוו קאָוואַל־סקי (מאַרשאַלעק פֿון פּוילישן „סיים" באַלד נאָך דער מלחמה); יאַן עליאַש (סיים־דעפּוטאַט פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער מעסיקער פּויערים־פּאַרטיי „וויזוואָלעניע"; געהאָלפֿן האָבן אויך עליאַשס קינדער: דאַנקע, זאָשיע, סטאַשעק און אויך, להבדיל, זייער הונט „קאַפּרי") — ער האָט געוואַכט איבערן בונקער פֿון די אויסבאַהאַלטענע, און מיטן שטילן פּישטשען סיגנאַליזירט יעדעס מאָל פֿאַרן זיך־דערנענטערנ־דיקן געפֿאַר.

דרך־אגבֿ, די געראַטעוועטע האָבן שפּעטער איבערגעגעבן אַז די הינט פֿון דער „אָקאָליצע" האָבן זיך באַצויגן פֿריינדלעך צו די גע־רודפֿטע, זיי פֿלעגן מיט מיטלייד זיי באַשמעקן און מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ אַוועק אומרויִקע אין זייערע בודעס.

רעטער פֿון ייִדן פֿונעם דאָרף גאַצפּאַרי: יאַנקאָווסקי ראָמאַן און זײַן טאָכטער אַלינאַ. אינעם דאָרף ראָקאָשיצע: קאַראַנזשקעוויטש און רילסקי. אינעם דאָרף מאַלאַ שטשוקי די אַלטע, דעמאָלט 70 יאָריקע פּויערטע פּיקסאָווא. אין דאָרף ליווין: מאַרילאַ אָדער מאַרעלאַ. אין דאָרף גאָסלינעק: סטעפּאַנעק און זײַן ווײַב. פֿון פּרזער דער־מאָנטן דאָרף טורבאָוויץ: אַדאַמטשיק, זײַן ווײַב און זײַנע פֿיר זין: סטאַשעק, בעניעק, יוזשעק און יאַניאַ.

די ייִדן־פֿײַניקער פֿון ביאַלע: די פֿאָלקס־דייטשן און דייטשקעס: די ראַמליאָפּס, הענשל, האַזע, איינער פֿון די מאַרטשינקאָווסקיס פֿון גאָסלינעק; דייטשער קרייז־קאָמענדאַנט אין ראַווע מאַזאָוויעצק: ווייס און שפּעטער — יאַקיש. אינעם דאָרף סלופּיעץ האָט דער פּויער

וואָדאַרסקי געשלעפּט אַ יידיש מיידל קיין רילסק און איבערגעגעבן זי אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. דורך וואָדאַרסקיס הענט זענען דערהרגעט געוואָרן נאָך זעקס יידן (צווישן די אומגעבראַכטע: די שוין אויבן דערמאָנטע איטשע קושמיעזש, משה באָרנשטיין און איין ייד פון טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצק.

בנימין ראָזנבוים (היינט אין קאַנאַדע) האָט, נאָכן אַנטלויפן פון ביאַלע, אויסבאַהאַלטן זיך אויף אַ הויכן בוים, צוגעבונדן מיט אַ פּאַסיק צו אַ צווייג, נישט אַראָפּצופאַלן ביים איינדרימלען. ווען דער הונגער האָט אים גענומען פייניקן, איז ער אַראָפּ פונעם בוים אויס־צובעטלען אַ שטיקל ברויט. דער פויער ביעדזשיצקי פון דער סאַד־קאָוויצער קאָלאָניע האָט אים געכאַפּט, צעשלאָגן ביז בלוט, דער־לאַנגט אים אַ רידעל און באַפוילן אַז ער זאָל אויסגראָבן פאַר זיך אַ גרוב. ווען דער פאַרפייניקטער בנימין האָט שוין געהאַט אויס־געגראָבן אַ באַשטימטע טיפקייט, האָט ביעדזשיצקי אים באַפוילן זיך אַריינצולייגן צי דער גרוב פּאַסט אים צו דער מאָס, און גענומען אים פאַרשיטן. עטלעכע פויערים האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן, אים אַרויסגעראַטעוועט און אַרויסגעטריבן פונעם דאָרף און פון זיין פייניקער (פרייטיק דעם דריטן מערץ (1943).

אַ באַגרינדעטער פאַרדאַכט אין מיטהעלפן ביי דער דערמאָרדונג פון בינעם גאָלדבערג, פאַלט אויפן אַפּטייקערס איידעם מאַליאַראָ־וויטש; ווייל אָנהויב נאָכט פאַר בינעמס דערמאָרדונג האָט ער זיך איינגעבעטן ביי יאַן עליאַש, אַז ער זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. עליאַש האָט אים דערלויבט; נאָך האַלבער נאַכט איז ער אַרויס מיטן אויסרייד פון בויכווייטיק און — מער זיך נישט צוריקגעקערט.

מיין קוזינע, ברײנדל מאָגיעלניצקי (היינט אין אַמעריקע), האָט מיר איבערגעגעבן אַז זי האָט אַליין געהערט ווי דער מערדער זשעזשניצקי האָט זיך באַרימט פאַר זיינעם אַ קאָלעגע, אַז ער האָט מיט די אייגענע הענט געהרגעט זעכציק יידן. פון ביאַלע־ראַווסקע האָבן זיך געראַטעוועט בערך פערציק מענטשן, די רעפּאַטריאַנטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד אַריינגערעכנט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַ געשווילעכץ נאָך אַ טיפן שטאָך פון אַ פאַרזשאַווערט מעסער, איז זיך צונויפגעלאָפן דאָס פויערישע געהינטעכץ פון די אַרומיקע דערפער אין שטעטל אַריין נאָך איידער די יידן האָבן נאָך געהאַט פאַרלאָזט די שטאָט; אַ כמאַרע פויערן, מיט זעק און שטעקנס, דאָרשטיק נאָך יידיש בלוט און יידיש האָב־און־גוטס האָבן אויפֿגעריסן די פרענטן פון די געוועלבער (אינעווייניק איז שוין סיווי גאָרנישט געווען), האָבן זיי נאָכגעשאָלטן דערפאַר די פאַרטריבענע מיט טויטע קללות און זיך צעטראַקעוועט אין די יידישע שטובן, אין די יידישע בעטן און מטמא געווען די דורותדיקע יידישע משפחה־ריינקייט, ליבשאַפט, צאַרטקייט און חלומות.

ווי אַ סימבאָלישער עדות פון אונדזער בראָך, שטייט דאָרט די אַלטע פאַרשעמטע שיל. אויסערלעך, אַ גאַנצע, אַ נישט־באַרירטע; אויפן דאַך־אָפּהאַנג פון דער פראָנט־זייט גליווערן די צוויי ברוין־בלעכערנע „כרובים" איבער די זשאַווערדיקע „עשרת־הדברות"; דער פרימאָרגן־ווינט טרייסלט קלינגענדיק דעם „לא תרצח" איבער דער רונדער פענצטער־נישע אַהער און אַהין.

איך שטעל מיין ערשטן טראָט אויף דער שוועל פון דער אויפֿגעבראָכענער שיל* און מיר טוט אַ זעץ אין פנים אַן איינגעפרעסע־נער געשטאַנק; זיי האָבן דאָ אַנגעמלאכנט ביז אַ מעטער די הייך. ווי אַ גיפטיקע איראָניע בליצט אויף אין זכרון דער פסוק וואָס כ׳פלעג אַלס קינד פליסטערןביים אַריבערטרעטן די שוועל פון דער שיל: „בבית אלקים נהלך ברגש"...

אַ קורצע צייט אין גאַנצן — און אויך דער „אהל" פון ר׳ משהן, זון פון רבין ר׳ בונם פון פשיסכע איז „פאָלקס־דעמאָקראַטיזירט" געוואָרן; זיינע ביינער וואַלגערן זיך צווישן צעבראָכענע מצבות הפקר און באַלעקט פון חזירים בייגאַנד מיט די ביינער פון פראָסטע יידן

---

* די קאַפּיטלען זענען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1945—1949.

פון „עמך״ — און ווידער קומט מיר אויפֿן זין דער סוף־פּסוק פֿון „אל מלא רחמים״: „וינוחו בשלום על משכבם״...

אינעם שטעטל אין דער פּוילישער חגא „זאַדושקי״ (יום־טוב פֿון די נשמות). יונגע שיקסלעך שפּרייזן פֿריילעכע איבערן „צמענ־טאַרזש״ זייערן, שערן צאַרט אַרום די ווילדע גראָזן אַרום די „פּאָמני־קעס״ פֿון זייערע פֿאַרשטאָרבענע, לייגן פֿרישע בלומען אויף די באַצלמטע קברים, אַ מין שלווה אויף זיי...

אין אַ פּערטל שעה אַרום בין איך ווידער אויף מיין בית־עולם, „ואנוכי עפר ואפר״. כ׳קוק זיך צו צו מיינע אייגענע ביינער, זיי גראָבן זיך איצט אַרויס פֿון מיין הויט, פֿון מיין פֿיבערדיקן בלוט און פֿלייש און לייגן זיך דאָ אַוועק ביי מיין צופּיסנס, פֿאַרמישן זיך אין דער חברותא פֿון די צעזייטע, צעשפּרייטע און געשענדטע ביינער.

אַ באַטויבטער דריי איך זיך דאָ אַרום צווישן דער אייגענער געפּרווירענער איינזאַמקייט... וואָס איז? וואָס איז דאָס געשריי וואָס דו שרייסט? און ווער העלפֿט דיר דאָ מיט אין דער שרייעניש?

די שוואַרצאַפּלען אין די אויגן שרפּענען אויס; ס׳בלייבן שוואַרץ־פֿאַרסאַזשעטע, פֿאַרטיפֿטע לעכער, ווי פֿון אויסגעברענטע ליכט אין די שבתדיקע ליים־לייכטערלעך, אַ מאָל, אינעם געדוונגענעם פּריצישן סאָד. די לעצטע קנייטלעך האָבן נאָר וואָס אויסגעטליעט אין מיר מיט סאַזשעדיקן קויל. איך עפֿן די טיר פֿון דער שטוב, ווו מיין מאַמע האָט מיך געבוירן, די פּיס „ספּאָטיקן״ זיך, כ׳פֿאַל אום, ס׳איז פּשוט דערפֿאַר וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט די שוועל געבויגן־פֿאַרקיי־לעכדיקייט, ווי די מילטער פֿון שטומען מאָטעס, דעם וואַסער־טרעגערס קאָראָמיסלע, אויסגעטרעטן פֿון אַרום זיבן דורות. איצט איז דאָ אַריינגעפּאַסט אַ נייע, הויכלעכע שוועל, מיט שאַרפֿע קאַנטן באַשלאָגן מיט גראָבע „בעדנאַרקע״ — און מיט אַ סימבאָלישע פּאָדקאָווע „אויף מזל״...

די עלטערע „הויז־ווירטן״, אָנגעטאָן אין מיין מאַמעס קלייד, שוואַרץ און פֿעט־„פּאַראַטלעסט״, גלאַנצנדיק פֿון חזיר־שמאַלץ, האָט פֿאַראיבל, אַז די שאַנק צעפֿאַלט זיך, אַז דאָס וואַסער־בענקל איז

צעלעכצט און בכלל איז דאָס גאַנצע הייזל נישט לויט איר גוסט, אַנדערע כלאָפּעס האָבן געהאַט ספּריט: פאַרנומען גאָלדבערגס און זלמן־צוקערס סאַלאָנען און געוועלבער — צ׳האָט נישט געקאָנט זיין אַ ביסל רייכער? ווי אַזוי האָט עך געקענט לעבן אין אַזאַ „בענד־זע״? ווי אַזוי?...

איך אַנטלויף מיט אַ לעכערדיקן זאַק שולד אויף די פּלייצעס. זי איז דען נישט גערעכט? פאַר וואָס האָבן מיר איר נישט איבער־געלאָזט אַ שענערע ירושה, אַן עוולה...

איך לויף אַרויס פון שטעטל און עס לויפט מיר נאָך אַ שטילער ווייט־נאָנטער יאָמער; קיינער לויפט מיר נישט נאָך. דער יאָמער שפּאַרט פון מיר אַליין...

לאָדזש, 1945

די רעוואָלוציע מיט אַ געשפּאָלטענע ליפּ
יאָסל „קאָבוס״

חיים־אייזיק „שטשערב״ איז געווען דער איינציקער פיש־הענד־לער אין ביאַלע, די ווייבער האָבן אים „נישט־גינציק־געהאַט״ און ער האָט זיי אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. זיין גליק איז געווען וואָס אָן זיין „פּראָוויאַנט״ איז קיין שבת און קיין יום־טוב אין אַ יידישער שטוב נישט מעגלעך געווען.

— רעפּ כאַאַם־אַאַזיק, פלעגן די ווייבער זיך ביי אים „אַנדראָד־לען״, כאַאַם־אַאַזיק, די פיש ביי דיר זענען בלוט־יקרות, וואָס ראַאַסטי די האָעט, וואָס?

— יאַך ראַאַס די האָעט פין ענק? און אַז עך ראַאַסט די האָעט פון מיינע בידנע פישלעך, נעבעך, צי קלאָג עך ענק אָאַן אין ראַזאָוואַנע סאַנד? דאָס איז ריישיט; שייניס — ווער הייסט דעך נעמען אַ פינט פיש? נעם אַ לויט פיש, עט דער אויסמאַכן ווערלוועלער. — אַ לויט פיש זאָגסטו? מעשיגע מעטאָרע, אַ לויט פיש; נו, און פיש־יויך פאַר אַ שטיב מיט קינדער?

— אַ וואַזשנע מעשה, פיש־יויך, ווער הייסט דעך קאָכן פיש אין אַ קוואָרטן־טעפּל? האָסט נישט אין שטיב קאַאַ פּאַמעשאַף?

אַ מצווה אויף זיי, די פּאַרריסענע ווייבער, צו וואָס דאָקוטשען אים? צו געדענקען זיי נישט די „זאַטשעפּקעס" פון יאָרן צוריק? חיים אייזיק האָט אַ גענוגנדיקן יסוד זיי פיינט צו האָבן, ס'אַן אַלטע מעשה.

די איצט אָנגעכמורעטע שווערלעכע באַלעבאָסטעס זענען דעמאָלט נאָך געווען יונג און שיין און שעלמיש־גאווהדיק, און דער יונגער בחור חיים־אייזיק האָט געהאַט אַ געשפּאָלטענע ליפּ, נישט קיין איבעריק גרויסן שטשערב און מיט דעם „שניט" איבערגעשניטן זיין חלום צו ליבשאַפט, דעם וועג צו זייערע ראָזע שמייכלען און צאַרטע כישופן.

זיי האָבן אָפּגעקערט די קעפּ און אַנטלאָפן פון זיינע דלת־אמות. די פּנימלעך האָבן זיך פאַרקרימט פון אומווילן און שוידער. זיי זענען אַוועק צו זייערע יינגלעך וואָס „האָבן געדרייט אַ וויאַטראָק" און נאָך אַ בריענדיקן קוש געדראַט מיט אַ בייז דין פינגערל:

— אויב וועסטו מאַכן מיט מיר די „משיגענע קינץ" און זיין פאַלש ווי אַ קאָכע־לעפל, וועט מיין ברודער דיר ביינאַכט שפּאַלטן די פיטרינע פון דיין טיר, ווען דאַאַן וואַאַב וועט זאַאַן אין די הויכע חדשים און די וועסט געבענטשט ווערן מיט קליינע כאַאַם־אַאַזיקלעך...

די גאַליקע ביטערקייט פון יינגלערישן עלנט האָט ער אַריינגע־שאָטן אין די באַליעס מיט פיש. איז טאַקע קיין ווונדער נישט וואָס די פיש האָבן אַזוי משוגע זיך געצאַפּלט אין בענקשאַפט נאָכן ריינעם „אופוסט".

די צייט האָט מיטן אייבערשטנס הילף געטאָן מיט אים אַ חסד; אויפן פּנים האָט זיך אים אָנגעשאָטן וואָנצעלעך מיט אַ בערדל, דער שטשערב איז פאַרשווינדן. ער האָט חתונה געהאַט.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען קינדער: דאָס ערשטע, אַ בכור, אַ נאָרמאַל יינגל איז געשטאָרבן אין דער פריער קינדהייט; דער צווייטער — אַ גראָבער העסלעכער שטשערב; דער דריטער אַ טויב־

שטומער; דער פערטער — יאָסל, אַ שווער שטאַמלדיקער. עס האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע, די מיידלעך האָבן אַוועק־געדרייט די קעפּ, נישט געוואָלט שפּאַצירן מיט יאָסלען, דאָס יינג־וואַרג האָט אים „באַקליידט" מיטן צונאָמען „קאָבוס". דאָס האָט זיך געזאָלט נעמען פון עפּעס אַ דאָרפס־שיקסל מיט אַזאַ נאָמען. ס'איז גאָר אַזאַ שיקסל נישט געווען בנמצא; די דאָרפישע מיידלעך האָבן דווקא נישט „געגאַרדזשעט" מיט קיין יידישע יינגלעך, נאָר מיט יאָסן? — „סטזשעזש מניע בוג!".

אים וואָלטן קיין וואַנצעלעך און קיין בערדל אויך שוין נישט געהאָלפן; זיין ישועה איז געקומען פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דער קאַפּיטאַליזם איז שולדיק אין אַלעם — אין זיין משפחה־פּעלער אויך. ער האָט נישט געקאָנט נאָרמאַל רעדן און קיין חדר, דוכט זיך, כמעט נישט אָנגעזעען; דאָס האָבן זיך אים מן־הסתם די נאָרמאַל־רעדנדיקע יינגלעך שוין צוגעדינט... דער פאָטער זיינער האָט פיינט געהאַט די מיידלעך און ער האָט די שנאה געכפלט: די מיידלעך — און דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

די פאַרהאַ־האַ־האַסט־טע בור ר ר זש אַ זיע. מען וועט זי אַראָפּ־שליידערן און — „שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן"...

ער איז געוואָרן אַ געשווירענער אָפּאָנענט, אַ צווישנרופער אַ מזיק, קיין שום רעדנער פונעם ציוניסטישן און בונדישן לאַגער איז פון אים נישט אַרויס קיין טרוקענער. די ווערטער האָבן אָנגע־פּלייצט צו דער קעל און דאָרט געבליבן דערוואָרגן ווי דורך דער קאַפּיטאַליסטישער צענזור... און ער האָט געפירט אַן אָנפשרהדיקן קאַמף פאַר פרייהייט פון וואָרט און ער האָט געזיגט. די פאַרביטערט־קייט האָט, אַזוי צו זאָגן, אויסגעשטאָלט זיין רעוואָלוציאָנערן אינ־טעלעקט; ער איז אַריין אין טראַנס, אַ שפּאַציר געטאָן איבער דער געשיכטע פון די פויערים־בונטן אין דייטשלאַנד, דורכן קאָמוניסטישן מאַניפעסט, ביז צום רויטן אָקטאָבער.

אויף קיין יוגנט־פאַרוויילונגען האָט מען אים נישט געזען, דער־פאַר אָבער אויף פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס איז ער געווען

ווי ביי זיך אין דער היים: „בונד", „קאָמבונד"; נאָסקע און שיידע־מאַן; לעניך און — אימפעריאַליסטישע קייט־הינט; סאָציאַל־פאַשיזם און פאַרקויפטע ציוניסטישע נשמות און — און טראַגיש־יונגלערישע פאַרדישעטקייט; און אויגן פאַרווירטע און פאַרווײנטע און טראָציק להכעיסדיקע; און אָנגעדראָלענע בלאָע אָדערן אויפן האַלדז, און פיינלעכע אומבאַהאָלפנקייט.

מיר האָבן אים געהערט און אין האַרץ מיט אים מיטגעוויינט.

איך בין געווען זיין נקמהדיק צילברעט, ער איז אויף מיר בייז געווען פאַר מיין קליינבירגערלעכער קריכערישקייט, אָבסקוראַנטיזם און פאַר מיין פאַרשוויגן זיין זידלעריי.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אים געקראָכן אין האַלדז אַריין. די היטלערישע מערדער האָבן די רעוואָלוציע אים אַרויסגעבערענט פון גאָרגל און אים דערוואָרגן.

פאַרפייניקטער חבר מיינער, יאָסל חיים אייזיקס, דיין פאַרדי־שעטקייט וואָרגט מיך איצט טויזנטפאַכיק מער פון דעמאָלט, ווען דו האָסט מיך באַליידיקט און געזידלט. דו, איינער פון די פאַרהייליקטע פון דיין שטעטל, מיט דיינע פאַרברענטע מיטברידער, וואָס האָבן ביים לעבן דיך נישט גערן געהאַט און אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן זיך מיט דיר צונויפגעברידערט אין דער פאַרשאָלטענער פוילישער ערד — אונדזער ברודער־קבר.

אוראַלטער סיגנאַל

פון ערגעץ־ווו האָט אַ טויב־פייפנדיקער ווינטער אָנגעיאָגט אַ שטייפע כוואַליע פאַרנעפּלטע גרינקייט, ווי אַ אָנפלייץ פון אַ שטויביקן ווינט־שויבער, אָנגעקוואָלן מיט מגיפה־באַקטעריעס. דאָס זענען געווען די גרינע דייטשע מונדירן, אָן פראָפילן און אָן פנימער. אַנטקעגן דעם פרימאָרגן־ליכט האָט די מאַטע גרינקייט אַ מיש געטאָן זיך מיט אַ ברוין־שוואַרצלעכן ניואַנס פון בראָנדזענעם זשאַווער.

די העלדזער פון די ייִדישע ווייבער און קינדער זענען געוואָרן טרוקן, ווי זיי וואָלטן דורך אַ הוסט איינגעשלונגען שטויביקן שוועבל. אין די ייִדישע גרויע שטובן האָט זיך קיילעכדיק געקנוילט דער עיפּוש פון „דריטן רייך", פון סמאַליעדיקע לייבער.

פון אַלע זייטן זענען זיי אָנגעקומען, נישט פון פיר — פון אַרום און אַרום. שוואַרצע בלישטשענדיקע אורינאַלן איבערגעדרייטע מיט די לעכער אַראָפּ, באַמאַלענע מיט אויסגעצאַצקעטע טויטן־קעפּ מיט איקסן פון איבערגעקרייצטע ביינער. דער אוניפאָרמירטער טויט, האָט אונדז אָפּגעשפּריצט מיט אַ געדיכט־סמאַלעדיקע־כוואַליע — און מניה־וביה איז די שפּריצעניש אויף אונדז פאַרגליווערט און פאַרגלאָזט געוואָרן. דער אָטעם האָט זיך פאַרשלאָסן; נישט אַריין און נישט אַרויס.

אין די אָנונגען פון די פאַרמשפּטע האָט אַ בלעזל געטאָן דער „מי במים ומי באש" פון „ונתנה־תוקף". און פון דעם נביא'ס גרויליק־שעלטנדיקן פּסוק: „ושלחתי עליכם רעב וחיה רעה ושכלך" (איך וועל אויף דיר אָנשיקן אַ הונגער און אַ בייזע חיה וואָס וועט דיך פאַרוויסטן).

ייִדיש לעבן איז פּשוט אַרויס פון דער מאָדע און דער בלויזער טערמין „זשיד" האָט אַרויפגעפלומפּט בלאָע־יוכע אין די שלייפן פון די מיט־איינוווינער אונדזערע. ס'איז דעריבער געווען אויסטערליש און מער פון אומנאַטירלעך די עקשנות פון געציילטע ייִדישע יוגנט־לעכע דווקא צו בלייבן לעבן.

געשראָקן האָט זיי איין זאַך: די פינצטערע רגע ווען די הערצער וועלן פּלוצעם זיך אָפּשטעלן, אין איינעם מיט די שרעק...

איינער פון זיי איז געווען — מנחם ד.

כדי דורכצושאָטענען רואה ואינו נראהדיק דורכן אָנגעפּראָפּטן יאַריד פון הורטאָווע־באַטרונקענעם בלוטדורשט, האָט אַ ייִד דעמאָלט געדאַרפט פאַרמאָגן לעבן מחוץ זיין גוף און אַלץ וואָס ס'איז מיט דעם פאַרבונדן: דער בליק; דער צוק פון דער פּלייצע; דער באַוועג

מיט דער האַנט; די געקרייזלטע פּאַרע פון אָטעם — דאָס אַלץ איז געוואָרן זיין פאַררעטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„היימישע" שקצים, כמעט לייבלעכע קאָלעגן פון דער „שקאָלע" — די יונגע שולצעס, ראַכוואַלסקיס, פּירעקס און ראַמליאַפּס, ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומענע פון בערלין פון אַ „שנעל־קורס" פאַר דערפינדערישער איזדיעקעניש און קינדער־מערדעריי, האָבן אַ שטעטל יידן פאַרוואַנדלט אין עקספּערימענט־קרוליקלעך פאַר זייער פינצ־טערער פּראַקטיק.

זיי האָבן געקענט אַלע יידן, אַלע קינדער, אַלע שול־מיידלעך און אַלע קעלערס, קעמערלעך און בוידעמס; איצט האָבן זיי אין דער אָוונט־פינצטערניש געניוכעט, געפּירט שטורמיסטן שטילערהייט איבער די ציגן־קעמערלעך „קאַנטעס" און שטאָטישע קלאָזעטן, צי האָט אַ מאָל אַ יידיש קינד זיך נישט „אַרויסגעדרייט" פונעם דייטשן פּעדאַנטישן טויטבאַלאַנס.

אַז עס־עס מאַן האָט אַ טרייסל געטאָן אין דעם חושך אַ לאַנג־ווײדלדיקע שטייפע ליכט־פלאַנקע פון אַ פּראָזשעקטאָר; דאָס לאַנגע, קיילעכדיקע ליכט האָט האַסטיק זיך געשאָקלט אַרויף און אַראָפּ ווי אַ טייוולאַניש־ריזיקער געשלעכטס־אָרגאַן אין תאוודיקן טראַנס... דאָס הייס־צעשפּריצטע ליכט האָט געגישטערט, געזוכט טויט־דעזער־טערן פון צווישן אַ יידישער קהילה ערב איר אומקום.

מנחם ד. איז אַרויס פון שטעטל, ער האָט אין לויף זיך געוואָרפן אויף דער ערד און זיך אויפגעהויבן, געשליידערט זיין שוואַרצן פיבערדיקן סילועט אַהין און אַהער, זשאָנגלעריש אויסגעוויכט דאָס פאַרפאָלגערישע רעפלעקטאָרן־ליכט, מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן פרישן קבר פון זיין מאַמע.

די וועלט האָט אַרויפגעוואָרפן אַ רינג אויף זיין האַלדז. אין אָנהויב איז דער רינג געווען אָנגעגליט און לאָקער, און באַלד בהדרגה

זיך אָפּגעקילט און גענומען קרעמפּעווען דעם ווסט; די פאַרדושעטע געכאַרכלען פאַלן פון גאַרגל אַרויס ווי אייזערנע רינגען. די שלייפן קלינגען און דאָס האַרץ העלפט אונטער — צום ריטם... איינס, צוויי, איינס, צוויי. מנחם לויפט, דורך זיינע פלייצעס עקבערט זיך דורך אַ שפּיציק־באַגנעטישער יאוש, צו וואָס דאָס אַלץ? אַמער, פאַל אַנידער דאָ — און אַ סוף.

ער ליגט עטלעכע מינוט אין פאַרשטיינערטקייט, די מאַמע זיינע שוועבט אָן פון דער שוואַרץ־סאַמעטענער פינצטערניש, זי בייגט זיך איין, פאַרהויבט איבער אים די הענט און פאַרדעקט זיך דאָס פּנים ווי צו ליכט־בענטשן, זי באַוועגט פליסטערנדיק מיט די ליפּן און פאַרשווימט אין דער נאַכט־שווייגעניש.

ער הייבט זיך לעפיש אויף, טוט אַ טאַפּ דעם קליינעם בראַונינג אין דער הינטער־קעשענע, דער איינציקער לעבנס־באַגלייטער און שטומער, קאַלטער דערמוטיקער.

ער טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ „נורקיעם" אין דער וואַרעם, פאַמעלעך־פליסנדיקער נאַכט־אומהיימלעכקייט, ווי אין אַן „אופּוסט" פון אייטער־דיקער „ראָפּע". זאָל נאָר דער בלייערנער גוף נישט זינקען אינעם אָפּגרונט פון פאַרפאַלנקייט; אַלץ — אַלץ, נאָר נישט דערטרינקען ווערן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די קאַרגע שפּייז־רעזערוון אינעם בונקער שרומפּן איין און פאַראַלעל צו דעם ווערט אַנגעשוואָלן די אַנונג פון אַ הונגער־טויט, און דווקא אין אַנבליק פונעם נאָענטן הונגער, ווערן די קעלן קלעפּיק טרוקן. דער הונגער ווערט אַ לעבעדיק קינד, צודרינגלעך און מאַנענדיק — און לאָזט זיך נישט איינשלעפערן.

די יוגנטלעכע באַגלייטן אַרויס מנחמען מיט שטומע בליקן, ער לאָזט זיך אַרויס אין שליחות „וואַ־באַנק", אים באַגלייט אין דער נאַכט אַריין — די גרויע האָפענונגסלאָזיקייט, מיט אַ שפּליטערל,

אַ רמז פון האָפענונג, פון עפּעס אַ ווייטער אָנדייטונג פון אַ פּראָסט מענטשלעך לעבן.

מנחם שפּאַרט פּאַרזיכטיק אַן די הענט אויף דער שוואַרצלעכער טיר, זי עפנט זיך מיט אַ באַוועגלעכן כאָרכל, וואָס דערמאָנט אים אין אַ פּורים גרעגער. דער צעטומלטער פּויער באַטראַכט ווילד דעם דינעם הויכלעכן „כליוסטאָק" מיט אַ הפקרדיק צעפּלאָשעטער „גזשי־בע" הינטער דער מאַטשעיוווקע, דער דאַשיק ווילעריש פּאַררוקט אין אַ זייט, „נאַ באַקיער", מיט הויכע שטיוול פּאַרפּאַטשקעטע פון בלאָטע.

פון אַ ווינקל פון דער כאַלופּע שיקלט צו אים אַן אָנגעגליטער בליק פון אַן אומבאַקאַנט ייִדיש ייִנגל.

— כ'בין געשיקט פון דער ראַיאָנער „זשעשעניע" פון א.ק. — שיט דער אומגעריכטער גאַסט אַרויס פון זיך אַ קאַלטן קיילעכיקן קלומפּ מיט רייד — כ'בין דעלעגירט צו דינגען ביי דיר דעם סאַד. איך דינג זיך נישט מיט דיר וועגן פּרייז. מיר וועלן דיר אויסטיילן אַ שיינע „אָרדינאַריע". ביי אונדז איז נישטאָ קיין מאַנגל אין געלט. די גאַנצע אָקאָליצע איז אונטער אונדזער קאָנטראָל און פּאַר „אויס־שיטן אונדז" צאָלן מיר אויך דעם העכסטן פּרייז, מיר דינגען זיך נישט... זראָזומיאַנאָ ?

איך גיי באַלד אַרויס, מיר האָבן דאָ די נאַכט אַ „זעבראַניע". איך קום אין דריי טעג אַרום, מיט אַ „זאַדאַטעק". דערווייל בעטן מיר אַ האַלב זעקל „ראַזוווקע" אָדער פּאַרטיק ברויט, אָדער קאַשע.

דער פּויער פּלאָנטערט די פּיס אַריין אינעם צווייטן צימערל, ער מוז זיך איבערלייגן מיט דער באַבע, ער קומט באַלד צוריק.

דאָס ייִנגל אינעם ווינקל קנאָדערט זיך צענויף שוואַרץ און פיבערדיק, דער בליק גליט אַהער צום „שייגעץ". מנחם טוט אַ האַסטיקן שפּרייז איבער דער ליימענער „קלעפּיסקע", קוקט פון הינטערן אַקסל אַפּער צום דערשראָקענעם ייִנגל און נעמט פּאַמעלעך און דין אונטערפּייפן די צעצויגענע מעלאָדיע פון „כל נדרי".

מנחם האָט נאָך באַוויזן צוריקצוקומען אין זיין פאַמיליע־בונקער

פאַרן אויפברוך פון פאַרטאָג, מיט אַ האַלב זעקל שפּייז און מיט אַ פרישׁ געבאַקן צווילינג־ברודערל, אַן אַרויסגעריסענעם פון דער נאַכט־פינסטערניש...

חרטה

דער זעכצן יאָריקער פערדינאַנד, מיט אַ זשעטאַנדל אין דער קלאַפּע פון דער מאַרינאַרקע פון גראָבן „דרעליך". ס'איז איינע פון די ערשטע טעג פון פוילנס דעראָבערטע אומאָפּהענגיקייט (1918). ער איז דער ערשטער „סטזשעלעץ". ער דערלאַנגט איינעם פון די אָפּטרעטנדיקע דייטשע יונגע סאָלדאַטן אַ „כמאַל" מיט דער קאָלבע פון דער ביקס, וואָס ער האָט זי ביי אים ערשט איצט צוגענומען. די יונגע, נאָר וואָס אַרויסגעוואָקסענע פוילישע „שטאַט־טליקעס" האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער „זשעשעניע מלאָדאַ פּאָלסקאַ" און די פייערלעכע געשעעניש „באַגאָסן" מיט אַ „ליטער" עקספּראָפּרירט פון יעקב דוד שרייבשטיינס מאָנאָפּאָל. יאַנעק פּיעטזשקאָווסקי, דער שרעק־געשפּענסט פון יידישע חדר־ייִנגלעך, מאַריל מיט דער שטיי־פּער גזשיבע, וואַזשעכע מיטן לאָמען הענטל, דער געל־פּיעגעוואַטער מויערער־טערמינאַטאָר פּאָפּזשיצקי — זיי אַלע האָבן אָרגאַניזירטער־הייט זיך אויסגעשטעלט אין שטרענג מיליטערישער „מושטרע" און הייזעריק געזונגען די ערשטע סטראָפע פון פוילישן הימן „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאָ" ס'איבעריקע האָבן זיי פאַרגעסן... אַזוי האָט ביאַלע אָנגעמערקט די פייערלעכע דאַטע פון איר זעלבשטענדיקייט.

די פוילישע „שפּיצן": די סאָלטיסעס פון די אַרומיקע דערפער, די לערער, פּריצים און דער גלח האָבן אויף די פנימער אַרויפגעצויגן מאַסקעס פון וואַזשנעקייט; די אויפגעריכטע „זשעטשפּאָספּאָליטאַ" פאָדערט שטרענג אחריות און באַלעבאַטישע זאָרגעוודיקייט, און די זשידעס אין „זייער שטעטל" פרייען זיך אויך; זיי וועלן מסתם באַלד

פאָדערן אָביוואַטעלישע פּראַוועס, מען דאַרף זיי אַ ביסל אונטערקירצן די פליגל.

אויף דער יונג־יידישער גאַס איז געוואָרן היימלעך, די „פּאַר־שטייער" און דער עיקר די „אינטעליגענציע" האָבן געברענט אַ וועלט; קולטור־פאַראיינען, פּאַרטיי־קלובן, רעכטע, לינקע אָרטאָ־דאָקסישע און פּראָגרעסיוו־וועלטלעכע... ביבליאָטעקן, ליטעראַרישע־און קינסטלערישע־פּראָגראַמאַטישע־אָוונטן, אַ שטאָט אַ כרך, מיט יונגוואַרג, יינגלעך און מיידלעך, אין דער צאָל פון דרייסיק ביז צוויי און דרייסיק אירע (מיט פיר, פינף יאָר שפּעטער איז די צאָל געשטיגן ביז אַרום פערציק).

אַ קולטורדורשט האָט אַ ברען געטאָן אין די הערצער און מוחות פונעם „דור פון ליכטיקן מאָרגן" — אַ קולטור־רענעסאַנס... פון שולן און גימנאַזיעס האָט מען געקענט בלויז חלומען, נאָר ביכער, יידישע ביכער, זיי זענען געוואָרן, נעבעך, „אויסגעריסן" — אַ גאַנץ רחמנות. אַ באַזונדער ביטערע דאָליע איז צוגעפאַלן די בראָשורן מיט ראַדיקאַלע אידעאָלאָגיעס...

נאָכן איבערלייענען צוויי דריי בראָשורן פון דעם מין, האָט מען שרעקלעך פיינט באַקומען די גראָ־בערדיקע „אָבסקוראַנטן" און פינצ־טערע פאַנאַטיקער... זיי פאַרשטעלן דאָס ליכט פון דער וועלט — און האַלטן די שיינע יונגע טעכטער אין די אָוונטן אין דער היים...

די שנאה צום יידישן דת האָט געוויררט און אָנגעדראָלן; די אַלטע, מיט שלווה דורכגעדרונגענע היימען, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פריוואַטע מיניאַטור־גיהנומס. עס איז אַוועק אַ וועט־לויף פון קולטור און פאַרשריט און אַנטיקלעריקאַליזם, הימל און ערד און אומדערמידלעכער קאַמף קעגן רעאַקציע.

אַלץ איז ביי זיי געוואָרן פינצטערניש און פאַרשימלטער אָבס־קוראַנטיזם: ישעיהו הנביא; ירמיהו; דער קרוע־בלועדיקער פּיע־כאָטנער מגיד פון ניישטעטל; דוד המלך און דודל די רביצינס; משה רבינו און משה קאַצקער; אברהם אבינו און אברהם לייבוש חאַאַמלס.

אַ באַזונדערע שנאה האָבן די ייִנגלעך געטראָגן צו הלל ושמאי, די דאָזיקע צוויי אַלטע תנאים האָבן געפירט צווישן זיך פלוגתאס וועגן מצוות און חומרות, וועגן כשר און טריפה, נאָרביידע צוזאַמען האָבן זיך פאַרדינגגען דעם שטרענגן רבין, און ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל קענען די גמרא און וויסן וואָס רש״י מאַכט — און די בראָשורעס האָבן געלערנט, אַז — דווקא דאָס נישט וויסן און נישט פאַרשטיין די גמרא איז רעוואָלוציאָנערע קולטור.

די גאַס האָט געכישופט, די האַק פאַר זייערע העלדזער האָט זיך ערגעץ ווו געשאַרפט און זיי — זיי האָבן געקעמפט קעגן פאַר־שימלטער צוריקגעשטאַנענקייט.

— — — — — — — — — — — —

אונדזער שטעטל איז געלעגן אויסגעטראָקענט, ווי אַ בלאַט גמרא: די הויפּט־שפּאַציר־גאַס — ברייט און רחבותדיק, ווי די משנה מיט דער „ברייתא״; אַרום די ראַנדן — געהויקערטע קרעמלעך און הייזקעס, צעוואָרפן אין שיטערע רייען — רש״י, תוספות און „הגהות״. און צווישן די טעקסטן — ווייסע שמאָלע מעזשעס, שליאַכן און סטעזשקעס צו די וויט־נאָענטע ישובים: ראַווע, ראַדאָם, בלענדיוו און אַמשינאָוו.

דאָס פּאָדזשעטשנע־געסל (שול־געסל, איטשע־מאירס געסל), איז געווען דאָס עלטסטע יידן־קוואַרטאַלעכל אין ביאַלע. וועגן דעם האָט עדות געזאָגט זיין „לאַנדשאַפט״ און זיין „אורבאַניסטישער סטיל״. אַ געסל — כולו רוחניות, די הייזקעס, געהויקערטע, צע־לעכצטע, פּרוכנעדיק, האָבן זיך געהאַלטן אויף אַלטע ברכות פון „גוטע יידן״ און אין זכות פון פאַרכישופטע זכרונות פון אַלטע יאָר־הונדערטער. די ערשטע יידן האָבן דאָ אַהערגעוואָגלט פון פאַר־שטויבטע שליאַכן פון סאַראַגאָסע פון וואָרמס און פון רוטנבערג, זיי האָבן דאָ אַוועקגעלייגט די טלומיקעס, אָנגעפילטע מיט גראָען קידוש־השם, פאַרדאַרטע פענעצער ברויט און טלית־און־תפילין. די ווייבער האָבן דאָ, אינעם „אופוסט״ איבערגעוואַשן די ווינדעלעך פון די זויגקינדער. די מאַנסלייט האָבן איבערגעשווענקט די ווונדן פון

די שטיינער וואָס מ׳האָט אין זיי געוואָרפן אין די דורכגעוואָנדערטע דערפער. מ׳האָט צוזאַמענגעלאָזטעט פון טראַנטעס און שמאַטעס גאָטס אַ געצעלט אויף צו זאָגן קדיש נאָך די געפאַלענע אינעם הפקרן נע־ונד, און פאַרן אויסגעמאַטערטן ווייב און קינד. צו מאָרגנס, האָט זיך געיאַוועט דער „סמערדע״ פון „יאַשני וויעלמאָזשני״, דורכ־גענישטערט דאָס זעקל בעבעכעס און אַראָפּגעצויגן פון די פאַר־מאַטערטע פרויען די גילדערנע קדושין־רינגלעך פון די פינגער.

די בודינקעס האָבן געמוזט זיין נידעריק, נישט צו דערבייזערן דעם „קאָשטשאָל״, דאָס איז געווען מסתם אין הסכם מיטן געפייניקטן „קאהאל״ — נישט אויפצורייסן די אויגן פון די טובילצעס („אויטאָכ־טאָנען״), די אַרומיקע געשמיסענע קאַטאָליקן פון דער נאָענטער פאַראַפיע, די „פּאַנשטשיזניקעס״.

מען האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ גראָ בית־מדרשל. געהילץ האָט געגעבן דער פריץ פונעם געדיכטן באָבסקער וואַלד אויף לאַנג־טערמיניקע קרעדיטן. יידן באַנקראָטירן נישט. אויב זיי דעקן נישט די חובות מיט דראַכמעס און „טינפן״ (אַ פוילישע מטבע פון יאַן קאַזשימיערזשס־צייטן), צאָלן זיי מיט די הינטנס, מיט דער פערזענ־לעכער פרייהייט — און מיטן לעבן.

די יידן האָבן געבויט נידעריקע שטובן, מיט אַן אייל נידעריקער פון דער שיל, וואָס האָט געמוזט געבויט ווערן נידעריקער פון „קאָשטשאָל״ פון דער שכנותדיקער „פּאַראַפיע״.

אין די נידעריקע אַלקערלעך האָבן די יידן זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער ; מען האָט ממעמעקימדיק געבויט קינדערישע שלאָף־צימערן אין די אויסגעגראָבענע קעלערס. מ׳איז געווען אין אָרדענונג מיט דער פוילישער „פּראַווע״ און אין אַן עת־צרה האָט מען זיך געקאָנט באַהאַלטן פון אַ פּאָגראָם. אין אונדזערע צייטן זענען די קעלערן באַנוצט געוואָרן פאַר קרויט, קאַרטאָפל און טאָרף.

צו אונדז זענען דערגאַנגען פאַרנעפּלטע ידיעות וועגן פאַרביסענע מחלוקתן „לשם־שמים״ פון יידן וואָס האָבן געהערט אין זייער קינדהייט פון אַלטע יידן וועגן שבתי־צביניקעס מיט זייערע קעגנער

— די אויסגעניכטערטע מקובלים — און וועגן שפּעטערדיקע פאַרביסענע סכסוכים צווישן חסידים און מתנגדים, די מחלוקתן האָבן זיך געצויגן ביז היטלערס אינוואַזיע אויף פּוילן.

פון צפון־זייט האָט דאָס געסל זיך פאַרענדיקט מיטן גערער שטיבל. אין סוכהלע פון מרדכי פיינער, איבערן פּרוכנעדיקן פּולאָפּ פונעם אויבן דערמאָנטן „שטיבל", איז געווען איינלאָקירט אַ געוויסער קולטור־פאַראיין פאַר יוגנט.

די פּאַסטאָראַלע תמימותדיקע שלווה פון די יונגע לומדים האָט אָנגעהויבן זיך קרישלען. די סיבה דערפון איז געווען — די יונגיטשקע באַלעבאָסטע פון „פאַראיינדל" די זעכצן יאָריקע יפה־פיה, פּערל מלכה.

דאָ, אין דעם „לאָקאַל פון קולטור און קונסט", האָבן געפונען אַן „אָפּלאָג" פאַר „שעפערישער אויסלאָדונג" כל מיני רעציטאַטאָרן, אָראַטאָרן, אינסטרוקטאָרן און פונקציאָנאַרן. עס האָט פון די פרעמדע יונגע בחורים מיט ממזריש צעפלאָשעטע גזשיוועס געווייעט מיט חוצפּהדיקן „דווקא" און מיט שוויץ — פון ברודיקע וועש... די פעלקער־באַפרייונג האָט נישט קיין צייט צו צווייטראַנגיקע פּראָבלעמען פון וואַסער און זייף...

— — — — — — — — — — — —

פּערל מלכהס פאָטער געדענק איך געגעוי, נאָר זיין, מרדכי פיינערס פּרנסה־מקור זע איך ווי דורך עפּעס אַ שיטערן נעפּל; אַ שוסטער נישט קיין שוסטער, אַ סעזאָן־בעקער פון „טאַטאַרטשאַק" (פּלעץ מיט אַ טונקל־ברוינעם גלאַנץ פון גראָב־געמאָלענע טאַטאַרקע) ספּק דאַרפס „לייפער", ספּק שטובן־קאַלכער, ספּק הושענאָ־פליקער.

אַזוי איז ער מיר פאַרבליבן אין זכרון, מיט זיין שטיל־שעמעוודיקער פאַרדאגהטקייט, גוט־ברודערשאַפט מיטן דלות און מיט דער ליבשאַפט צו זיין אָפּגעשליסענעם הויזגעזינד און באַזונדער צו זיין שיינער טאָכטער, פּערל־מלכה: אַ ווונדערלעכע רויז אויף אַ טוכלען בערגל מיסט, ווי עפּעס אַ גורלדיקער צולהכעיס.

אַן פּודער און שמינקע, דער קאָפּ מיטן שאַטינענעם „קענדזשער"

האָט געבאַדזשעט די גמרא־בחורים ביים אַריינגאַנג אין שטיבל אַריין, ווי די הערנער־צווייגן פון אַ הירש.

אַ קנאַפּע אינטעלעגענטין, האָבן אַלע אָנגעפּאָרענע רעדנער, רעציטאַטאָרן, פּאָעטן און אָרגאַניזאַטאָרן גערעדט, דעקלאַמירט און רעציטירט בלויז פאַר איר; די איבעריקע „אוידיטאָריע" איז אין גאַנג פון „דער קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע" ערגעץ ווו פאַר־שווומען...

אַ ליידנשאַפטלעכע „חסידותטע" פון „קונסט" און פאַרוויילונג, האָט עס אין איר בוידעם־סוכהלע איבערן גערער שטיבל געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק; און דווקא אין די פרייטיק צו נאַכטסן און אין די פייערלעכע יום־טוב אָוונטן, ביים ערשטן זינגענדיקן טאָן פון „לכה־דודי" האָט ווי אַ רעזאָנאַנס באַלד אַ קלונג געטאָן מיט ריטמיש מיידלערישע טריט איבערן פּרוכנעדיקן פּולאָפּ, די סאַמעטענע היטלען און שטריימלעך האָבן זיך אָפּגעשאָטן מיט אַ געלן מעל...

ווערן זיך, פּירן מלחמה, — מיט וועמען? יענע האָבן אויף זייער זייט אַלע אַרבעטער און פּויערן פון דער וועלט, פאַרשפּרייטער פון ליכט און וויסנשאַפט, איין קליינקייט...

— — — — — — — — — — — —

געשען איז עס שמחת־תורה אויף דער נאַכט צו די „הקפות", אויבן גייט אָן אַ פייערלעכער אַנטי־קלעריקאַלער טאַנץ. דער סופּיט קאָן נישט בלייבן רעאַקציאָנער־היגטערשטעליק...

— יעמוד — יעקב דודלס רופט אויף דעם סאַמען „פאַר" (פּער) פון די בחורים צו „עוזר־דלים"; דאָס איז ער זיך נוקם אין זיי פאַר זייער שקאַצישער עילוישער פאַרריסנקייט.

די בחורים טאַנצן און ווי גאָטס דינער רחמים שיט זיך אויף זייערע קעפּ די ליכטיקע פּרוכנע פונעם טאַנצנדיקן סוכה־באַלקן.

די צעוויקלטע ספר־תורה אויפן „שלחן" צום לייענען „האזינו", ווערט באַשאָטן מיט געדיכטער פּרוכנע, דער גרויסער נאַפט־לאָמפּ נעמט מיטטאַנצן צום ריטם פון דער אויבערשטער התלהבות...

ס'איז דערגאַנגען צום רב מנחם מענדל אין שול אַריין. דער

אימפּולסיוועד, תמימותדיקער ייד האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויף זיינע פלינקע יינגלערישע פיס אין ווייסע זאָקן, ווי אַ ווינט אַריינגעפּראַלט אין דעם „פּאַראַיינדל" און — אויף זיין מאָגער שיטער־בערדליק געזיכט האָט אַ קלינג געטאָן אַ פּאַטש פון דעם דינעם הענטל פון פּערל־מלכה, באַגלייט פון אַ הפקרדיק־כוליגאַניש געלעכטער.

— — — — — — — — — — — —

דער עס־עס מאַן האָט מיט זיין פעלד־לאָרנעטע אַ נישטער געטאָן דעם יידישן בית־עולם. צווישן דעם וועלקענדיקן גרין פונעם גראָז און גליווערנדיקן גראָ פון די מצבות, האָט זיין לויערדיק אויג זיך פאַרשפּיזט אין אַ שוואַרץ־אומבאַוועגלעכן סילועט פון אַ פרוי, דער קאָפּ אַריבערגעבויגן איבער דער האַלברונדער וועלבונג פון אַ גלייכע העל־געלבלעכע מצבה, די הענט האָבן אַרומגענומען דעם אויבערשטן האַלברונד איבערן שוואַרץ־בלישטשענדיקן פ"נ (פה נטמן). אויף דעם דייטשס שאַרפן ריטש: קאָם הער! האָט דער סילועט נישט רעאַגירט. אַ דין בלאָ רויכל פון זיין רעוואָלווער האָט אַ שפּיי געטאָן מיט אַ פאַרדושעטן כריוק; דאָס שוואַרצע צעווינטיקטע קלייד איבער דער מצבה האָט זיך ווי צענויפגעקנוילט אין אַ „גראַכאַווינע" און זאַכט איבערגעדעקט דאָס קבר.

דער דייטש איז צוגעלאָפן, איבערגעדרייט די דערמאָרדעטע מיטן פּנים אַרויף, צו אים האָט מיט פאַרגלאָזטע בליקן אַרויפגעגליווערט דאָס פאַרפּייניקטע, אין גראָ אַרומגעראַמטע געזיכט פון פּערל מלכה.

אויף דער מצבה פון „תפארת מנחם", דעם מיט איבער אַ יאָר־צענדליק צוריק פאַרשטאָרבענעם ביאַלער רב, האָט אַ גאַנצן טאָג זוניק געגליט אַ ברייט צעפּלאָסענער רויטער פלעק פון בלוט, דאָס האָט פאַרן זונאויפגאַנג די פאַרזינדיקטע פרוי געזאָגט ווידוי שוויי־גנדיקערהייט; געבעטן פאַרגעבונג ביים הייליקן נפטר פאַרן „שפיכת־דמים", וואָס זי האָט אין די נאַרישע יוגנט־יאָרן פאַרשאַפט אים אין דער נאַכט פון „שמחה־תורה".

דער ברייטער בלוט־פלעק האָט לאַנג געגליט מיט אַ געפּאַנ־גענעם זונענקלומפּ און זיך עקשנותדיק נישט געלאָזט פאַרגליווערן.

דערמאָרדעט געוויסן (וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי)

נאָכן אָפּרייניקן דעם אָקופּאַציע־שטח פון היטלערס שליטה, איז דער סיים ווידער געעפנט געוואָרן דורך זיין פּאָרזיצער — סיים־מאַרשאַלעק, פּוילישער שרייבער, און געוועזענער אָרעמער פּאַסטעך פון ביאַלע־ראַווסקע — וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי.

ער איז געווען איינער פון די געציילטע פּויערים פון אונדזער אומגעגנט וואָס האָט בלב ונפש אָרגאַניזירט די רעטונג פאַר די גערודפטע און פאַרהאַסטע ייִדישע יוגנטלעכע פון אונדזער שטעטל און פון דער אַרומיקער געגנט בעת דעם אויסראָטונגס פּעריאָד.

דאָס איז געווען אַ תמימותדיקער מענטש מיט אַ גרויסער נשמה, מיט עכטער נישט געקינצלטער ליבשאַפט צו יעדן אָרעמען, ערלעכן מענטשן, און בתוכם ייִדן. די דאָזיקע ליבשאַפט און ערלעכקייט האָט אים געפירט צום לינקן לאַגער אין דער פּוילישער געזעלשאַפט־לעכקייט.

ער איז געווען אַ זון פון אַן ערדלאָזן פּויער, אַ פּאַסטעך פון די בהמות פון אַ רייכן לאַנדווירט. אָן מעגלעכקייטן פאַר בילדונג, האָט ער אַליין, אָן שום אויסערלעכער הילף זיך געלערנט, געלייענט אַ סך און דערוואָרבן זיך אַן אָרט צווישן דער יונגער פּוילישער לינק־אָריענטירטער אינטעליגענץ. זיין ליטעראַרישער דעביוט, גע־ווידמעט דער „דאָליע" פון דער דאָרפישער אָרעמשאַפט „כלאָפּ ז'מאַרכאַט" (דער פּויער פון מאַרכאַט). גענויער — „מאַרכאָלד"), אַ דאָרף בשכנות פון ביאַלע, האָט אים געדינט ווי אַ לעגיטימאַציע אין דער פּוילישער יונג־ראַדיקאַלער שרייבערישער עליטע פון יענער צייט (בראָניעווסקי, קרוטשקאָווסקי, שענוואַלד, יאַשענסקי און אַנ־דערע).

זייער ייִנג איז ער צוגעשטאַנען צו דער מעסיקער פּויערן־פּאַרטיי „וויזוואָלעניע" (זעלבסט־באַפרייאונג) באַלד נאָך דעם איז ער אַריבער צו דער עקסטרעם לינקער „ען פּע כא" (אומאָפּהענגיקער

פויערים־פּאַרטיי) פון דאַנען איז שוין געווען אַ „קאַצנשפּרונג" צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַן ענערגישער יונגער פויער, אַ שרייבער און אָרגאַניזאַטאָר, האָבן די אַרומיקע פּריצים, ענדעקישע אַקטיוויסטן זיך פאַרמאָסטן אים „אָפּצוזענגען", פּשוט גערעדט — צו קויפן אים.

אין איינעם אַ זומערדיקן פאַרמיטאָג, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַקומט ער אַ „פּאָלעצאָנע" בריוו. דער קאָנווערט האָט געשמעקט מיט אַן איידעלן פּאַרפום, דער אַדרעס, אַ געצאַצקע־טער מיט גלייך־ליניקטע „ליטערעס". דער כתב־יד האָט פאַרדעכ־טיקט אַ צאַרטע דינע האַנט פון אַ יונגער „שליאַכטשאַנקע".

„איר ווערט העפלעך איינגעלאַדן, אויב ס׳איז אייך נישט איבער־דריסיק, אויף אַ באַגעגעניש מיטן יונגן פּאַניטש, קוניצקי, פון זאַקשעוו און דעם יונגן פּאָרוטשניק, טיטוס זבישעווסקי, פון דאַנקאָוו; מיר וועלן זיך זייער פרייען, ווען מיר וועלן פון אייך דערהאַלטן אַ גינסטיקן ענטפער; אויך בעטן מיר פון אייך צו באַשטימען דאָס אָרט און די צייט פון דער באַגעגעניש. אין שטרענגער דיסקרעציע". אונטערגעשריבן: „וואָיעוואָדישער פּריצים־פאַרבאַנד".

קאָוואַלסקי האָט געחתמעט די באַשטעטיקונג פון דעם דערהאַל־טענעם בריוו, מיט אַ העפלעכן דאַנק און לשם קאָנספּיראַציע באַ־שלאָסן, אויסצובאַהאַלטן די טרעפונג פון דער היימישער „פּאָספּול־סטוואָ". די באַגעגעניש האָט ער באַשטימט אין אַ דאָרפישער סטאָ־דאָלע, הינטער דער פאַדבאָרנער מיל, אין דער און דער דאַטע צווישן איינס און האַלב צוויי ביי נאַכט.

אָפּגעשיקט דעם בריוו מיטן „פּאָסלאַניעץ" (שליח) איז ער אַוועק צו זיין „קאָלעזשענסטוואָ" און איבערגעגעבן זיי בפרטיות וועגן דעם קומענדיקן „קו־האַנדל" און דעם באַשטימטן פּונקט.

— מיר שלאָגן אייך פאָר אַ קליינעם פּאָלוואַרק הינטער סאַד־קאָוויץ — האָבן די דעלעגאַטן אים פאָרגעלייגט; מיר וועלן זאָרגן פאַרן לעבעדיקן אינווענטאַר און פאַר דער אויסשטאַטונג מיט אַר־בעטס־מכשירים, מיר ווילן אייך האָבן ביי אונדז, ווייל די „זשעטש־

פּאָספּאָליטע״ נייטיקט זיך אין ענערגישע און טאַלענטירטע יונגע־לייט.

— איך קאָן דאָס פּאָלוואַרק — האָט זיי פּרעטענציעז דערווידערט קאָוואַלסקי — איך וויל מער. חוץ דעם פּאָדער איך אַ יערלעכע צוגאָב־רענטע פון אַזוי פיל און אַזוי פיל באַרעס געלט און אַ צו־גאָבלעכן אָפּצאָל פאַר מיין יעדן עפּנטלעכן אַרויסטריט פאַר דער „גראַמאַדע״.

— זגאָדאַ, האָבן די צוויי פאַרשטייער געענטפערט...

קוניצקי נעמט אַרויס פון דער עלעגאַנטער טעקע אַ בויגן פּאַפּיר, מיט טינט־און־פעדער, פאַרלייגט אַ קני אויף אַ קני און הויבט אָן שרייבן; נאָכן אָנשרייבן די פונקטן, דערלאַנגט ער די פעדער קאָוואַלסקין צום אונטערשרייבן; אין דער רגע, אויפן צייכן פון קאָוואַלסקי, קריכט אַרויס פון אַ נאָנטער סטערטע אַ כאָפּטע פּויערים, רינגלען אַרום די צוויי ייִנגע פּאַניטשלעך מיט דראָענדיקע פויסטן און נעמען זינגען: „באַי טאָ בענדזשיע יוזש אָסטאַטני״...

די צוויי יונגע פּריצימלעך זענען אַנטלאָפן מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך...

קאָוואַלסקי האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער, אַ פּראָסטער „כלאָפּ״. ווען די מעשה איז דערגאַנגען צו אים, האָט ער זיך געריסן די קודלעס פון קאָפּ פאַר גריזאָטע. „איוו ימ׳ע אָיצאַ אי סינאַ, וולאָדקו, וואָס האָסטו געטון? ס׳טייטש, מען קאָפּט אַוועק אַ פּאָל־וואַרק און אַ גוט־ברודערשאַפט מיט דער שליאַכטע פאַר עפּעס דאָרט אַ זשידאָווסקי פאַנטאַזיע פון ברודערלעכקייט, גודלאַיו יעדען!״

קאָוואַלסקי האָט נאָך דער מלחמה ערלעך און בלינד געדינט זיין פאָלקס דעמאָקראַטיש פוילן.

די אַמאָליקע „באָוווסטזיניקע קומאָטרעס״ האָבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע מיט איינצלנע אויסנאַמען היניטיש־טריי געדינט דעם נייעם גערמאַנישן פּאַןביים אויסראָטן די יידן; זיי זענען גע־שוואָלן געוואָרן פון צוגערויבטן יידישן האָב און גאָב.

אינעם פּאָוויאַטאָוון געריכט האָבן זיך אָנגעזאַמלט גבית־עדות־

מאַטעריאַלן קעגן זיי. מיט ציטערדיקע שטשערוועס זענען זיי געפאָרן צו קאָוואַלסקין קיין וואַרשע; זיי האָבן אים דערמאָנט זייערע אַמאָליקע בשותפותדיקע „רעוואָלוציאָנערע" טעטיקייטן... ער האָט אויף זיי אַרויפגעשפּיגן, און אָנגעצילט אויף זיי די אָנגעלאָדענע „דובעלטוווקע".

אַ געווען „פויערלטשינע", האָט ער אויף זיין הויכן מלוכה־פּאָסטן „אָנגעטאָן" אַ געשטאַלט פון אַ כראַביע פון וויטשעך קאָסאַקס היסטאָרישע געמעלן, אַן עכטער „יאַשניע וויעלמאָזשנע" מיט ווייסע וואָנצעס, ערנסטע און דורכדרינגלעכע בליקן, הויך און ווירדיק און שטרענג-אומפּאַרטרוילעך.

ער האָט געוווינט אין אַ פּאַלאַץ אויף דער בעלוועדער־גאַס; דער פּאַלאַץ איז פאַר דער מלחמה געווען דאָס אייגנטום פונעם „בונדישן" פירער עמאַנועל שערער.

דער אָרעמער ברודער זיינער, וואָס האָט אים אַזוי פּאָראַכט פאַר זיין צוריקוואַרפן אין די יונגע יאָרן אַ פּאַלוואַרק, צוליב עפּעס אַ זשידאָווסקע אויסטראַכטעניש פון גלייכהייט, איז אין זיין דאָרף שווער קראַנק געוואָרן. קאָוואַלסקי האָט אים געבערענגט קיין וואַרשע אין זיין אַמטלעכן לוקסוס־אויטאָמאָביל, דער קראַנקער האָט שווער געקרעכצט און זיך מתוודה געווען פאַר זיין עולה־לגדולהדיקן ברודער:

— הערסטו, וולאָדקו, ברודערל, כ'האָב אָפּגעלעבט אַ כאַמסקע לעבן אָן „קלאַסן־באַוווסטזיין" און אָן אידעאַלן, דו האָסט געזען אַ סך ווייטער.

אָפּגערעדט זיך פון האַרץ — און געשטאָרבן.

— — — — — — — — — — — —

אין יאָר 1956 ברעכן אויס פויערים־ און אַרבעטער־בונטן אין פּויזן און אין אַנדערע געגנטן פון לאַנד; דער „אַגענט פון אינטער־נאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם", גאָמולקע, דער אַרעסטאַנט, ווערט דורך דער פּאַרטיי נאָמינירט אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון צע־קאַ. די

בעכטיקע מושלים, סטאַליניסטן, ווערן אַרויסגעשטויסן אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן צווישן זיי — קאָוואַלסקי.

די קראַנקייטן אינעם קערפּער (ער האָט זיי געהאַט אפשר זעקס) ווערן „אַקטיוו". אַן איינגעזונקענע ביטערניש בריט אין האַלדז, אין דער עפנטלעכקייט שווימען אויף די מעשים־תעתועים פונעם „פאָטער פון די פעלקער", די מערדערייען און קאַטאַרגע־פּיינען פון מיליאָנען ערלעכע, אומשולדיקע מענטשן. קאָוואַלסקי פילט אַז זיין וועלט איז געוואָרן שרעקלעך שמאָל, אַזוי שמאָל, אַז דאָס געוויסן געפינט נישט קיין שטח ווו זיך אויסצודרייען...

אין איינעם פון די האַרבסט־אָוונטן, אין יאָר 1958, די משפחה איז ערגעץ ווו אַוועק אויף אַ וויזיט צו באַקאַנטע, קאָוואַלסקי האָט מיט שווערע טריט צוגעשטאָלפּערט צו דער מאַהאַגאָנענע סערוואַנטקע, אַרויסגענומען די ביקס און זי אָנגעלאָדן.

...דורכגעשווינדלט אַ לעבן מיט הויכע מענטשלעכע אידעאַלן, געראַנגלט זיך קעגן געמיינקייט, פאַר פרייהייט פאַר אָרעמע, פאַר פרייהייט פאַר פוילן — און געווען אַ נידערטרעכטיקער שותף צו מאַסן־מערדעריי; כ'האָב צוגעלייגט אַ האַנט צו דער פעטליע אויף צו פאַרציִען אויפן האַלדז פון מיין פוילישן לאַנד. נאָך דער ווידוי פאַר זיך אַליין, האָט ער אַריינגעיאָגט זיך אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

אַנשל און עלקע

ווען וואָלט אַנשלס געדענק איך ווי אַ ייד אין די פערציקער יאָרן, איינער פונעם פּרוכפּערדיקן שבט „אַנשליאָקעס". אַ שוואַרץ זיידענע באָרד האָט אַרומגערעמט דאָס פולע ווייסע פּנים. איך האָב שפּעטער, ווען ער האָט שוין נישט געלעבט, געזען אים אין אַנטיקע פאַרגעלטע פאָטאָסטאַטן אין דער חברותא פון אשורישע מלכים מיט אַ שווערער קרוין אויפן קאָפּ.

ביי אונדז איז זיין קרוין געווען דאָס שיינע מיידעלע זיינס מיט

די זיידענע שוואַרצע האָר, רחל „די קוקע״, אַזוי האָבן די יינגלעך זי טיטולירט. אַ שרעטעלע פון אַ מיידל, זי האָט מיט אַלע זיך גע־שפּילט, מיט מיר אויך, נאָר אַ קוק געבן אויף וועמען, בפרט אויף מיר, אויף דעם האָט זי קיין מאָל קיין צייט נישט געהאַט.

ער האָט געהאַט אַ פרוי, דבורה חאַאַם מאירס, די צווייטע פרוי, אַ צאַרטע און איבערגעגעבענע דעם מאַן מיט די קינדער. מיין חבר פון צווישן די חדר־יינגלעך איז געווען אַנשל וועלוולס. כ׳האָב שטענ־דיק זיך געסטאַרעט צו זיצן לעבן אים, ווייל זיין שוועסטער, רחל, האָט אים כסדר צוגעטראָגן קיכלעך און שוואַרצע קאַווע.

אַנשל האָט יעדן זונטיק אין דער פרי געטראָגן פונק נייע שיך אויף די פיס. ער האָט מיר געגעבן, אַלס צייכן פון גוט־חברשאַפט, זיך אַנצושפּיגלען אין זייער „גלאַזור״. זיי האָבן געהאַט אַ קאָמאַשן־שטעפּעריי און אַ געוועלב פון שוסטער־צודאַטן. אַנשל האָט יעדן ערב שבת צעשניטן די שיך און אָנגעטאָן נייע.

מיין זיידע, שלמה־יצחק שוסטער, איז געווען זיין קאָמעניק (לאָקאַטאָר). כ׳האָב שטענדיק אויסמיאַרקירט דעם וואַרשטאַט און געבעטן דעם זיידן ער זאָל מיך אַרויפשיקן אין געוועלב אַריין איינ־קויפן פלעקלעך, שטיפטשיקס, בירליים און בראַנדזוילן, ווייל דאָרטן, הינטערן קראָמטיש איז געשטאַנען די קליינע סוחרטע, די שקאָצע־וואַטע רחל די קוקע.

נישט אַלץ האָב איך געקויפט מיט אַ מאָל. ס׳ערשטע האָב איך געקויפט צען לויט שפּאַגלן און אַרויס. אין עטלעכע מינוט אַרום צוריקגעקומען און געקויפט בירליים, ווידער אַרויס און צוריקגע־קומען און געבעטן שפּענער צו די בראַנדזוילן. זי האָט געלאַכט און גערופן מיך „תמטשוך״. מילא, דער צונאָמען איז מיר נישט געווען צום האַרצן, נאָר ס׳איז אָבער פּאָרט כדאי געווען צו זען זי אַ לאַכנדיקע.

ווען כ׳בין צוריק מיט דער סחורה, האָט דער זיידע מיך אויפ־גענומען מיט אַ ממזרישן קוועטש אינעם רעכטן אויג, משמעות, אַז ער האָט עפּעס דערקנאַסט.

די יונגע דבורה איז אַריין און אַרויס פון שטוב אין געוועלב אַריין, כסדר צוגעטראָגן רחלען באַדיאַנקעלעך מיט שוואַרצע קאַווע, עפּעס אַ מין שטיף־מאַמע „פּאַר אַמישנע", מיט אַ ווייס פּנים, מיט ווייסער מאַמעשער דערבאַרעמקייט און דיסקרעטער ליבשאַפט. די פינף קינדער האָבן זי גערופן מאַמעשי. דאָס וואָרט אַליין איז געווען ווי איינגעהילט אין אַ ווייכן מושלין פון קינדערשער אוממיטלבאַרער אויפריכטיקייט און פאַרטרוילעכקייט.

אַזוי שטיל ווי די משפחה האָט געלעבט, אַזוי שטיל האָט אין דעם הויז זיך אַריינגעשאַרט די שווינדזוכט.

צום ערשטן האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין דאָס עלטערע יינגל, יצחק. דער פּאָטער, וועלוול, מיט די איבעריקע קינדער זענען געזעסן אַרום בעט, נאָך דעם ווי דאָקטאָר נאַרוטאָווסקי האָט צונויפגענומען זיין מעדיציניש־קלאַפּערגעצייג אין דער גלאַנציקער טעקע, צעפּירט מיט די הענט, פאַרשריבן עפּעס אַ וואַסערל. דאָס געלט פאַרן וויזיט האָט ער נישט געוואָלט נעמען פון דבורהס האַנט, נאָר אַרויסגענומען אַ בלעטל זייד־פּאַפּיר און איינגעוויקלט פאַרזיכטיק די מטבעות און שטרענג אָפּגעהיטן אַז די פינגער זאָלן זיין איזאָלירט. ער האָט געמורמלט אונטער דער נאָז אַז צען יידן זאָלן זאָגן פּסאַלמען אין דער „בוזשניצע".

רחל האָט דעם קראַנקן ברודער דערלאַנגט שיטערן „קלעיִק" פון מאַגגע־היידלעך מיט געלע הינערישע יויך. עטלעכע מינוט פאַרן טויט האָט ער אַרויסגעשליידערט דאָס טעלערל מיט דער שפּייז אויף דער פּאָדלאָגע, זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ אַריין „אַשמני" — און אַפילו נישט באַוויזן צו טאָן אַ כאָרכל פאַרן אויסהויכן די נשמה.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געפאַלן צו בעט חאַאַמל (חיימל). דאָקטאָר נאַרוטאָווסקי האָט געבעטן אַז דאָס געלט פאַרן „וויזיט" זאָל מען איבערענטפערן דעם אָרעמען משה־לייבן מיט זיין ווייב, דבורה־ריווע.

ווי אַ שוידערלעכע צולהכעיס האָט די צאַרטע שלווה נישט געוואָלט זיך אָפּטאָן פון דעם דאָזיקן הויז, אַפילו ווען אויף רחלס

צאַרטע באַקן האָבן פלוצלינג גענומען הייס אַרויסבליען רויטע צעשויבערטע רויזן.

זי האָט זיך אַלץ נישט געוואָלט לייגן אין בעט אַריין. די אויגן האָבן געפינקלט מיט פייכטן קוועקזילבער, דער מלאך פון טויט האָט פּשוט געקווענקלט זיך, געשעמט זיך פאַר איר קינדערשער זאַנפטיקייט, אַוועק פון איר און — צוריקגעקומען.

מען האָט זי קוים אַנגעזעען אויף דער מיטה, אַזוי דין און אוממשותדיק איז זי געווען.

די שלווה איז געבליבן אין שטוב, געגעפּלט בלאָ איבער דעם אויסגעליידיקטן פאַריתומטן פעלד־בעטל פון רחלען, איבער דעם בלייכן פאַרטערטן געזיכט פון דבורהן. דער לעצטער איז געשטאָרבן דער טאַטע וועלוול.

דבורה איז מיטגעגאַנגען, ווי אַ גוטער מלאך, פאַרמאַסקירט אין אַ ליידנדיקע מאַמע פון פלייש און בלוט — אַ קעניגין פון לעבעדיקן צער אינעם מלכות פון טויט. די קראַנקע און שטאַרבנדיקע לויט דער ריי, האָבן ביים איינגעמען די ביטערע פיגולקעס, די לעפל קאַמפערס און קאַפּסולן געקוקט אויף אירע בלייכע שמאָלע פינגער, פינגער פון אַן אומבאַהאָלפענער ווייענדיקער שלווה.

נאָך יעדן אַרויסגעטראָגענעם טויטן האָבן ווייבער אַריבערגעוואָרפן שוואַרצע שאַלן איבער די קעפּ, געווישט זיך די פּנימער מיט ווייסע פאַטשיילעכלעך, נאָר אַרויסוויינען הויך, האָט קיין איינע פון זיי נישט געוואָגט.

פון דעם דאָזיקן אידילישן טויטן־„פּירשטנטום” זענען אַרויס אומבאַרירט: דבורה, די טאָכטער, צימע, און דאָס ייִנגסטע ייִנגל אַנשל.

ער איז דוכט זיך געווען מיט אַ יאָר ייִנגער פון רחלען, ער איז אויסגעוואָקסן אַ הערלעכער שטאַרקער יאַט, אַן אָפּגאָט פון די מיידלעך אין שטעטל, ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע פון דעם זעלבן שבט: עלקע מענדל־אַנשלס.

— — — — — — — — — — — —

ווי אַלע יידישע שטעטלעך, האָט אויך אונדזער שטעטל ביינאַנד מיט וויצלער, פּליאַטקאַרעס, „שטאַרקע", ליגנער און מוסרים פאַר־מאָגט יחידים „קראַנקע אויפן ברעטל". זיי זענען גרייט געווען אויף קידוש השם פאַר כאַפּן אַ דאַוון פאַרן עמוד.

אַ מין ערזאַץ־תאווה פאַר דיקטאַטאַרישער מאַכט. דו גיסט אַ רוף אויס „ברוך מחיה המתים" און אַ שיל מיט יידן טוט זיך אַ שטעל „נאַ באַטשנאַשטש!" צו „קדושה". אַזאַ שליטה איז גאַרנישט צו באַצאָלן. צו דעם „טשין" האָבן זיך אויסגעטויגט בלויז יידן וואָס האָבן געפּייפט אויף דער עפנטלעכער מיינונג.

אַן אויסנאַם איז געווען אברהם־עליע שוחט (בענדזעל). אַ נידע־ריקער, אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שיטערלעך־רויטלעך בערדל, אַן אויסטערלישער „נחבא אל הכלים". אַחוץ איבער אַ סוגיא אין דער גמרא אין שטיבל, האָב איך קיין מאָל קיין הויך וואָרט פון אים נישט געהערט. צום „ברעטל" איז ער צוגעגאַנגען ווען אין שיל איז גראָד קיין אַנדערער אַמאַטאָר נישט געווען. די הויכע שמונה־עשרה ביי מנחה האָט מען געקאָנט הערן בלויז ווען אין שיל איז געווען לחלוטין שטיל, און ס׳איז טאַקע שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געקאָנט הערן דעם זשומענדיקן דורכשוועב פון אַ פליג.

„אוי, האָט ער געדאַוונט" אונדזער אברהם־עליע. זיין „פתח לנו שער בעת נעילת שער" שווייגט נאָך איצט, צענדליקער יאָרן נאָך זיין אומקום אויף קידוש־השם, אין די ביינער מיר, אין די געבלוטן, און פּייניקט, אָנא אילך מרוחיך ואָנא מפניך אברח...

עלקע מענדל אַנשלס איז געווען אין אונדזער ליטעראַריש־קרייזל, להבדיל, אברהם־עליע אין אַ קליידל...

אַ דראָבנע, אַ ראָזיק־שטילע, האָט זי פאַר אונדז יוגנטלעכע רעציטירט: מאַני לייבן, רייזענען און פּרצן, אַזוי אַז כדי צו הערן האָט געמוזט זיין שטיל, שטיל, אויב נישט נאָך שטילער.

עלקע האָט שטיל געלייענט יידישע לידער און שטיל אַריינגע־טריבן געוואָרן פון די קרעציקע דייטשן אין דער גאַזקאַמער אַריין שטאַרבן מיטן טויט פון אַ הייליקע. זי איז אומגעקומען אין איינעם

מיט אירע קינדער און מיט איר מאַן, אַנשל, דער, וועלכער איז ביי־געקומען דעם טויט פון שווינדזוכט מיט עטלעכע יאָר צוריק. די קרעציקע היטלעריסטן האָבן אים צוריק איבערגעענטפערט צום טויט, פון וועלכן ס׳איז קיין אַנטרינונג נישט געווען.

זאָלן מיינע אָרעמע ווערטער בלייבן אַ ווייטע ווידערשיין פון „יזכור״ אויף זייער אינערגעצדיקן קבר, אַ יזכור פאַר זיי, דעם ליכ־טיקן און שטילן פאַרפאַלק אַנשל און עלקע, און פאַר אַלע די וואָס האָבן שטיל זיך צוגעהערט צו איר לייענען — און זייערע נעמען זענען פאַרלוירן געגאַנגען פון מיין פאַרפייניקטן זכרון.

צעריסענע ביים לעבן
געאייניקטע ביים טויט

דער איינציקער קלעפּשטאָף וואָס האָט צוזאַמענגעהאַפטן די יידן פון מיין שטעטל איז געווען — די צעריסנקייט.

די „גערער״ זענען געווען אש־להבה אויף די „לעקסאַנדרער״. די „לעקסאַנדרער״ קעגן די „גערער״. די באַלמעלאָכעס האָבן פיינט געהאַט די חסידים, ווייל די חסידים האָבן גרינגגעשעצט „די האָרע־פּאַשנע מאַסע״ און נישט געוואָלט דאַווענען אין שיל, כדי נישט מצרף זיין די „פּאַספּולסטוואָ״ צו זייער מנין.

צוויי דאַך־דעקער זענען געווען ביי אונדז: מאָטע בליאַכאַזש (דיקאָפּ) און בעריש, דעם שוואַרצן יוספס, אייזנבערג. זיי האָבן האַלבע חדשים געגעכטיקט הינטער די טירן פון ראַווער פּאָוויאַטאָוון „סאַנד״. די שוסטערס האָבן פיינט געהאַט די סוחרים פון שוסטער־צודאַטן, ווייל זיי רייסן די סקורע פאַר די חזיר־האָר און זוילן און גיבן אַ פאַלשע וואָג. די תבואה־סוחרים האָבן געשלאָגן אין געלט אַריין, איבערגעצאָלט די פרייזן פאַר ווייץ און קאָרן צו די פּריצים און רייכע גאָספּאָדאַזשעס, אַבי צו באַגראָבן די קאָנקורענטן.

אונדזער משפּחה איז געווען „געבענטשט״ מיט אַ זעלטענער

צעריסנקייט: דער זיידע, שמואל מאיר בעקער, האָט פיינט געהאַט זיין איידעם — דעם טאַטן מיינעם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין גער. געטרעבעוועט אים אפשר צען מאָל צו אַ גט מיט דער טאָכטער, די מאַמע מיינע. דער טאַטע האָט, פאַרשטענדלעך, פיינט געהאַט דעם שווער, ווייל ער האָט אים פיינט געהאַט. דער זיידע, שלמה־ יצחק שוסטער, האָט פיינט געהאַט דעם פאַרריסענעם רייכן מחותן דעם „אָגער" (אַ זידל־עפּיטעט מצד די פּראָסטע יידן לגבי די גערער חסידים).

אַ צוגאָב צו די רייסעניזשן איז געווען אַ הייפעלע ווייבער און מענער, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט אָפּטאָן פון בית ישראל און אומאויפהערלעך אונטערגעגאָסן ברענ־שטאָף.

זיי זענען נישט באַליבט געווען פון קיינעם — און אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט זיי אין דער „אָרנטלעכער מלאָכה" פון צעבלאָזן אַ פייער.

נאָר ביי אונדז אין דער משפּחה איז געוואַקסן, פּאַראַלעל צו דער שנאה, אויך אַן אַנדער פּייערל — קינדער; עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער, זיי איז אויך געווען אַ „נאָכעניש". אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַרויס פון די מאַמעס בייכער האָבן זיי זיך שוין געריסן אויף די גאָרגלען, אַ מין „זאַדאַטעק" אויף די קומענדיקע מחלוקתן.

ביז וואָס־ווען — זענען דערווייל געוואַקסן קליינע, פּיצעלעך קינדער, וואָס האָבן זיך געפּרייט און אייפעריק זיך געשפּילט אין די הייזער פון דער מיט שנאה דורכגעפּרעסענער משפּחה, און די „גוטע" מומעס און פֿעטערס האָבן געשלונגען די שקאָצישע שיינקייט פון די „ממזרים" פון די פאַרהאַסטע „שוואָגעריקעס" און „שוועגערינס" און זיי ביי זיך אין די שטובן געגעבן, „אָנצופּרעסן" קלעפּיק־צוקער־דיקן שטרודל. די שנאה האָט אויך פון צייט צו צייט „געפּאַלגעוועט", ביז נאָך „כל נדרי" — און ווען איינס פון די משפּחה־קינדער איז אַוועקגעפאַלן שווער קראַנק, אָדער ווען אַ קינד איז געשטאָרבן.

ווען די דייטשע מערדער האָבן אַרויסגעטריבן די יידן פון ביאַלע

און מיט זיי מיין צעצווייגטע משפחה, מיט די ווייבער און קינדער, האָבן זיי, די משפחה-מענטשן מיינע, אין דער באַגלייטונג פון בייזער הינטישער געבילעריי און אין בהלה-לויף, זיך געזעגנט איינער מיטן צווייטן און קעגנזייטיק געבעטן מחילה איינע פון די אַנדערע פאַר די באַליידיקונגען און שנאת-חינם.

געשענדעטע קברים

נאָך דער באַפרייונג פון פוילן, אין יאָר 1945, איז פון מיין שטעטעלע געבליבן אַ הייפעלע געראַטעוועטע יידישע יוגנטלעכע, אויסבאַהאַלטענע אין די וועלדער און אַ גאַנץ, אומבאַרירט יידיש בית-עולם. — מיטן אויסנאַם פון די אויסגעקאַרטשעוועטעביימער.

די אויסגעפייניקטע שרידים האָבן זיך איבערגעטראָגן, מערסטנטייל, קיין לאָדזש. אין צייטן פון בענקשאַפט האָבן זיי בגניבה זיך אַראָפּגעכאַפּט „אַהיים", אַנידערגעלייגט זיך ביי אַ מצבה פון אַ זיידן אָדער אַן אַנדער נאָענטן פון אַנדערהאַלבן אָדער צוויי דורות צוריק (קיין קברים פון די קעגנווערטיקע נאָענטע זענען נישט געווען) און דאָרט זיך מיט זיי מתייחד געווען, געפּליסטערט אַ פּסוק פון „אל מלא רחמים" און שטיל אומהיימלעך געשוידערט פאַר אַ קויל פון אַ שטאָט-טליק.

עס זענען אונדז פאַרבליבן דריי שטומע „דענקמעלער" פונעם נאָענטן פאַרשניטענעם עבר: דער שטאָטישער ברוק פון שמואל-עליע און לייב-בער; די מצבות אויפן בית-עולם און די שיל.

פון די פאַרביקע, האַלב-רונדע און דרייקאַנטיקע שייבלעך פון די פראָנט-פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט און פינצטער אַרויסגעלויכטן די אויסגעלאָשענע נר-תמיד-פלעמלעך פון דער בראַנדזענער באַניע און פון די שבת- און יום-כיפור-ליכט. זיי האָבן בלינד בלאָנקנדיק אַרומגענישטערט די וויסטע פינצטערניש און אויסגעלאָשענע זיך אַלץ נישט געוואָלט פאַרלעשן אין אונדזערע געביינער.

די ביינער אונטער די מצבות האָבן דאָ נאָך אַלץ געחלומט דעם חזיון פון יחזקאלס „עצמות היבשות", די פינקלדיק־גרויסע אותיות פון פעטן שוואַרצן טוש — די „פה־נטמנס" און „תנצב"הס" פון די מצבות האָבן געשריגן, געדראָט און געוויינט.

אין חודש מאַי 1957 בין איך מיט עטלעכע חברים, פאַרן אַוועק־פאָן קיין ישראל, געפאָרן קיין ביאַלע זיך געזעגענען מיט די טויטע; מיר האָבן מיטגענומען אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט צו מאַכן די לעצטע פאָטאָ־אויפנאַמע פאַר אַ יזכור־ספר.

אַ כאַפּטע שקצים האָט געמיטלעך זיך געשפּילט און דאָ, אויף אונדזער „בית־החיים" געפּאַשעט זייערע שעפּסן און חזירים. לכתחילה האָבן זיי זיך עטוואָס „זשענירט", נאָר באַלד זיך דערמאָנט, אַז די פּוילישע „זשעטשפּאָספּאָליטע" איז זייער אייגנטום און געבליבן אויפן אָרט.

מיר האָבן אַפילו קיין צעבראָכענע מצבות אויך שוין נישט געפונען. דאָ האָבן געאַרבעט רוטינירטע שענדער מיט סאָציאַליס־טישער פּלאַנמעסיקייט. איך געפין דאָ אָבער פאָרט עטלעכע ברוכ־שטיקער פון מצבות, נאָר מחוץ דעם שטח פונעם בית־הקברות, צעוואָרפן אויף אַלע פיר זייטן. די ברוכשטיקער גליווערן גראָ אַרויס פון צווישן פאַרברענט גראָז און בהמישן מיסט.

ווען מיר שטעלן אָן דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט, אַנטלויפט אַ יוגנט־לעכער פּויער אויף זיין פאַרזשאַווערטן, אַלטפרענקישן ראָווער. ער שמייכלט מיט אַ פאַרקרומט מויל אויף לינקס — „טעגאָ מי יעשטשע בראַקאָוואַלאָ, וופּאַשטש איוו קראָניצע" (דאָס פעלט מיר נאָך, אַריינ־צופאַלן אין דער כראָניק).

פון אַ נענטערן פאַרטרוילעכן געשפּרעך מיט די קליינע פּאַס־טעכער, הערן מיר צו אונדזער שטוינונג אָן אויסטערלישע נייעס — אין ביאַלע וווינען צוויי „זשידקעס". היתכן, מיר זאָלן זיי נישט קענען? אָבער אַ פאַקט: קאַזשיק פּאַפּלאַווסקי און יאַצעק פּעטרושעק גייען נישט אין קאָשטשאָל אַריין, און זייערע קינדער פאַרלאָזן די קלאַס אין דער שקאָלע ביי דער לעקציע פון רעליגיע.

פון דער „רעוועלאַציע" ווערט מיר קלאָר פאַרענטפערט דער נקמה־אַקט פונעם געשענדעטן בית־עולם; זאָלן זיי וויסן, די זשידעס פּאָפּלאַווסקי און פּעטרושעק אַז פאַרן פאַרשעמען די קאַטוילישע רעליגיע ווערט נישט געשענקט.

אינעם ערשטן חודש נאָך דער באַפרייונג זענען די געראַטעוועטע יוגנטלעכע געקומען אַ קוק טאָן וואָס עס איז געוואָרן פון זייער שטעטל. די נייע שטאָט־טליקעס האָבן זיך דאָס נישט געקאָנט שענקען, הלמאי, די מאָשקעס און די סאָרעס האָבן זיך „אַרויסגע־מאַכט" פון היטלערס קאַלכאויוונס. אויס ביטערניש, האָבן זיי צע־בראָכן די שענסטע מצבות, פונעם „תפארת מנחם", פונעם זון פון רבין ר' בונם פון פשיסכע, ר' משה. ווען מען האָט אַנטדעקט די קאָנטעררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון ביסקופּ לאָליטאַ, מיט די אַנדערע מיטהעלפער פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם איז געקומען די שענדונג נומער צוויי. בעתן אַרעסט פון די יידישע דאָקטוירים אין מאָסקווע פאַרן פאַרגיפטן דעם צע־קאַ, איז געקומען די שענדונג נומער דריי — און ביים ליקווידירן דעם „קולט־יעדנאָסטקי" (יחיד־קולט) האָבן זיי די נידערטרעכטיקע אַרבעט אויף אונדזער הייליק אָרט פאַרענדיקט.

די שיל האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ גאַראַזש פאַר דער שטאָ־טישער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע.

וואַרשע, לאָדזש, חולון 1949 — 1971.

ארץ אל תכסי דמם

אברהם אַמבוס

(דער שוואַרצער אברהם)

ער איז געווען דער זיידע, פון דער מוטערס צד, פונעם פאַר־פייניקטן קדוש, בינעמל גאָלדבערג. ער האָט קוים געקענט דאַווענען און מיט שוועריקייט געלייענט אַ בלאַט־צייטונג. אין דער פּוילישער

עלעמענטאַר־שול האָט אים זיין פרומער פּאָטער נישט געוואָלט שיקן און אין חדר אַריין האָט ער נישט געוואָלט גיין. דער פּאָטער האָט אים געטריבן פון זיך, און צו מיטאָג און וועטשערע געלאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט אים אויפזוכן.

— יעדן מוז דאָס גוט פּאַשען — האָט דער „קאַלט־הייסער" פּאָטער, שמואל־מאיר, געזאָגט — יעדן מוז דאָס גוט אויספּאַשען, כדי ער זאָל האָבן „וואָס" פיינט צו האָבן.

אברהם האָט „געקרענקט אויף מעכאַניקע". אין ביאַלע איז אין זיינע קינדער־יאָרן געווען איין מעכאַנישע פלאַצוווקע — שולץ־מילנערס וואַסער־מיל. איז ער געקראָכן איבער די הילצערנע שטויס־קלאַפּעס און טרייב־ווינדעס, ציין־רעדער און שיט־בייטלען. אברהם האָט אין זיין אייפער נישט געזען קיין שום זאַך, אויסער די מעכאַ־ניקע און דעם צעדרייטן שכל פון די טויטע שטיקער האָלץ. די מיל־שטיינער האָבן אַ לעק געטאָן דעם שפּיץ פון זיין כאַלאַטל, עס האָט זיי געשמעקט האָבן די זשעדנע ציינער געצויגן ווייטער... ער האָט געהאַט מזל: דאָס כאַלאַטל איז געווען אַלט און האָט זיך גוט־מוטיק געלאָזט רייסן.

איין מאָל האָט זיין טאַטע שמואל־מאיר, קוים מיט צרות אים אויסגעפינען. ער האָט אים זייער שטאַרק באַדאַרפט: — הער, קעל־באַשניק איינער, הער; יעדן גיי איבערשטעלן דעם בעקער־אויוון, בין יעדן געקומען זיך שואל עצה זיין, ביסט דאָך אַ מעכאַניקער. איז זאָג מיר ווי אַזוי צו לייגן דעם „הערט" און ווי אַזוי אויסצו־קיילעכדיקן דעם „הימל". איך בין דיר מבטיח, אַז ווי אזוי דו וועסט מיך הייסן מאַכן, וועל איך מאַכן — פונקט פּאַרקערט.

ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַן אלמן, ער איז אַרומגעלאָפן צווישן זיין גרויסער פאַרצווייגטער משפחה לערנען די קליינע קינדער מאַכן פייער אין די קיכן: „מען הויבט אָן מיט אַ דיגטשיק שפּענדעלע, נאָך דעם לייגט מען צו אַ ביסל אַ וויניקער דינטשיקס. נאָך דעם נאָך וויניקער. אַ שכל פון אַ באַלמעלאָכע, אַז דאָס אַלצדינג צע־ברענט זעך קאָן מען שוין צולייגן גראָבע העלצער, גראָב, ווי יאָסל

„מוקא". „דאָס גרעסטע פייער הויבט זיך אָן מיט די קלענסטע זאַכן"...

ער איז געווען אַ „שניט־סוחר". ער האָט נישט אַריינגעשמעקט אין געוועלב אַריין. די טעכטער האָבן אים געטריבן פון דאָרט, פּונקט ווי פריִער אין די יינגלשע יאָרן, זיין טאַטע. צום אָנבייסן און וועטשערע זענען די מיידן געלאָפן איבער די באַקאַנטע קיבעצאַרניעס פון די „פּאָליטיקערס": בונדיסטן, ציוניסטן און קאָמוניסטן; אים קוים מיט צרות אַרויסגעריסן פון דאָרט. ער האָט אויסטערליש פיינט געהאַט די יונגע „האָלעדראַנצעס" און אויסטערליש ליב געהאַט מיט זיי צו רעדן.

ער איז געווען אַ טאַטע פון בלויז טעכטער. ער האָט געלאַכט פון נדנים: כ'האָב שוין נישט קיין בעסערע געשעפטן נאָר צוצוצאָלן אַ יונג אַ שטינקוס צו מיינס אַ מיידל, זאָל מאָטע בליאַכאָוש זיך צעברעכן נ'קאָפּ — ווען ער וויל צודעקן דעם קאָפּ זיינער אַ „יפהפיה".

שלמה אַמבוס

אַ ברודער פון אברהם אַמבוס, דאָזאָר אין דער יידישער קהילה און לאַוואַניק אין דער שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג (מאַגיסטראַט).

שלמה און אברהם זענען געווען קינדער פונעם חסיד און בעל־פרנסה, שמואל מאיר בעקער — צוויי פון אַ הויזגעזינד פון ניין קינדער. דער פאָטער איז געווען אי אַ יושב־אוהל, אי אַ נאָשער פון השכלה, אי אַן אייפעריקער חסיד פון טאָלסטאָי. ער איז געווען פאַן־בראַט מיט די שטאָטישע לערער, געפירט קאָרן־מסחרים מיט די פריצים אין דער אומגעגנט. צו דעם צו האָט ער געהאָרעוועט ביי נאַכט אין זיין בעקעריי.

ער האָט „געדיפעט" אויף אַ תשוקה פון זיינע זין צום לערנען, ווייל דאָס דאַרף זיי קומען פון אים בירושה. עס האָט זיך געמאַכט גאָר אַנדערש. קיין איינער פון די פינף זין זיינע האָבן קיין חשק נישט געהאַט צום בית־מדרש. קודם־כל זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן

געווען אַרבעטאָרער אין דער היים. חוץ לזה איז שמואל מאיר געווען אַזאַ טרוד מיט דער באַלעבאַטישקייט און מיט זיך אַז ער האָט קיין צייט און קיין געדולד נישט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט דער דערציִונג פון די קינדער.

ער האָט זיי שיין אויסגעגעבן, די זין און די טעכטער, און פאַר־העלטניסמעסיק געהאַט נחת פון זיי.

שלמה איז געווען איינער פון די ביין קינדער וואָס האָט ייִנגלווייז נישט געהאַט קיין חשק צום לערנען. ער איז געווען אַ ווילד באַשע־פעניש. צו דעם צו איז ער געווען „געבענטשט" מיט אַ שחין. דער פאָטער האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט אין געוועלב אַריין, כדי ער זאָל אים נישט פאַרטרייבן די קונים.

מיט אַ מאָל איז ווי דורך אַ נס, אָדער אַ סגולה פון גערער רבין דער פאַרך פאַרשווינדן. צו דעם צו האָט זיך אין אים דערוועקט דער דורשט נאָך וועלטלעכע בילדונג: ער איז געוואָרן אַן אויטאָ־דידאַקט; געלערנט עספעראַנטאָ; געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָקטאָר זאַמענהאָף בכבודו ובעצמו; געלערנט פּויליש פון די העפטן פון שבח וואַלקאָווסקי און ניימאַנאָוויטש און איז זייער ייִנג געוואָרן אַן עוסק בצרכי ציבור, אַ שרייבער פון פּראָשעניעס און אַ פאַרטרוי־לעכער מענטש פון די שטאָטישע געדריקטע לייט.

ער האָט בחורווייז זיך געגרייט מיט נאָך עטלעכע חברים צו פאָרן קיין אַמעריקע. אין דער לעצטער רגע האָט ער חרטה געהאַט. די חברים זענען אַוועק, ס'איז געווען האַרבסט־צייט. ער איז צוריק־געקומען אַהיים און זיך געלייגט שלאָפן אויפן וואַרעמען פּיעקעליק.

דאָס איז געווען פון זיין זייט אַ שוידערלעכער פעלער. ער וואָלט אין אַמעריקע געווען אויפגעשטעלט אַ דור פון לעבעדיקע קינדער, ממשיכים פון יידישקייט פון שמואל מאירס גזע. די דייטשע מערדער מיט דער מיטהילף פון די פּאָליאַקן האָבן אומגעבראַכט אים און זיין גאַנצע משפחה — אַ זון, אַ טאָכטער און שנור און אייניקלעך.

יצחק מענטשינג
(יצחק יחיאל׳ס)

ער איז געווען איינער פון דעם קליינעם שבט „בענדעט״, אַן אַלטע — אויב נישט די עלטסטע ביאַלער יידישע משפחה.

דער פאָטער זייערער בענדעט, אָדער יעקב בענדעטס, האָבן מיר נישט געקאָנט קענען. נאָר אַלטע יידן האָבן פון אים זיך אָנדערציילט „ניסים מיט טשיפּקעס״.

אַן אַלטער גערער חסיד, געפאָרן צום „חידושי־הרי״ם״ און געווען אַ בעל־עגלה. די פערד האָבן ביי אים געהאַט אַ ליכטיק לעבן, ער איז געפאָרן אַן אַ בייטש, אונטערגעמוטיקט זיי מיט אַ „תנו־רבנן״: „כל כתבי קודש מצילין אותן מפני הדליקה״ (שבת ק. ט״ו). ער האָט געלערנט אויף אויסנווייניק, זיצנדיק ווינטער איינגעבאַבליעט אין דער באָנדע.

— „וויע, ליאַליושעס!״ — וואָס עפּעס „וויע״ און נישט דעם פוילישן „וויאָ״ — האָט ער מסביר געווען זיינע לומדישע פאַרשוינען: „וויע״, פאַרשטייט איר מיך, זענען ר״ת פון וצדיק יסוד עולם.

אַ „יאַזדע״ קיין וואַרשע האָט געקאָסט ביי אים צוויי טוץ גראָשן, אַ זעקל זאַלץ „פורמאַנקע״ — פונפצן גראָשן. דער אַלטער אייזיק בעקער האָט מיט אים געמאַכט אַ געשעפט... איך צאָל דיר פונפצן גראָשן און לאַדעווע מיך אַרויף אויפן וואָגן, איך בין נישט ערגער פון אַ זעקל זאַלץ און די וואָג מיינע איז וויניקער פון אַ זעקל זאַלץ, אַ חוץ שבת נאָכן טשאָלנט...

בענדעט איז מסכים אויפן „מסחר״, ער פאַרפאָרט פאַר אייזיקס פיעקאַרניע, לאַדעוועט אויף דאָס „לעבעדיקע זעקל זאַלץ״ און אויף דעם „זעקל״ — אַ זעקל זאַלץ ממש און אויפן זעקל זאַלץ — אַ זעקל מעל. אייזיק שפרינגט אַראָפּ פון וואָגן קוים אַ לעבעדיקער...

יצחק יחיאל׳ס איז שוין געווען, דוכט זיך, זיינס אַן אייניקל, אָדער אַן אור־אייניקל, ווייל „יחיאל״ איז שטענדיק אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין איין אָטעם מיט „כיל־יעקב־בענדעטס״.

די פויערים האָבן זיי גערופן „בענדיקי" אָדער „בענדיקאָוויע".

יצחק יחיאלס האָט געווינט אין אַ כמעט הערמעטיש־פאַרשלאָסן הויז. אַ חוץ צוויי דריי יידן פון שטעטלשן „פּאַר", איז קיינער צו אים נישט אַריינגעקומען. אַן אַרעמאַן מיט פאַנטאַזיע פון אַ שניט־סוחר: דריי פּאַליצעס מיט ח"י ק"ק ס'פּאַלאָוויני קופּאַנעלעך דרעליך, מיט שעוויאָט, געפּאַרן קיין לאָדזש, קיין וואַרשע, געקויפט סחורה, געשריבן וועקסלען — און מיר איז ביז היינט נישט פאַרשטענדלעך ווי אַזוי דער פּרעטענציעזער, יחוסדיקער ייִד האָט געלעבט, געצאָלט חובות, פּאַדאַטקעס, אויסגעהאָדעוועט אַ שטוב מיט הערלעכע קינדער — און געהאַלטן אַן איידעם אויף אייביקע קעסט.

ער האָט אַחוץ מיט צוויי דריי לומדים מיט קיינעם זיך נישט געחברט. נאָר מיר איז פאַרבליבן אין זכרון אַ געשעעניש פון דער פריִער קינדהייט, אין וועלכער ס'איז שווער צו פאַרגעסן.

די דעמאָלטדיקע גדולי־התורה פון פּוילן און דייטשלאַנד: דער „חפץ־חיים", הרב הילדעסהיימער און הרב ר' שמשון רפאל הירש האָבן צעשיקט „קול־קורא'ס איבער די תפוצת־ישראל צו גרינדן אַן אגודת ישראל, מעורר צו זיין די גאָטספאָרכטיקע אויף דער סכנה וואָס דראָט אונדז מצד דעם סאָציאַליזם און ציוניזם.

דאָס גערער שטיבל האָט אָרגאַניזירט אַן אסיפה, דאָס איז געווען אין אַ האַרבסטיקן שבת צו נאַכטס, שפּעט, זייער שפּעט, שוין נאָך חצות. דאָס שטיבל איז געווען פול, „קאָפּ אויף קאָפּ", ביידע שטובן פון שטיבל.

דער איינציקער רעדנער איז געווען יצחק יחיאל'ס.

איך האָב קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם וואָס ער האָט דעמאָלט געזאָגט. מיר איז נאָר געבליבן ביז היינט אין די ביינער די אָנגעגליטקייט, אויפריכטיקייט, באַהאַרצטקייט פון זיינע ווערטער. ער האָט גערעדט זייער שטיל.

די אסיפה, ווי שוין געזאָגט, איז געווען שבת צו נאַכטס שפּעט, זייער שפּעט, ווען פראָסטע יידן און „געכאַפּטע אויף דער מעשה" דרייען זיך איבער אין די בעטן אויף דער „פערטער זייט"...

זיין יונגערער ברודער, לוי, איז געווען אַ שפּיליטער (געברענגט סחורות פון וואַרשע פאַר אַלע סוחרים אין שטעטל). ער איז געווען אַ חסיד בלויז פון זכות־אָבות.

איין מאָל איז ער אַהיימגעקומען פון וואַרשע און דערציילט בהלצה דעם ברודער יצחק, אַז ס׳איז אים געשען אַ מאַלער: ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דעם יידישן האַרבעריק אין נאַדאָזשין, הינטער וואַרשע, געוואַשן זיך צום עסן און ביים מאַכן אַ „המוציא" איז אַ מייזל אַרויסגעשפּרונגען פונעם שפּיץ פונעם שטרוצל. יצחק האָט אים געזאָגט האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט אַז די גאַנצע מעשה איז „לא היה ולא נברא" — ס׳אַ משל בלויז: דאָס ברויט, דאָס איז די יידישע פּרנסה, די „ברכת המוציא" דאָס איז דער שבח והודיה דעם בורא פאַר זיין צוטיילן שפּייז יעדן יי:ד און דאָס מייזל — דער אַנטיסעמיטישער שטייער־אַמט, מיט זיינע פינסטערע סעקוועס־טראַטאָרן.

לוי האָט באַלד נאָך זיין חתונה געהאַט אַ נישט אָנגענעמען פּאָרפאַל. אין זיין יי:נגלערישער תמימות האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר איינעם פון זיינע „פּרייגעזאָגענע" גוטע־פריינד, אַז ער האָט ביינאַכט שוועריקייטן מיטן וויב... דאָס נייעס האָט זיך צעטראָגן צווישן די ביאַלער יי:נגע לצים, איינער האָט אים עפּעס פאַרשריבן אַ רעצעפּט אין דער אַפּטייק. ביי נאַכט האָט „חברה" זיך פאַרקליבן הינטער זיין פענצטער, געלאַכט און הויך און גראָב זיך געוויצלט. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן איין מאָל געהערט פון זיין אַלקער אַרויס די געשרייען פון דער יונגער פרוי אויף דער בראָד־שטול און אַ הייס שפּיציק געשריי פון אַ געבוירן קינד, די „וויזיטן" הינטערן פענצטער האָבן אויפגעהערט.

דער דריטער ברודער, אברהם יעקב בענדעטס, האָט געהאַנדלט מיט קאַלך. אין שטיבל האָט ער געלערנט ביים לאַנגן טיש און כסדר געפירט מחלוקת — אַ לערן און אַ מחלוקה.

אַ שמץ פון יענער „שקלא וטריא" איז מיר פאַרבליבן אין זכרון: ער האָט אויפגעמישט די גמרא „בבא קמא": אמר רב נחמן, עבדא נהום כרסיה לא שוי, למרא ולמרתה מה מתבעי" (אַ קנעכט וואָס איז

נישט ווערט דאָס ברויט פון זיין בויך, וואָסערע פּרעטענזיעס האָט ער צו זיין האַר און האַרינטע?). אברהם האָט געזאָגט אַז דער קנעכט איז אוודאי געווען אַ ייד... פאַר וואָס? ווייל בלויז אַ ייד קאָן זיין אַזאַ פּוילישאַק אַז זיין אַרבעט זאָל נישט ווערט זיין דאָס ברויט וואָס ער פרעסט. אַ גוי אַרבעט נישט אַזוי, אַ סימן, אַז ער איז געווען אַ ייד, איז זיין נאָמען נהום, וואָס דאָס מיינט אַוודאי נחום. די יונגעלייט האָבן געטענהט אַז נהום איז אויף גמרא־לשון — ברויט, ווי נהמא דכסיפין, בעטל ברויט. אברהם האָט זיי גערופן שניעקעס, און זיי אים — שייגעץ, גראָבער פּליגל און עם־הארץ.

עפּעס אַ פאַרשיכורנדיקער כישוף האָט אַרויסגעוויעט פון די דאָזיקע טראַציקע חסידישע רייסעניש. דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן פרייער און ווירדיקער קשה־עורפּדיקייט, וועגן בטחון אַז מיר האָבן נישט קיין שום דאגות פאַר אונדזער גורל... פון די דאָזיקע גראָ־בערדיקע חסידישע זיידעס, טאַטעס און גאווהדיקע אָרעמעלייט האָט געוויעט מיט קינדערשער תמימות און יינגלערישער שקאָציישער קאָפּויערדיקייט.

די דייטשע מערדער האָבן די דאָזיקע יידישע לעבעדיקע און קוואַליקע ווירדע פאַרוואַנדלט אין אַש.

עליע פיינדראָק
(אברהם מענטשינגס זון)

דער נאָמען האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט נאָך איידער ער האָט געהאַט בדעה געבוירן צו ווערן. אַ צוגעבאַקענע ירושה פון טאַטנס־טאַטנס־טאַטן. ביי אונדז אין ביאַלע האָט דער צונאָמען זיך אַסאָציִירט מיט פּקחות און איבערגעשפּיצטקייט.

עליע איז געקומען אויף דער וועלט אין אַ זיידן הייבל: אַ טויטער, האָט אים שיינדקע די הייבאַם דערלאַנגט אַ פּליאַסק — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי און מיט אַ צוגעפּלאַטשט נעזל, די ברייט פון מויל.

אַ קאָפּ האָט ער געהאַט פון אַן עילוי, ווי זיין טאַטע, אברהם יעקב בענדעטס. לאַנג זיך „כאָוועץ" אין גמרא־חדר, האָט ער נישט געקאָנט. דעם „שיעור" האָט ער דורכגעפּליעסקעט ווי אַ וואַסער — און פאַרטשמיעלעט דעם רבין און די תלמידים מיט זיין צעדרייטער, קרום־פּשטלדיקער קאַפּויערדיקייט.

דער רבי, ווי אַלע רבים אין יידישע שטעטלעך, איז געווען אַ בייזער ייד און האָט פיינט געהאַט די קינדער — און אפשר נישט אַזוי זיי, ווי די ביטערע אָרעמקייט וואָס זיי האָבן אים אַריינגעבראַכט אין הויז אַריין מיטן דאַרן מלומד־געלט.

די עלטערע בחורים האָבן שבת אין דער פרי, אויפן שול הויף, געקניפּט אונדז, קליינוואַרג, אין די בעקלעך און שמייכלענדיק דער־ציילט, אַז אונדזער רבי, בעת זיי זענען געווען זיינע תלמידים, האָט אַראָפּגעצויגן פון זיי די הויזן, אַרויסגעשאָטן קערנער אויפן הינטער־חלקל, צו וועלכן ער האָט צוגעשטעלט זיין האָן... דער האָן האָט געקרייעט און געפּיקט — געפּיקט און געקרייעט... מיר האָבן דאָס זיי ערלעך געגלייבט. ס'האָט זיך געלאָזט גלייבן. דער רבי האָט גע־קרייעט פון געלעכטער און דער האָן — געפּיקט...

איינגעטונקט ראשו ורובו אין גערער יחוס, איז דאָס שטיבל געווען עליעלעס אייגענע „פּאָסעסיע"; נישט ווי איך, אַן אייניקל פון אַ שוסטער און אַ זונדל פון אַ מאַרנעם בלענדיווער חסיד. די גערער ייִנגלעך זענען געווען מיט מיר „נאַ־באַקער", אַזוי ווי זייערע טאַטעס צו מיינעם.

עליעלע פיינדראַק האָט זייער פרי „געקושט די מזוזה" און אַוועק פון דער פינצטערער בורזשואַזיע צום פּראָגרעס... אָן דעם בהדרגה־דיקן איבערגאַנג צום ציוניזם, בירגערלעכן און פּראָלעטאַרישן, נאָר גלייך צום עכטן, אומפשרהדיקן רויטן לאַגער... ער וואָלט גריילעך יאָ געוואָרן אַ ציוניסט, נאָר די מיידלעך, די טעכטער פון גערער חסידים, האָבן צוליב זיין צוגעפּלאַטשטער נאָז און קליינוווקסיקייט נישט געוואָלט מיט אים שפּאַצירן.

אין ציוניסטישן פֿאַראיין איז ער געקומען אויף דיסקוסיע־אָוונטן, ער האָט פֿון זיי געמאַכט אויסצודרייען...

אַ מאַדים אויף צו מאַכן פֿראַך און פֿאַרעך פֿון אַלץ וואָס שמעקט מיט רעכטן אָפּנויג און מיט אַלט־יידישן שימל, האָט ער געשיט מיט אַרגומענטן און ציטאַטן פֿון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסיקער. פֿיינט האָבן האָט מען אים געקענט, נאָר באַזיגן אין אַ דיסקוסיע — אַ נעכטיקער טאָג...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די סאַמע אָרעמע מיידלעך האָבן זיך אויך פֿון אים אָפּגעקערט.

ס׳פֿלעגט טרעפֿן און פֿיינדראָק האָט זיך אומבאַמערקט אַריינגעפֿליאָנטשעט אין אונדזערס אַ פֿאַרהאַוועטן שמועס וועגן ייִדישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע ענינים. ער איז אויף אונדז אַרויפֿגעריטן מיט זיינע אַרגומענטן „געשאָסן" מיט לענינען, נאָסקע, פּלעכאַנאָוון, טאָמאַס מאָרן — און מיט העסלעכע, ברודיקע רייד; און אַז מיר האָבן זיך צעפּלאָשעטע פֿונאַנדערגעשאָטן, האָט ער מיר איינגערוימט אַ פֿערז פֿון משה לייב האַלפּערנס ליד „אַ תּפילה פֿון אַ לומפּ".

העלף מיר גאָט,
אַז עקלען זאָל פֿון מיינע רייד,
ווי פֿון אַ טויטער קאַץ אין מיסט...

אַ ברייט פֿעלד פֿון „פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט" האָט ער געזוכט מחוץ דער יידישער גאַס. די יידישע גאַס איז פֿאַר אים געווען צו ענג און באַשרענקט. ער האָט געזוכט קאָנטאַקטן צווישן דער פּוילישער יוגנט. געפּאַקט ביים אופּוסט צוויי פֿאַרביקלעך פֿון סאָלאָוועקיס פּריצישן גוט, האָט ער אַפּעלירט צו זייער „קלאַסן־באַוווסטזיין"... זיי האָבן אים אויסגעהערט — און אויף אים אָנגערייצט זייערע פֿיר הינט. ער איז אַרויס פֿון דער דיסקוסיע מיט צעריסענע הויזן— און אַ צעביסענעם ת... זיין אַנטלויפֿן האָבן די הינט פֿאַרשלעפּט אין די כראַפּעס פֿון דער פּריצישער ציגעלניע.

צו זיבעצן־אַכצן יאָר האָט ער איבערגענומען דעם פֿאָטערס קאַלך־און קוילן־סקלאַד, געוויגן זעק מיט „פּאַליווע" און אַגיטירט

די דאָרפּישע קונים פאַר דער „עַן־פּע־כאַ" (אומאָפּהענגיקע פּויערים־פּאַרטיי), זיך אפילו דערשלאָגן צו פּידערקעוויטשן. דערנאָך אַוועקגע־פאָרן מיט אַ טייסטער לייזעכץ פון סקלאַד קיין וואַרשע. אין אַ וואַסערע אַנדערהאַלבן חדשים פאַרשוואונדט צוויי וואַגאָנען קוילן און דריי וואַגאָנען קאַלך אין די וואַרשעווער באַרדעלן. ער איז אַהיימ־געקומען אַ פּאַרטיקער לומפּן־פּראָלעטאַריער און מיט אַ קראַנק בייטשל...

פון גריזאָטע איז דער פאָטער אַוועקגעשטאָרבן. עליעלע פיינדראָק האָט עוקר געווען קיין גזשימקעוויץ, צו אַ פּוילישן חבר, און אַזוי אַרום פּטור געוואָרן פון דער לאַסט פון זאָגן קדיש אויפן פאָטערס קבר.

אינעם היטלעריזם האָט ער געזען אַן אָנהייב פון דער קומענדי־קער דייטשישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע — זיי הויבן אָן מיט דער יידישער בורזשואַזיע און וועלן ענדיקן מיטן דייטשן פינאַנס־קאַפּיטאַל און לסוף זיך פאַרברידערן מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

ער האָט די שטוב מיט דער באַלעבאַטישקייט פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און אַליין זיך דעלעגירט קיין לאָדזש, אין פּראַים לאָזערס גאָרטן, אַלס אידעאָלאָגישער אָראַטאָר און אַגיטאַטאָר פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע.

אויפן צווייטן טאָג פון היטלערישן אַריינמאַרש קיין לאָדזש, האָבן די עלעגאַנט צעשמייכלטע פאָלקס־דייטשלעך געכאַפּט אויף דער אַלט־שטאָט ייִנגע יידן אויף צו העלפן זיי אויסליידיקן די אַרומיקע יידישע קאַלאָניאַל־געשעפטן. עליע פיינדראָק האָט פון אַ שפּאַרונג פון אַ טויער זיך געריבן די הענט: די ערשטע גרוסן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; מען עקספּראָפּרירט שוין דעם יידישן פינאַנס־קאַפּיטאַל.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין אַ באַלוטער הינטער־געסל. ער האָט מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אים געכאַפּט אויף אַרבעט אין אַ וואַטע־פאַבריק. זיי זענען זיך מיט אים באַגאַנגען אײדל, געזען אין אים דעם אָרעמען אויסגעפּיי־

ניקטן ייד, געגעבן אים עסן און צוויי מאַרק אַרבעטס־געלט, דאַקעגן די עלעגאַנטע יידלעך האָבן געכאַפּט אַ „טויטע עליה."

געקומען איז ער פון אַ רוסישער „פּרינודילוווקע" אין סוף פון די פינפציקער יאָרן, די זאַרגעוודיקע עז. קאַ. ווע. דע. האָט טראַנס־פּאָרטירט קיין פּוילן אַ רייכן „אוניווערמאַג" מיט חולאתן. אין לאָדזש האָט ער נאָך באַוויזן חתונה צו האָבן.

הינטער דער חופּה איז געשטאַנען אַן אויסגעפּייניקט טרוקן גופל און בלויז די קלעפּיק־הויכע טשופּרינע האָט שאָטנדיק באַשיינט דאָס צעקנייטשטע גראָע אויסגעלאָשענע פּנימל.

עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט ער אויפן טויטן־בעט קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אים באַגראָבן נאַקעט אויפן קאָמונאַלן צווינטער. ווי אויף להכעיס, האָבן יידן אים קובר געווען על־פּי־דין, אויפן יידישן בית־עולם, מיט אַ טלית און אַ קדיש. ער האָט אַוודאי די פאַרלעצונג פון זיין „קלאַסן געוויסן" טיף איבערגעקרענקט אין קבר.

יחיאל מאיר לוקסנבערג

יחיאל מאיר איז געווען יצחק יחיאלס איידעם, ער האָט געשטאַמט פון אַמשינאָוו. ער איז געזעסן ביים שווער אויף אייביקע קעסט, דאָס פענצטער פון זיין שטוב איז אַרויס אויפן שיל־געסל.

זיין פּנים, איינגערעמט אינעם שיטער־שוואַרצן בערדל, האָט אַרויסגעלויכטן מיט א זעלטענער בלענדנדיקער ווייסקייט. ס'איז געווען אַ ווייסקייט פון אַ ברילע אָנגעגליטן ניקל. פון זיין שטוב אין שטיבל אַריין איז געווען אַ וואָסערע פערציק — פופציק איילן.

מסתמא איז ער געווען אַ למדן, אַז יצחק־יחיאלס האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם. ער וואָלט גריילעך איינגעגאַנגען ווען ער איז אַפילו נישט קיין למדן, ווייל די שיינע, „פרומע" טאָכטער האָט

נאָכן ערשטן „באַשוי" געזאָגט דעם טאַטן אַז אַן אים זעט זי מער נישט קיין לעבן פאַר זיך.

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען אַז זיין פּנים זאָל זיך האָבן ווען עס איז געענדערט. יידן האָבן געזאָגט אַז ביאַלע דאַרף נישט קיין „לעקטרע", ווען יחיאל מאיר גייט דורך די גאַס.

ער איז געזעסן און געלערנט, און יעדער שטיבל בחור און יעדער יונגערמאַן איז ביי אים געווען אַ פּושע־ישראל. די יונגע־לייט וואָס ער איז מיט זיי געווען גאָר נאָנט און געלערנט צוזאַמען מיט זיי שיעור, זענען ביי אים געווען עוכרי־ישראל. די ברייטע זיידענע גאַרטל אויף דער אַטלעסענער יופּעצע, האָט זיך ביי אים אַראָפּגעגליטשט אַזש ביז די פיס. מיט אַלע איז ער געווען אויף „דו", אַפילו מיט די סאַמע גרייז־גראָע יידן. ער איז אויך געווען גבאי אין שטיבל.

אַז אַ יונגערמאַן איז אין אַ מוצאי־שמחת־תורה געוואָרן „בגילופין", האָט ער זיך „ראָזשניעליעט" און געשריגן אויף אים: יחיאל מאיר לאָקשנברעט (אַ פּאָנעטישע קרובהשאַפט צו „לוקסנ־בערג").

ווען דער מוהל האָט זיין קליינעם זון מל־געווען און יענער האָט מיט געוויין זיך געריסן פון קישן אַרויס, האָט יחיאל־מאיר גערעדט צום קינד:

— מאַך נישט קיין יעלות, פּושע־ישראל.

אַז יעקב דודל'ס האָט אים אויפגערופן צו משה־רבינוס אַ הקפה, האָט ער גענומען צאַרט די ספר תורה אין האַנט אַריין און יעקבן צוגעוואָרפן הינטער דער נאָז: פּושע־ישראל.

אַז ישוכער קאָסטאַק האָט אָפּגעקויפט פאַר צוויי גילדן „חתן בראשית" האָט ער צו אים געשריגן: פּושע־עוכר־ישראל.

אַז מיין גראָער זיידע, שמואל מאיר, האָט אויף אַ ברית ביי אַן אייניקל אים מכבד געווען מיט סנדקאות, האָט דער יונגער יחיאל מאיר גענומען מיט יראת הכבוד דעם „רך הנולד" און אַריינגעזאָגט דעם זיידן אין דער באָרד אַריין: „הויכער (עוכר) ישראל".

ער איז אַ מאָל אין אַ זונטיק דורכגעגאַנגען דעם מאַרק, האָט אים פֿאַרקרייצט דעם וועג די שיינע יונגע טאָכטער פונעם אַלשאַקער פוילישן מילנער. דאָס שיקסל האָט אַ רגע אים אָנגע־קוקט, זיך איבערגעצלמט, און אין עקסטאַז אַ פליסטער געטאָן — „פּאַניע יעזושיע".

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין ביאַלע האָט דאָס יונגע, דרייצנ־יאָריקע באַוואָפנטע מיט אַ רעוואָלווער, פּאָלקס־דויטשל, ראַמליאָף, אים מיט זיין יונגן שוואָגער, לייבל, געפירט „צו דער אַרבייט". דורך דער ווייסקייט פון יחיאל מאיר׳ס פנים האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ טונקעלע געלקייט און האָט דערמאָנט די יריעה פון דער צעריסענער ספר תורה אין שיל מיט אַ טאָג פריִער.

דאָס דרייצניאָריקע דייטשל איז געגאַנגען פאָרויס און זיי זענען אים שטום נאָכגעגאַנגען, איך האָב זיי פון אַ באַהאַלטענעם ווינקל נאָכגעקוקט, מיר איז אויפגעשווומען אין זכרון דער פסוק אין ישעיהו: „וגר זאב עם כבש ונמר עם־גדי ירבץ ונער קטון נהג בם"... אָט אַ מערדערלעכע פּאַראַפראַזע פון אַן אַלט־תנ"כישן חזיון, אַן עקלדיק־פינצטערער עברי־דייטש פון אַ הייליקער אַלט־יידישער נבואה...

נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה, בין איך אין מוצאי־שמיני־עצרת אויף דער נאַכט געווען אין ירושלים. כ׳האָב זיך געפּלאָנטערט אַ באַנומענער צווישן די טאַנצנדיקע חסידים ביי דער כותל־מערבי, עפּעס אַן עלנבויגן האָט מיך אַ שליידער געטאָן אויף דער וואַנט אַרויף:

— שלום עליכם חיל מאיר!

עד היום ווייס איך נישט ווער דאָס האָט אויסגעשריגן, צי בין איך דאָס געווען, צי עפּעס אַ היימיש ווייט־נאָענט קול האָט זיך באַנוצט מיט מיין מויל און מיט מיין טרוקן־דורכגעברענטע קעל.

דער דרייסיק יאָריקער יונגערמאַן, מיט אַ קלאָר ווייסן קאָלנער פון העמד איבערגעוואָרפן איבערן ברוינעם זיידענעם שלאָפראָק, מיט אַ זיידענער גאַרטל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו די פיס, מיט

אַ שאַטין געקרויזלט מיידעלע אויף דער האַנט האָט מילד און ווייך — חידושדיק מיך אָנגעקוקט:

— איך הייס נישט חיאל מאיר, ר׳ ייד, אַ טעות מסתמא; בענדעט, הייס איך, בענדעט קאַצענעלנבאָגן...

שרה ביילע

געווען איז זי די עלטסטע טאָכטער פון אַרבעטס־ליבנדיקן בעל־עגלה און גראָדזשיסקער חסיד, איטשע־מאיר.

מיט איר האָרעוואַניע און כסדרדיקן אומרו איז זי געווען אין גאַנצן געראָטן אין איר טאַטן, מיט איר פלייסיקייט און העפטיקער אומפאַרטרויליכקייט צו מענטשן האָט זי זיך געקאָנט צעטיילן מיט פינף מאַנסלייט און ס׳זאָל איר נאָך בלייבן אַ רעשט.

איר מאַן, דער האַלב־בלינדער, אברהם יצחק, האָט צו קיין אַרבעט נישט געטויגט, סיידן — זינגען פון דער געלער גמרא אַרויס מיט אַ „סיני־ניגון״. ער האָט געזונגען זוברעוודיק ווי אַן עכטער למדן, ווייל לערנען בין איך שטאַרק מסופק צי ער האָט געוווסט וואָס ער לערנט. שרה ביילע האָט אים נישט פאַרהערט... קיין פשטל אויף זיין חתונה־מאָלצייט האָט ער נישט געזאָגט. ס׳איז געווען ביי זיי אַ „הוטשנע חתונה״. די ווייבער האָבן געפּילדערט, האָט ער נישט געקאָנט צוזאַמענבנעמען די מחשבות... מיט זיין אייביק פאַרקאָלעכטן כאַלאַטל און גראָלעכע באָרד האָט ער געקאָנט אָנגיין פאַר אַ בן־תורה.

איין אַרבעט האָט ער יאָ אויסגעפירט בשלמות: טראָגן וואַסער. פון דער פלומפּ נעבן ראָטהויז ביז צו זיין דירה איז געווען אַ וואַסערע זיבעציק אַכציק איילן, דאָס „טועכץ״ האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן צוועלף ביי נאַכט.

צו וואָס האָט ער באַדאַרפט אַזוי פיל וואַסער? קיין מילך האָט

שרהביילע נישט פֿאַרקויפֿט... זי האָט געהאַט אַ געוועלב פֿון קאָלאָניאַל־סחורה.

ער האָט „געוועלקעט" וואַסער אין אַלע וועטערן, סיי ווינטער אויף דער גרעסטער פֿראָסט און סיי זומער, אַחוץ, נאַטירלעך, אין שבתים און יום־טובֿים.

אין ראַטהויז אין זיין בוידעם־שטיבל האָט געוווינט דער אַלטער פֿאַראַלמנטער למדן, דודל די רביצנס, ער האָט נישט געהאַט קיין זייגער. ווען ער האָט געהערט פֿון דרויסן ביי נאַכט דאָס קלינגען פֿון קיבלעס און די דראָבנע שלעפֿעריק צעשאָטענע נפֿיחות פֿון אברהם יצחקן, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן אָפּריכטן „חצות".

אַ חוץ דאָס געוועלב, איז שרה ביילע געווען אַ שותּפֿטע צו איר פֿאָטערס פֿערד־און־וואָגן. זי האָט אויך געפֿירט קעז און פּוטער קיין וואַרשע און געבערענגט פֿעסער הערינג פֿאַר די שטעטלשע געוועלבער.

זי איז אַרויף אויפֿן וואָגן אַ רגע נאָך זיין רירן פֿון אָרט. אויבן איז געווען „פּראָפּנפּול": שוסטער און שניידער און סוחרים פֿון שוסטער־צודאַטן און יינגלעך, וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל געפֿאָרן זוכן פּאָסטנס, און מיידלעך מיט „אָפּערטעס" צו באַקאַנטע רייפּערקעס — און זעק און טלומיקעס. שרה ביילע האָט געטאָן אַ שפּרונג אַרויף, זיך צעניפּגעקאָרטשעט „באַקוועם" און שוין געהאַט אָפּגעזאָגט אַ האַלבן „תּפֿילת־הדרך" פֿון אויסנווייניק.

דער אָנטרייבער פֿון די פֿערד איז געווען איר עלטסטער זון, דער שטילער צניעותדיקער יעקל דוד.

זי האָט זיך קיין מאָל נישט באַנוצט נישט מיט קיין קייעט און נישט מיט קיין שרייבפּענדל. די בוכהאַלטעריע איז ביי איר געווען פֿאַרפֿעקלט ערגעץ אינעם וואַרעמען שופֿלעדל אונטער דער שוואַרצער פֿאַרשלומפּערטער קופּקע.

איר טבֿע איז געווען זיך צו קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין די שלייפֿן אַריין ביי יעדער מינדסטער אויסדוכטעניש פֿון אַן עוולה, אָדער פֿון סתּם אַן אומאַנגענעמלעכקייט. למשל: אַז דער וואַרשעווער

אָפּנעמער פון אירע קעזן און פוטערס האָט געפּרוווט איר „איינמאַכן" אויף דער ענגלישער וואָג, אָדער דער הערינג־הורטאָווניק, אָדער „אַ פּאַרשוין" פון דער „פּורמאַנקע". זיי זענען ביי איר געקרוינט געוואָרן מיט די ערגסטע צונעמענישן: ראָובער, הויטשינדער, גאַז־לעוואַיע. עס האָט אויסגעזען ווי די פּויסטן וואָלטן, מיטן קלאַפּן אין די שלייפן געהאָלפן צערייבן די זידלערייען אין מויל אויף דראָבנע, גראָע „ראַזוווקע".

אַ פּילדעריק, אַן איינרייסערין — און איינע פון די איידלסטע געשטאַלטן פון אַ יידישער פרוי, אַ קאָכעדיקע מאַמע, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם שטילן אומבאַהאָלפענעם מאַן, אַ צדקה־געבערין „בסתר", געשיקט פאַר יעדן יום טוב און „יומא־דפגרא" פדיונות איר טאַטנס רבין אין גראָדזשיסק.

איר איז פרעמד געווען די נאָכן־קוגלדיקע ווייבערישע מוטלעריי און רכילות. זי האָט צו דעם נישט געהאַט קיין געדולד און נישט קיין צייט און נישט קיין כוח.

ווי שטורמיש זי איז געווען אין די וואָכן־טעג, אַזוי שטיל איז זי געווען אין די שבתים און ביי די יום־טוב תפילות אין דער ווייבערשיל און באַזונדערס אין יום־כיפור.

ביי „כל־נדרי", אָדער צו „ונתנה־תוקף", האָט זי זיך ראַפּטעם געגעבן אַן עקבער אַריין אינעם ווייבערשן הויך־וויינענדיקן קלומפּ, ווי זי האָט דאָס געמאַכט אין די אינדערוואָכנס אויף איר איבער־פולטן וואָגן.

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, מיט די צוויי פויסטן אויף די שלייפן, האָט זי שטיל אַריינגעוויינט אין זיך די אַלע תחינות וואָס זי האָט געקאָנט אויסנווייניק ווי אַ וואַסער; אַרויסגעזען האָט זיך בלויז די ציטערדיקע שוואַרץ־אַטלאַסענע קופּקע באַפּוצט מיט מאַטע, זיידענע אַזשורן און מיט דראָבנע זוניק־צעפּינקלטע קרעלעכלעך.

די שכנותדיקע ווייבער האָבן יעדע עטלעכע רגעס געכאַפּט אַ בליק אויף דער צונויפגעקנאָדערטער פרוי, צי זי איז נישט גע־שטאָרבן.

איך בין געווען אויף דער לוויה פון מיין חבר, פנחס־שרה־ביילעס, פונפצן יאָריקער זון, די מענער מלווים האָבן הויך געזאָגט „ויהי־נועם״, די משפחה־ווייבער האָבן געשלוכצט, זיך געריסן מיט די נעגל די פּנימער ביז בלוט, שרה ביילע איז געגאַנגען אַן אָנגע־לענטע אויף די אָרעמס פון אירע קינדער, רייזל און יעקל־דוד; זי איז מיט געבראָכענע טו״ט געגאַנגען און געשוויגן.

אברהם יצחק איז אַ קראַנקער געבליבן אין דער היים און הייזעריק־כאָרכלדיק געלערנט הויך „משניות״.

תהינה נשמתם צרורות בצרור החיים.

שמואל אַלבערט (שטיפּטעלע)

ביאַלע האָט געהאַט מזל צו די משהס, אָדער פאַרקערט. געווען אַ משה שלמה יצחקס, אַ משה „רבי״, משה פראַנק, משה בערישלס, משה יצחק חזן, משה שלמה חזנס, משה „יומעס״ (בנימינס). די גע־בוירענע באַנאָמענטע: בינעם ישראל־משהס, אהרון בינעם משהס, יצחק משה, משה קאָצקער, משה־אהרן חנדלס, לייביש משה, משה „קאָסטעק״, משה „מיבליאָק״, משה טאָגעטמאַן, משה מאיר שיע מענדלס, משה ישכרס (ישכר קאָטאָקס זון), משה לייב מלמד (משה לייב „מיטן ריישעכץ״), משה אהרון שוסטער (פראַנק), אהרון משה נאָטעס (היטלמאַכער) — און פּאַר אַ צולאָג — נאָך דריי משהס: דער הויכער משה (משה אַלבערט) און דער קליינער משה (זיידע) און משה (מאָשקע „מיט די כלים״) — מיין טאַטע.

שמואל אַלבערט איז געווען דעם הויכן משהס מיטלסטער זון. ער און זיין יוגנט־חבר, מאיר פּידרע, זענען געווען די גרינדער, אָרגאַניזאַטאָרן און די ענערגישע עסקנים פון „צעירי אגודת ישראל״ אין ביאַלע.

די שטיבל־ייִנגלעך און די בחורים האָבן אים גערופן שמואל „שטיפּטעלע״. וואָס עפּעס „שטיפּטעלע״? — ערגעץ אין די טיפע־

נישן פון דעם ברויזנדיקן „דווקא״־ייִנגוואַרג האָט געגורטעוועט דער הייליקער פונק — דאָס „שטיפטעלע״ פון דיכטונג. דאָס — פלוס זיין מטושטש „קאַטשקע־געגגל״ האָט דערמאָנט די דינע שאַרפע שטיפט־לעך, וואָס שטעכן דורך די זוילן. זיין גאַנג איז געווען נישט קיין זיכערער אויך צוליב דעם, כדי דער בליק זיינער זאָל זיך נישט פאַרטשעפּן אין אַ פּאַרשייט שמייכלדיק פּנים פון אַ „פּאַראיינס־מיידל״.

ער און זיין חבר מאיר פּידרע, די אָרגאַניזאַטאָרן פון „צעירי אגודת ישראל״, האָבן קיינעם נישט אָרגאַניזירט; דאָס זענען געווען די זעלבע בחורים פון געדער „שטיבל״. דער „דרויסן״ האָט זיך נישט געלאָזט אָרגאַניזירן בעיקר צוליבן פעלן דער אידעאָלאָגיע זייערער דער מיידלשער „צעמענט״...

אין די אַנדערע, וועלטלעכע „פּאַרטייען״ און „ריכטונגען״ זענען גערופן געוואָרן מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מ׳האָט דיסקו־טירט, מאָביליזירט, אָרגאַניזירט, באַלויכטן און „פעסטגעשטעלט״. ס׳האָט זיך געקאָכט; יאָסל קאָבוס האָט „אויפגעריסן״ פאַרזאַמלונגען, איבערגעשלאָגן, דעמענטירט, אַראָפּגעריסן די מאַסקע — און אַלץ שטומערהייט...

שמואל אַלבערט איז נישט געקומען אין קיין פאַראיין און גאָרנישט נישט אויפגעריסן, און פון דעסטוועגן געלאָזט הערן פון צייט צו צייט זיין צעוויטיקטע שטים אין אַ ווינקל פון מאַרק. ער האָט גערעדט מיט צופעליק־פאַרבייגייענדיקע שוסטער־און שניידער־ייִנגלעך וועגן יידישער טראַדיציע, וועגן דער פאַרביקער אַלט־ייִדישער גייסטיקער ירושה, וועגן אמונה וואָס ייִדן זענען פאַר איר געגאַנגען יאָרהונדערטער אויף קידוש השם, וועגן דעם גורל וואָס דערוואַרט אונדז און וועגן די שונאי ישראל וואָס גרייטן זיך אונדז אומצוברענגען און וועלן נישט מאַכן קיין חילוק צווישן וועלטלעכע און פרומע ייִדן.

אין זיין פּריוואַט ביבליאָטעקל האָב איך געזען „וועלטלעכע״ ביכער: „די בעל־שם־טוב סימפאָניע״ פון דעמאָלטדיקן פרומען יונגן דיכטער, מוני נאַדלער (שפּעטער אַוועק צו די קאָמוניסטן); ד״ר

פיליפסאָנס „יעקב טיראַדאָ״; ד״ר לעהמאַנס „די כוזרים״, „בוסתנאַי״ און „דעם ש״ך׳ס איידעם״. דאָס זענען געווען ביכער און בראָשורן, געכשרטע דורך די צענטראַלעס פון דער „אגודה״ אין וואַרשע, בערלין און ציריך.

ער האָט נישט געקאָנט רעדן הויך, שמואל. זיינע טונקעלע אויגן פלעגן זיך פאַרזשמורען — ס׳איז בלויז געבליבן צוויי האַלב־רונדע דינע לויכטנדיקע שפּעלטלעך.

אַ ליידנשאַפטלעכער בעל־וויכוח און מוכיח, אַ ירא שמים — פון איבערצייגונג, האָט ער קיינעם נישט געפּרוווט איבערצייגן. דאָס רעדן זיינס איז געווען אַ מין פלעמל פון אַן אינערלעך ליכטל, וואָס צאַפּלט זיך אַרויסצושלאָגן אויף „דרויסן״, אומאָפּהענגיק צי די שטילע ליכטשיין לויכט עמעצן צו, אָדער ניין.

נאָך די וויכוחים איז ער אַוועק אין שטיבל אַריין, צו מנחה־מעריב, צו אַ בלעטל גמרא און שפּעטער, אין דער פינצטער (קיין ליכט איז אין אונדזער גאַס אין די אָוונטן נישט געווען), אַוועק צו מאָטל גאָלדבערג, אַריינגעקוקט אַ פאַרליבטער דורכן פענצטער צו דער יונגער כישופדיקער מויד — ליבע, ליבע מאָטעס, ליבע מאָטל גאָלדבערגס.

זי איז געווען די טאָכטער פונעם גערער חסיד, דעם פּריץ סאָלאָווסקיס אַדמיניסטראַטאָר, און זי איז געווען אַ — פאַראיינס־מיידל, געלאַכט אין גאַס הויך, אויפן רוישיקן שפּאַציר אין די אָוונטן מיט די „פרייע״ יינגלעך.

אין אַ שיינעם שמחת־תורה, אין מיטן פון חסידישן ריקוד מיט די הקפות, איז שמואל „שטיפטעלע״ צוגעגאַנגען צו מאָטלען און העזהדיק אַריינגערעדט אים אין דער באָרד אַריין:

— יאָך האָב ליב דיין טאָכטער, ליבע, יאָך וויל די זאָלסט זי מיר געבן פאַר אַ כלה...

מאָטל גאָלדבערג האָט געשמייכלט און געגעבן דעם ליבלעכן שמואל נ׳הויכן משהס זיין מיידל פאַר אַ כלה, פאַר אַ ווייב.

דער ביאַלער פּריץ סאָלאָווסקי האָט געגעבן דרשה־געשאַנק דעם

יִנגן פֿאַר אַ פּלאַץ פֿאַר אַ הויז נישט ווייט פֿונעם פּריצישן „הויף״.

ער האָט נאָך דער חתונה געהאָלפֿן דעם שווער ווירטשאַפֿטלען אינעם פּריצישן „גוט״ און ווייטער זיך וויכוחט, פֿאַרטיידיקט די פֿרומע יידישקייט.

די דייטשן זענען אַריין אין אונדזער שטעטל און נאָך עטלעכע טעג פֿון בלוטיקע פּײַנען און איזדיעקענישן, האָבן זיי ביי נאַכט אַרויסגענומען שמואלן פֿון שטוב. ער איז מער נישט צוריקגעקומען.

אלוהי, נקום לעיננו נקמת דם עבדיך השפוך.

מײַנע ברידער גדליהו און אברהם

פֿינף ברידער זענען מיר געווען
די מאַמע האָט געשפּיגלט זיך אין זיי,
די דייטשן האָבן צוויי געשאָכטן
געבליבן זענען מיר דריי.

געווען זענען מיר פֿינף יִנגלעך. קיין שוועסטער האָבן מיר נישט געהאַט. דער בכור בין איך געווען, דער שרייבער פֿון די שורות. דער צווייטער איז געבוירן געוואָרן גימל בתשרי „צום גדליהו״. האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן גדליהו.

צוויי קליינע יִנגלעך, מיר האָבן זיך געשפּילט אין זיידנס שמואל מאירס שטוב. דאָרטן האָבן זיך טאָג־טעגלעך צונויפֿגעקליבן אַ וואָסערע פֿונפֿצן אייניקלעך זיינע. אין דער שפּיל־צייט איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, נאָר אַז מיר האָבן אויף דער נאַכט געמוזט גיין אַהיים, האָבן מיר זיך שרעקלעך געלאַנגווייליקט. מיר האָבן געוויינט, אַז מיר ווילן האָבן נאָך אַ קליין ברודערל אָדער אַ שוועסטערל, מיר ווילן האָבן מיט וועמען זיך צו שפּילן, וועמען צו וויגן און צו קושן. די מאַמע האָט די מעשה פֿונאַנדערגעפּויקט צווישן דער גאַנצער משפּחה. ביידע זענען מיר געוואָרן צו לייטיש

געלעכטער און אויף דער נאַכט ווידער „געמאַכלט" מיר ווילן די מאַמע זאָל אונדז געבן אַ קינד, אַ קליין ברודערל, קאָן אויך זיין אַ שוועסטערל. ס׳האָט אונדז געקאָסט אַ סך בעטעניש — די מאַמע האָט אונדז געברענגט אַ דריט ברודערל, אברהם.

מיר זענען שפּעטער געווען פינף ייִנגלעך, געזונטע — און אַחוץ מיר זענען אַלע געווען געראָטענע און שיינע ייִנגלעך.

כ׳געדענק אַז ביי דודע בעקערס שנור איז קראַנק געוואָרן אַ קינד. איז זי געקומען צו דער מאַמע, אַז זי זאָל גיין שטעלן דעם קראַנקן קינד באַנקעס. נאָך דעם האָט זי דערלאַנגט דער מאַמען דאָס קינד און געבעטן, אַז די מאַמע זאָל עס האַלטן אַכצן מינוט...

דער טאַטע איז געווען אַ בייזער טאַטע, נישט געזשאַלעוועט קיין פּעטש. ער האָט אונדז, קינדער, שרעקלעך געזידלט:

— מענטשן האָבן מזל, ביי לייטן ווערן קינדער געבוירן און שטאַרבן און ביי מיר — קיין איינער קריגט נישט קיין אויסכאַפּעניש...

צו מאָרגנס, נאָך דעם „פרומען ווונטש" פון טאַטן, בין איך „אַוועקגעפאַלן" אויף ווערעם. דער טאַטע איז געלאָפן קיין בלענדיוו, אָפּגעלאָפן אַ האַלבן טאָג מיט אַ האַלבער נאַכט. אָנגעקומען — האָט דער רבי אים צו זיך נישט אַריינגעלאָזט. זעקס שעה האָט דער שאַמעס אים געהאַלטן אין פאָדער־שטיבל, ווען ער איז סוף כל סוף אַריין, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן וויינען: הייליקער רבי אַ...

— כ׳וויס, כ׳וויס! — איז דער רבי אים אַריין אין די רייד — כ׳וויס, פאָר אַהיים, ער האָט שוין אַוודאי „געמאַכט סקוואַרטל", דער קליינער, פאָר אַהיים.

דער טאַטע איז הענדום פּענדום אַהיימגעלאָפן מיט אַ גדולה, אַז דער בלענדיוווער רבי איז מיאש אַ קראַנקן, גייט יענער אַרויס אַ געזונטער אויף צוויי מאָל אַכצן יאָר.

די מאַמע האָט געהאַט פאַר אונדז פינף אַ גאַנצע קאָלעקציע פון טעלערלעך, טעצעלעך, פּיליזשאַנקעס און גלעזלעך. זי האָט זיך אַ מאָל פאַרטרויט אויף אַ ווייבערישן מאָטל, אַז זי האָט ביים שבתדיקן טיש אַ מוזיק־קאַפּעליע. זי קען געבוי יעדן קלינג פון לעפעלע פון

יעדן קינד באַזונדער — ביים עסן צימעס, ביים מישן דעם צוקער אין דער טיי־פּיליזשאַנקע, ביים אַויסדריוולען מיט די גאָפּלען די פּיקלעך פיש אין די צעקלינגענע טעלערלעך. בקיצור: כ׳האָב אַ גאַנצן סערוויז טעלערלעך פון הימל... און דאָס אַלץ „נאָד פּראָגראַם״ אַ „זאַדאַטעק״ אויפן סאַמע רעכטן און געדעכטן — די זמירות.

אונדזער אָרעמע שכנטע, צימע די חזנטע (משה יצחק חזנס טאָכטער) האָט געהאַט אַ טבע זיך שנעל אַפּצופּאַרטיקן אין דער היים מיט דער פרייטיק צו נאַכטס־סעודה און אַוועקשטעלן זיך מיט די קינדער אונטער אונדזער פענצטער, צו הערן זמירות.

מיר זענען שנעל אויסגעוואָקסן צוזאַמען מיט דער אָרעמקייט. די עלטערע זענען זיך צעפאָרן. די קאַפּעליע ביים היימישן שבתדיקן טיש האָט געקלונגען מיט צעשפּאָלטענע טענער. אַ טייל טעצעלעך, גלעזלעך און לעפעלעך האָט די מאַמע פאַרשלאָסן אין וואַסער־בענקל. ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האָט זי אַרויסגענומען די פאַריתומטע „אינסטרומענטן״ און געקלונגען מיט זיי, געקליבן, אויס־געפּרוווט האַלבע־גאַנצע־און פערטל־טענער, אַרויסגערופן די אַמאָליקע שבתדיקע רוישנדיקע פרייד פון די קינדער, וואָס נע־ונדעווען איצטער אין דער פרעמד און „שבתן״ ביי פרעמדע טישן.

די קליינע ברידערלעך וואָס זענען געבליבן אין דער היים האָבן עפּעס יאָ זיך דערמאָנט און עפּעס נישט, אַז זיי האָבן נאָענטע ברידער, אין דער ווייט, יענע האָבן קליינערהייט געוויינט אַז די מאַמע זאָל זיי ברענגען אַ קליין ברידערל צו שפּילן זיך. זיי זענען געזעסן ביים טיש טריבע און מיט די לעפעלעך אין די טעלערלעך און פּיליזשאַנ־קעלעך געקלונגען „סאָלאָ״...

מיר זענען געווען פינף ברידער, צוויי פון אונדז: גדליהו און אברהם זענען אין טרעבלינקע אומגעקומען אין איינעם מיט אַלע ביאַלער יידן און מיט די עלטערן.

די וואַרעמע „מאָטלער־פּאָטשט"

אַכט ייִדישע בעקערייען זענען געווען אין אונדזער שטעטל, נאָר דער איינציקער אָפענער „אָפּלאָג" פאַר פליאָטקעס, מאָטלעריי און וואַרעמען אָפּרו פאַר אויסגעמאַטערטע ייִדן, און נישט נאָר ייִדן, איז געווען מיין זיידנס, שמואל מאירס בעקעריי. דאָ אַהער זענען געקומען אין די ווינטער־אָוונטן פורמאַנעס, סטראַגאַניאַזשעס ערב די יאַרידים, אַוועקגעלייגט זיך אויפן פּיעקעליק שנאָרכן ווי אין די ווייבערס בעטן; דורכוואַנדערנדיקע מדינה־גייער, פּיעכאָטנע מגידים, שדכנים מיט צעפּלויגענע פּאָלעס, בחורים „טעגעסער", וואָס האָבן אויף די זעקלעך טאַטריקע שטיל איינגעחזרט די שיעורים פאַר די מאָרגנדיקע בחינות, אָנגעגנומען צו ווערן אין דער ישיבה פון „תפארת־מנחם". קיינער האָט זיי דאָ נישט אַריינגעקוקט אין די „טלומיקעס". דער גראָ־בערדיקער זיידע האָט געקנעטן די ברויטן און אַרויפגעפּילפּולט, שרייענדיק, צו די אויסגעמאַטערטע יונגע לומדים וועגן ענינים פון „טומאה וטהרה", פון „איסור והיתר" און „טוען ונטען". ער האָט דאָרט לאַנג „אַרויפגעדולטשעט" — ביז ער האָט דערהערט פון אויבן, פון פּיעקעליק דאָס ליידנשאַפטלעכע ייִנגלערישע שנאָרכעריי. אין דער פרי האָט ער, דער זיידע מיינער, צוגעטראָגן דעם ייִנגל אַ קופּערנע שעפּ מיט „נעגל־וואַסער" און תפילין און אַ פּריש וואַרעם שטריצל.

ביי דער געוועלב־טיר האָט געהאַנגען אַ שווערער קופּערנער גלאָק, נאָר אַז אַ קונה איז אַריינגעקומען קויפן אַ ברויט, האָט ער באַזונדער געדאַרפט אַריינשרייען צו דער ייִנגסטער טאָכטער:

— פריווע, כ'וויל אַ ברויט!

דער גלאָקן־קלונג האָט זי נישט גערירט. מענטשן זענען אַריין אויפן פּיעקעליק ווי אין אַ „זאַיאַזד".

די „ראַדימנער רביצן", די „שרפה אין ריקע", די „הריגה פון ייִדישע זעלנער אין יאַבלאָנע", די „רציחה פון די צאַרישע זעלנער איבערן פּלאָצקער רב" — און וועגן נישטיקן ווערט פונעם פּאַפּי־

רענעם רוסישן רובל — דאָס אַלץ איז דורכגעוואַלקעוועט געוואָרן אויף מיין זיידנס פּיעקעליק.

דער פּיעקעליק איז געווען נידעריק. פון דער ציגלנער „קלע־פּיסקע" ביז צום פּולאַפּ האָט אַפילו דאָס קלענסטע אייניקל זיך געמוזט איינבייגן ביים איבערגיין פון איין אָרט צום צווייטן. פאַר אַ צולאָג נאָך האָט פון פּולאַפּ אַרויסגעסטאַרטשעט אַ שווערער, גראָבער שאַרף־קאַנטיקער בעליק. דעו׳ זיידע האָט אויף די אַרויפּ־גאַנג־טרעפּלעך געזאָגט און געזונגען „תהילים" מיט הפּסקות, ער האָט מיט זיין שאַרפער שמיעה געהערט יעדן זבענק פון די קעפּלעך פון די אומרו׳יקע אייניקלעך אין דער בעלקע און גערוגזט אויף זיי:

— שקצים, וואָס צעהאַקט עץ מיר דעם בעליק ?!...

צו מיר האָט ער כמעט געועדט ווי צו אַן ערנסטן בעל־דבר. כ׳בין געווען קליין ווי אַלע אַנדערע און דאָך האָט ער מיר מער ווי די אַנדערע אייניקלעך דערציילט „שפּיצלעך", וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט די וואַרשעווער גנבים, ווען ער איז דאָרט, דורך דער המלצה פון רבין זיינעם געפאָרן צום דאָקטאָר פּופּקע.

איבערן גאַנצן רחבותדיקן הילצערנעם הויז פון זיידן איז געווען אַ בוידעם, אַ גרויסער רחבותדיקער בוידעם, „אויסגעשלייערט" מיט אַלעם גוטן. אַן אַלטער גרין־שוואַרץ־בלאָ „פּאָפּיעלאַטער" מוזיי: קינדער־שיכלעך פון עטלעכע עלטער־עלטער־באָבעס; שלאָף־קופּקעס, מיט פאַרביקע קרעלעכלעך; געלבלעך־גאָלדענע לולבן פאַרקנאָסט מיט גאָלדענע רינגלעך צו זייערע זיווּגים — די פאַרטרוקנטע הדסים; קליידלעך פון מומעס און עלטער־מומעס וואָס זענען גע־שטאָרבן קליינערהייט פון שקאַרלאַטינע און כאָליערע; הבדלה־דיקע בשמים־ביקסלעך; פּישביינענע פעכערס און אָפּגעבליאַקעוועטע, לאַכנדיקע ליאַלקעס, אויסגעסטראָצלטע אין פּילפאַרביקע בלוזקעלעך און פאַרטעכלעך. מיט דער ליאַלקע האָט זיך געשפּילט אונדזער זיידנס באָבע, וואָס איר גוטע שטיף־מאַמע האָט פאַר איר אויפגעגנייט אין איר קינדהייט; שטעק־לאַטשן מיט אויפגעפּראַלטע מיילער; אַלטע שמחת־תורה פענער, וואָס בלויז די ספרי תורהלעך אונטער די

טאָוולנע טירעלעך מיט אויבערשטע האַלב־רונדן זענען געווען גאַנץ און נישט צעפּרעסן פון מילבן.

דאָס אַלץ איז געוואָרן אָן סדר פונאַנדערגעוואָרפן איבערן גאַנצן בוידעם. מיר, די קינדער, האָבן זיך מיט דעם געשפּילט — און געהערט דעם שטילן, ווייטן געפליסטער פון די זאַכן, געפרייט זיך מיט זייערע פאַרגאַנגענע פריידן און געטרויערט מיט זייער ווייטן פאַרוויײַעטן טרויער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דייטשן האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן אַרויסצוטרייבן אונדזער שבט פון יענער זייט „בערזשע" און אין דער פּיעקאַרניע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּויער, אַ געזונטער פּויער, מיט אַ שטאַרקער האַק האָט ער אין דער „בויקע" באַזיגט צוויי טוץ פּויערים, וואָס האָבן אויך געוואָלט אונדז ירשענען.

נאָכן „זיג פון העלדישן פּוילישן פאָלק" איבערן דייטשן אָקופּאַנט, בין איך געקומען קיין ביאַלע. דער „אייגנטימער" פון זיידנס בעקעריי האָט מיך נישט געקאָנט. כ'האָב אים געבעטן ער זאָל מיר דערלויבן אַ קוק טאָן אויפן בוידעם. „אָושעם", ער האָט עס מיר דערלויבט.

אויבן איז געווען ליידיק, ריין „יודן־ריין". דער „פּריש־געבאַ־קענער" בעקער האָט פאַרברענט אין אויוון אונדזערע הונדערט־יאָריקע בענקשאַפטן, קינדער־שפּילן און איידעלע הייליקייטן; ער האָט דאָס אַלץ פאַרברענט אין דער אייגענער נאַכט, ווען אונדזערע לייבער האָבן געברענט אין די קאַלך־אויוונס פון טרעבלינקע.

שמואל יאַנקל

ער איז געווען אַן אַמשינאָווער חסיד, נאָר צום רבין איז ער נישט געפאָרן — ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין געלט אויף „פור־

מאַנקע״. צופוס האָט אים קאַלקולירט הונדערט פּראָצענט ווערלוועלער.

עפּעס איז אים יאָ צוגעפאַלן צו דער פּרנסה: ער האָט אין זיין טוכלע פאַרסאַזשעטע כאַלופּע געהאַט אַ ביסל האָלץ צו פאַרקויפן; דאָס האָלץ האָט צעהאַקט זיין „נישט דערבראָטענער״, פאַרזעסענער זון, דודל. דער בחור איז געווען אַ זעלטענער פאַרדינער — זעלטן פאַרדינט אַ פּיי. און דאָס בלויז איין מאָל אין יאָר — ער איז געווען אין שיל דער געשווירענער חתן פון דער „תוכחה״. ער וואָלט גע־קענט גיין אין גאָלד, ווען ער קריגט די „תוכחה״ יעדן שבת.

צוויי מאָל אין יאָר האָט שמואל־יאַנקל גענומען שלום ביים „אמשינאָוער״ און ס׳האָבן אים קיין זוילן נישט געקאָסט; דער רבי איז געקומען קיין ביאַלע.

ער איז געקומען שטענדיק ווינטער־צייט. דער ביאַלער שטאָ־טישער מאַרק האָט לכבוד דעם רבין זיך אָנגעטאָן אַ ווייסן שניי קיטל. פאַרן אַריינגיין שלום־נעמען ביים רבין, האָט שמואל־יאַנקל זיך געוואַשן די הענט אַ האַלבע שעה אין שניי, די הענט זיינע זענען געוואָרן בלאָ, דער רבי האָט אים שלום געגעבן און האַסטיק צוריק־געכאַפּט די האַנט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט. דער רבי האָט אים געקוקט אויף די הענט און שפּאַסיק געזאָגט אים אַז לויט דער בלאָקייט פון דיינע הענט זע איך אַז דו ביסט געווען אין זיבעטן הימל.

דער אָרעמער חסיד האָט געטאַנצט פאַר שמחה. דער עולם חסידים האָט זיך געפרייט, הנאה געהאַט — שמואל־יאַנקל האָט געטאַנצט מיט צעשטאָלפּערטע פיס ווי אַן אָנגעשיכורטער בער.

— וואָס טאַנצסטו אַזוי? — האָט אים אַ חסיד געפרעגט.

— פאַר וואָס זאָל איך נישט טאַנצן? כ׳בין משמח אַן עולם ייִדן און ס׳קאָסט מיך נישט קיין פּרוטה — ער האָט אויפגעהויבן אַ באַשטיוולטן פוס — ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין אָנצייכעניש פון קיין זויל...

אַ תמימותדיקער גאָטספאָרכטיקער ייִד, מיט אַ ניצוץ פון אַ

לאַמעד־וואָווניק, האָט דאָס מזל אים צוגעשפּילט: ער האָט דעם בורא אָפּגעגעבן זיין נשמה אַ צייט נאָך פאַרן חורבן.

נשמתו עדן.

פרייד אין צער געפלאָכטן

מען האָט אונדזער אומשולדיקן טייך „אופּוסט” צוגעטראָכט אַ בלבול — ער פאָדערט יעדעס יאָר פאַר זיין טיפן שלונד אַ מענטש.

יידישע מאַמעס האָבן אים באַשווינדלט; זיי האָבן יעדן פרילינג אים צוגעוואָרפן אַ קעצל.

דאָס וואַסער האָט געהאַט אין זיך אַ מאַגנעטישן כוח; אַז מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און געגעבן דאָס האַרץ אַ באַשפּריץ מיט זיין קילן בלאָ, האָט ער אונדז פאַרכישופט. מיר האָבן אים „צעריבן” פאַרוואַנדלט זיין בלאָקייט אין צעשטויבטן, שוימיקן זילבער. מיר האָבן זיך איינגענורעט אין אים ביז איבערן קאָפּ, געטרונקען און פאַר־כלישניעט זיך מיט אים און שעהען אויף שעהען נישט געוואָלט זיך שיידן מיט אים.

דאָס וואַסער האָט אונדז געלאָקט און געשראָקן: די כוואַליעדיקע בלאָקייט האָט אין די פאַלדן פון זיינע רינגען געטראָגן צוויי סכנות: די סכנה איינגעשלינגען צו ווערן פון די וואַסערן און די סכנה גע־ממיתט צו ווערן, נאַקעטערהייט, פון די שקצים מיט זייערע שטיינער און הינט.

און וואָס מער מיר האָבן זיך געשראָקן, אַלץ מער האָבן מיר זיך געבאָדן. און וואָס מער מער האָבן זיך געבאָדן, אַלץ מער האָבן מיר זיך געשראָקן — אַ מין קאַץ־און־מויז־שפּיל פון פרייד און שרעק, און פון גויישער נידערטרעכטיקייט און אכזריות.

איין מאָל, פאַר די האַרבסט־יום־טובים, מיר האָבן איינגעחזרט כאָראַל אין חדר, די פייערלעכע צוואה פון משה רבינו פאַר זיין שטאַרבן „זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור”. אויפן פענצטער־

פאַראַפּעט איז אַרויפגעשפּרונגען אַ האָן און הפקרדיק זיך צעקרייעט „אויפן גאַנצן רעגולאַטאָר".

מיר זענען גלייך אַריינגעשפּרונגען פון דער פייערלעכקייט פון די הייליקע פסוקים אין רויער, שאַרפער, פאַררייסענער קינדערישער פרייד.

— וואָס איז ס'געלעכטער ? — האָט דער רבי בייז געפרעגט — עך הערט ס'ערשטע מאָל קרייען אַ האָן ?

די לאַנגע רימענס פונעם קאַנטשיק האָבן פּאַכנדיק געמאַכט פרעג־צייכנס אין דער לופטן, מיר האָבן געכאַפּט „הייסע לאָקשן", און וואָס מער ס'האָט וויי געטאָן, אַלץ שאַרפער און הפקרדיקער איז געווען די פרייד.

פרייד, שרעק, טראַציקייט, טרויער, פּיין — און פייערלעכע הייליקייט — די אַלע מענטשלעכע טוגנטן און שפּירונגען, דאָס אַלץ האָט געוואָגלט, געהאָנגען איבער אונדז ווי נע־ונד־פלעמלעך, זיי האָבן געזוכט קנויטן, די קנויטן זענען מיר געווען...

בעקערס — לומדים

זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען געווען שווערע, גראָע האָרעפּאַשנע תהילים־זאָגערס, וואָס האָבן זעלטן פאַרשטאַנען פּירוש המילות, דורך עפּעס זעלטענע צופאַלן, ווי דאָס איינקויפן זיך אין לאַסקע ביי אַ פּריץ פאַרן אויפנייען אים אַ גוטן פּעלץ, שיינע שטיוולעטן, פאַרן אויפבויען אים אַ שיינעם קאַפּל־אויוון, אָדער דורך אַ ברכה פון אַ רבין האָבן זיי זיך „דאַראַביעט". דער פּריץ האָט קיין מאָל קיין געלט נישט געהאַט און געצאָלט מיט ווייץ און קאָרן — און דאָס איז שוין גאָר נאָענט פון בעקער־פאַך.

די אַמעראַציש־אידעלע יידן האָבן געשיקט קוויטלעך צו די רביס, געגישטערט אין די היימישע און שכנותדיקע ישיבות וויל־

לערנערס פאַר זייערע טעכטער, און פאַר נדנים אָפּגעשריבן זיי די בעקערישע „סוקצעסאָריעס".

און אַזוי האָט זיך אין אונדזער שטעטל „דורכגעקאָכט" אַ זעל־טענער דינער שיכט „מישלינגען" — בעלי־מלאכות־לומדים.

זיי זענען געווען יחידים, אויסטערלישע, צו יענער צייט עק־זעמפּלאַרן; געהאָרעוועט, ווי יעקב אבינו פאַר רחלען; נישט קיין זיבן יאָר נאָר ס׳גאַנצע לעבן, און צווישן איין פאַרקנאָטענעם „האַלב־זויער" און „הייוון־שטיק" ביז צום קנעטן און פלעכטן, האָבן זיי — איינגעפּאַטשקעטע און איינגעמעליקטע — געשמאַק געכאַפּט אַ לערן.

געהאָרעוועט אין די נעכט און געלערנט. געפאָרן איבער די דערפער נאָך תבואה און געלערנט. פאַרקויפט אין די טעג פון יאָר־מערק אין די אָנגעפּאַקעוועטע געוועלבער מיט פּויערים ברויטן, שטריצלען, קייזערקעס און גריזקעלעך — און געלערנט. געקוקט זיי ביים פאַרקויפן אויף די גניבהשע קלעפּיקע פינגער און געלערנט. אַכטונג געגעבן אויף די יינגע טעכטער הינטערן בופעט ביים געבן רעשט די יונגע שקצים פון זילבערנע רובל־שטיק — און געלערנט.

„תורה און סחורה און יום־טובדיקער קוילעטש"...

עס האָט געשפּריצט פון די דאָזיקע יונגע און מיטליאָריקע ייִדן מיט כוח, מיט ליבשאַפט צו זייערע משפחות, צום רבין זייערן, צו זייער גאָט.

געווען עפּעס אַ לעגענדאַרישער רבי וואָס איז געשלאָפן אין מעת־לעת „שיתין־נישמא" (זעכציק אָטעמס); מען האָט וועגן אים געשריבן אין די קבלה „סיפורי מעשיות". די בעקער־לומדים ביי אונדז זענען געשלאָפן נאָך ווייניקער.

זיי האָבן דען געהאַט צייט צו דעם? האָרעווען גאַנצע נעכט, לערנען, קויפן און פאַרקויפן, איינהאַנדלען תבואה אין די דערפער, פירן די קערצן קאָרן און ווייצן אין די מילן אַריין און צוריק, קוקן די מילנער אין די בייטלען אַריין... פליִען אַהין און צוריק צום און פון רבין, לעבן מיט די ווייבער און מיטליידן זייערע חבלי לידה,

דערצ׳יען קינדער, שיצן זיי — באַזונדערס די טעכטער פונעם שדימדיקן דרויסן. גיי — זיי אַ בריה אין אַזאַ לאַגע און פּרווו שלאָפן...

ביסט נאָך נישט פאַרטיק. בנימין בעקער איז נאָך ווי אַ צוגאָב צו די צרות געווען אַן אויסטער־לישער קינסטלער־צייכענער; ער האָט געצייכנט לויטן חומש־פּלאַן דאָס משכן, די מנורה, און די כלים פון בית־מקדש נאָך אַ סך פר׳יער פאַר יענעם יונגנמאַן, וואָס האָט דערפון געמאַכט אַן אויסשטעלונג אין דער לובלינער ישיבה.

און רפאל, — רפאל בעקער. ער איז געווען אַ טאַטע פון גרויסע לומדישע קינדער מיט נעמען פון די אבות. כמעט אַ העלפט פון די סוכותדיקע „אושפיזין”. ער איז געווען אַ קליינער, מען האָט אים נישט גערופן דער קליינער רפאל, ווייל קיין גרויסער רפאל איז נישט געווען. די בעקעריי זיינע איז געווען אין קעלער אונטער זיין הויז, די קעלער־בעקעריי איז געווען נידעריק, אַז אַפילו ער האָט זיך געמוזט איינבייגן כדי זיך צו באַוועגן, און כדי אַריינצורוקן דאָס ברויט אין אויוון אַריין, האָט ער געמוזט זיך אַראָפּלאָזן נאָך נידע־ריקער — אין פוס־גרוב אַריין, און פאַר אַ צולאָג, האָט ער געהאַט אַ טבע אין מיטן רוקן די ברויטן צו מורמלען, „ממעמקים קראתיך ד׳” נאָר — גרויס ביי זיך, אַ פאַרריסענער בעל גאווה, העכער פונעם מלאך רפאל.

די דייטשע מערדער האָבן אים פאַרברענט צוזאַמען מיט אַלע יידן פון ביאַלע.

שטרענגער חוב

דריי זענען זיי געווען אין דאָרפישן בונקער: אַ ברודער און צוויי שוועסטער. געקומען זענען זיי אַהער צום אונטערערדישן יונגן פאַרמשפּטן געזעמל, פאַרוויקלט אין שווערע שטעכעדיקע קליפּטן — פון פאַרהעצטקייט און טויט־אַנגסט — און מיט אַ טלית־זעקל

פוילישע זלאָטעס, גאָלד און בריליאַנטן. דאָס גאַנצע איינגעשירטע „דאָברי־מזל" פון דער שפּעדיקער משפּחה אין ביאַלע.

זייער פאָטער איז זייער יונג געגאַנגען פון דער וועלט. ער האָט אין איינער אַן ערב־חגא, ביים אָנוועגן אין געוועלב אַ פערטל פונט „פּראָך" (דינאַמיט) פאַר אַ שגץ, פאַרלוירן אין דער בלעך אַריין אַ פונק פון אַ פּאַפּיראָס, אין פאַרווירטקייט האָט ער שנעל צוגעדעקט מיטן דעקל די בלעך און זיך אַרויפגעלייגט אויף דעם מיט דער ברוסט, דער דינאַמיט האָט אויפגעריסן, ער איז אומגעקומען בייאַנאַנד מיט אַ צופעליק־דורכגייענדיקער פויערטע. די אַרויסגעפלויגענע וואַגשאָל איז איר געפאַלן אין דער שלייף אַריין. ווען ער וואָלט על־פּי־נס אויסגעמיטן דעם טויט, וואָלט ער געווען דער גורם פון אַ בלוטיקן פּאָגראָם.

די יינגע פינף און דרייסיק יאָריקע בלײַענדיקע פרוי, מיט קליינע קינדער און מיט אַ רוישנדיקער בלײַענדיקער פּרנסה, האָט אָפּגע־טרויערט אַ יאָר און „געוואָרפן אַן אויג" אויף אַן אָרעמען דריי און צוואַנציק יאָריקן בחור.

אַ פרומער, אַ שיינער, אָנגעטאָן זויבער און ציכטיק, האָט מען אויף אים נישט אָנגעזען קיין סימן פון אַן אַרבעטנדיקן. און געווען איז ער אַ בריליאַנטענער שוסטער. געאַרבעט ביינאַכט, אַרויסגעהאָלפן דעם אַלטן אָרעמען טאַטן „אַרויסוואַביען" זיך פון די אָנגעזאַמלטע פויערשע „קורפּיעס".* ער איז אויך געווען אַ זעלטענער מזיק, אַ צוקערלעך־מאַכער. מיין טאַטנס ברודער, האָט ער געכאַפּט די „סמיקאַלקע" שענער און שלימותדיקער פונעם „מייסטער". היות די „זיסע" מלאכה איז ביי אונדז אָנגעגאַנגען ווי אַ ביטערע פּרנסה, האָט ער אויך די אַרבעט אויסגעפירט בצנעה, געשעמט זיך דערמיט, פונקט ווי מיט זיין טאַטנס שוסטעריי.

מיין טאַטע איז געווען דער אייפעריקער שדכן: זי, די פרוי, האָט אין די טונקעלע פאַרנאַכטן אַריינגעשלייכט זיך אין אונדזער

---

* אַלט שטיוולוואַרג.

הינטער־שטיבל צום שעמעוודיקן יינגל. ער האָט זיך געדרייט, ווי אַ שלענגעלע אויף אַ צעמענטענע פּאָדלאָגע און לסוף זיך געלאָזט „איבערדייבערן".

— אַ גילדענע פּרנסה: קאָרן און ווייץ און טאַטאַרקע — פולע שפּייכלערס, מיט אַ צושלאָג, ביי די אַרומיקע פּריצים און אין די מילן.

און דאָס ווייב, אַ פולע, אַ ראָזיק־לויכטנדיקע. די בריסטן האָבן אים אין די נעכט אָנגעצונדן מיט אַן אויסטערליש ווילד פייער. מיט ראַפינירטער ווייבלעכקייט, האָט זי אויפגעעפנט פאַר דעם ביז איצט פאַרשלאָסענעם און רויען „לערן־יינגל" אין ליבע, די זעלטן־פאַר־שיכורנדיקע „שפּייכלערס" פון זיסן עקסטאַז און פרייד.

ער איז איר נאָכגעקראָכן ווי אַ לאַסקאַווע הינטל, געפּיעלענג־נעוועט די קינדער, געוואַשן זיי, אונטערגעווישט, געפלויגן אין די דערפער מיט פערד און בייטש, געלאָדנט און אויסגעלאָדנט זעק. אַ מאַן, אַ געליבטער און אַ פאַרביק — אַ פאַרקויפטער „פּאַנש־טשיזשניק" מיט נשמה און לייב־און־לעבן.

„ס'פּאַליערעס" האָט דער יונגערמאַן באַקומען פאַר זיין לויכטנ־דיק־כישופנדיק ווייב, פאַר איר זיכערקייט און פאַרריסנקייט ביים רעדן מיט די מילנערס און מיט די יינגע פּריצים.

די משפּחה: די מאַמע פונעם אומגעקומענעם זון און ברודער, האָט געשׂרפעט פון גריזאָטע און גאַל־דריקעניש. אַ ברודער האָט „איינגעשירט אַ פאַרמעגן, אַ „ראָסקאָש" פון אַ פרוי און אַ שטוב מיט ליכטיקע קליינע קינדער, קומט עפּעס דאָרט אַ שוסטעריונג, „בישט געפּאָקט נישט געמאָזלט" און ירשנט דאָס אַלץ אַוועק. זיי האָבן געטראַכט וועגן „אַ בויקע", גראָד דאָס האָט דעם נייעם באַלעבאָס נישט פאַרשאַפט קיין דאגות. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט ער זיין „פּאָד־כאָראָנזשע" אין מיליטער מכבד געווען מיט אַזאַ „שענקאַזשע" פאַר צולייגן אים אַ „פּעצענע" „שפּעק" צו די ליפּן, אַז יענער האָט אַ האַלב יאָר געמוזט זיך אָפּזאָגן פון רייטן אויף זיין ציגאַווע פערדל. ער האָט געמאַכט אַ שוויג, אויס פּריצישן האָנאָר, כאַפּן אַ „בענטש"

פון אַ זשידעק איז עפּעס נישט קאָ זאָ וואָזשנע "אָפּיניע" זיך צו גרויסן דערמיט פאַר זיין געליבטער "כראַביאַנקע".

דאָס לויכטנדיקע לייב פונעם וויב האָט אים בלינד געמאַכט — פאַרלאָשן אין אים דאָס נאַטירלעך־מענטשלעכע געפיל פון רחמנות אויפן אייגענעם אָרעמען טאַטן. אויס האַרבער אונטערטעניקייט און יראת הכבוד פאַר זיין געטין... האָט ער פאַרשלאָסן פאַרן פאָטער דעם בייטל אונטערן "האַרץ ברעטל". יענער האָט אויסגעהויכט די נשמה ביינאַכט הינטער אַ צעוואַלגערטער כאַלופּע פון דער פאַרשטאָט.

ער האָט קוים מיט צרות אָפּגעריסן אַ פּעצענע פון זיין "קאָסט־באַרער" צייט צום פאָטערס לוויה.

דאָס טריפהנע מזל האָט אים צוגעשפּילט. די "חברה־קדישא" האָט זיך אין אים נישט איינגעהילט, ער איז אָפּגעקומען מיט אַ שיבוש.

זיין געוויסן האָט זיך אויסגעטשוכעט אין יאָרן אַרום, ווען די היטלעריסטן האָבן אַריינמאַרשירט קיין ביאַלע.

ער האָט צונויפגענומען אין אַ תפילין־זעקל דאָס גאָלד, מיט די בריליאַנטן, איבערגעגעבן דאָס די דריי יינגע קינדער אירע — אַ יינגל מיט צוויי מיידלעך און אין דער שפּעטער נאַכט זיי אַרויס־געשטופּט אויפן גורלס באַראָט:

— נעמטס "לאַכי פּאָד פּאַכי" און אַנטלויפט, ראַטעוועט זיך, מיר זענען אָפּגעמשפּטע...

די דייטשן האָבן דעם עלטערן מאַן "אויסגעזידלט", אַרויפגעטריבן אים מיט דער הילף פון שטעקנס פון דער יידישער פּאָליציי אויף דער פויערשער "פּאָדוואָדע"; הינטער אים האָט זיך אַריינגעקוועטשט דער פאַרשטאַרבענער טאַטע. דער אַלטער האָט געקיזשלט אים אין קאַרק מיט דער האַרטלעכער גראָער באָרד, געבריט אים מיט זיין הייסן כאָרכלדיק־צעקרישלטן אָטעם.

אַ יונגערער ברודער, מיט צוויי יונגיטשקע, כמעט קינדערשע שוועסטערן, האָבן געטאָפּטשעט אין דער קלעפּיק־ליימענער פּינצ־טערניש, שלאַנגיק־פיבערדיק זיך אַרויסגעקרייזלט פונעם שטעטל. די אימה האָט זייערע לייבער שטעכיק־שאַרף אַרומגעפּיילט, ווי

האָוועלאַקן אויסגעקאָוועטע פון קאַלטע ראַשפּלען. די שטערן און די טוי־טראָפּנס האָבן געשטאָכן די טריט ווי איידעלע נאָדלען אָפּגעטונקט אין עסיק.

די נאַכט איז געווען אַ ראָם מיט צוגעשרויפטע שוואַרץ־געשלי־פענע שפּיגעלעך, און פון יעדן שפּיגעלע באַזונדער האָט אַרויסגע־שליפיעט דער אַלץ־זעעוודיקער דייטשער שפּיצלערישער טויט.

פון יעדן געשטעלטן טראָט האָט די „גוטע" פּוילישע ערד טיף זיך איינגעקנייטשט און זאָרגעוודיק־פּינקטלעך אָפּגעדרוקט די קנייטשן און ריסן פון די זוילן, כדי די פּוילישע שמאַלצאָווניקעס און די דייטשע מערדער זאָלן קיין טעות נישט האָבן...

די טריט האָבן טיף זיך איינגעפּרעסט אין דער ערד, און דער שטח אַרום האָט זיך געהויבן הויך און שטראָם. דאָס יינגל האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז ער אָפּגעזעסן אַן אַדמי־ניסטראַטיווע שטראָף אין דער טורמע אין ראַווע. די פּוילישע אַרעסטאַנטן האָבן מיט קלעפּ אים געצוווּנגען צו טאַנצן אויף אַ טעפּיך. אין האַסטיקן טראַנס פונעם טאַנץ האָבן זיי פּרוזשינעדיק אַ שלעפּ געטאָן דעם טעפּיך פון הינטער אים — און אים אַ צעשלאָגענעם אַראָפּגעשליידערט אויף דער שטיינערנער „פּאָסאַדזקע".

זיי האָבן דערוואָגלט צום ווייטלעכן פּאָלוואַרק. דאָרטן האָט אין אַ טיפן בלאָטיקן בונקער זיך אויסבאַהאַלטן אַ קליין געזעמל פון אומלעגאַל־לעבעדיקע יינגלעך און מיידלעך.

דאָס מיטגעבראַנגטע געלט איז אויסגערונען דורך אַלע שפּאַ־רונעס. די פּויערים האָבן זיך כיטרע קרעמעריש געדונגען פאַרן טאָרבעלע קאַרטאָפל, פאַר ברויט, פאַר האַלטן ס'מויל. ייִדיש עסנ־וואַרג איז „שטרענג באַשלאַגט", ייִדיש לעבן איז אויסטערליש ביליק, דערפאַר איז עס טייער, זייער טייער...

די פאַרמשפּטקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער פינצטערער באַהעלטעניש ווי געדיכטער, פאַרבלאָזער קאַלטער סיראָפּ און זיי אָפּגעגאָסן מיט קלעפּיקער פאַראַליזשירטקייט ביז איבער די גאָרגלען.

דער חלף האָט פינצטער געבלישטשעט אויפן האַלדז און צו

בעטן רחמים איז נישט געווען ביי וועמען. ער, דער חלף, איז געווען קײלעכיק ווי אַ רינג־פײערקע און אַרײנגענומען אין זײַן אָנפּגימה־דיקער אומדערבאַרעמקײט אַלע יונגע ייִדישע העלדזער פון דעם בונקער — פון גאַנצן פוילן־לאַנד.

דאָס ייִנגסטע שוועסטערל איז פּלוצלינג אָנגעגריפן געוואָרן פון אַ צעבושעװעטער היסטעריע.

מיט שאַרף־נעגלדיקע פינגער האָט זי אָפּגעשטופּט פון פּנים די פינקלדיקע באַגנעטן פון די היטלעריסטן, ספּאַזמאַטיש געוויינט און געלאַכט און געריסן זיך פון דעם אַרומקלאַמער פון די באַנומענע פון פּחד חברים אין דער אונטערערדישער באַהעלטעניש.

דער געטרײַער, קלוגער הינט פונעם פויער האָט שטיל און דערוואָרגן געבורטשעט, געדרייט זיך נערוועז אַרום זיך, זײַנע שליפּיעס האָבן געגעפּלט מיט עכט ייִדישן פּחד...

די דראָונג פון טויט דורך דעם מיידלס אויסברוכן איז געוואָרן שײַנבאַרער און נענטער פון דער דרויסנדיקער בלוט־דורשט־ניוכערײַ פון די יונגע פויערשע שפּיצלעס און שמאַלצאָווניקעס.

דער ברודער האָט גענומען צו הילף איינעם פון די חברים — און די שוועסטער דערוואָרגן.

ביי יענעם אונטערערדישן „לעבנס־שטייגער” איז נישט געווען קיין אָרט פאַר געוויסן־פּיינען און קאָשמאַרן. אין איין ברוך־טייל פון וואַכיקער־וואָר איז געווען פאַרקווינט־עסענצט מער טויטשוידער, ווי אין טויזנט נאַכט־האַלוצינאַציעס...

ערשט ווען פוילן איז „באַפרייט געוואָרן” האָבן די שוידער־אַנגסטן אין די נעכט געפונען אָרט אין די געבלוטן און אינעם מוח פונעם אומשולדיק־שולדיקן ייִנגנמאַן.

די שוועסטער איז געשטאַנען ביי זײַן צוקאָפּנס אַ וואַכע, אַן אויסגעצערטע. ווו נאָר דער ערשטער דרימל האָט אַ נעפּל־געטאָן זײַן מיד לייב, האָט זי אים אַ קינדיש־ליכטיקע, אַ שטילע, נאָכ־געשאָטנט, געבריט זײַן פּנים מיט איר אָטעם. פון איר הייסן ווײי איז ער געוואָרן איר צוגעבונדענער שאָטן. זי האָט זיך געשלייכט

העכער איבער דער ערד, פּאַמעלעך און פּאָרזיכטיק, כדי אים נישט צו צעטרעטן. די רעכטע האַנט אירע האָט אומאויפהערלעך געבלאָנקעט איבער זיין האַלדז און ווען זי האָט די האַנט אויף אַ רגע אַוועקגענומען, האָבן אירע פינגער געברענט, מיט ציטערדיקע בלאָע אונטער־פלעמלעך ווי ליכטלעך, וואָס אַ צוג־ווינטל לעשט — און לעשט זיי נישט אויס...

ער איז מיט דער צווייטער לעבן־געבליבענער שוועסטער — אַ שטאָק ברוגזע — אַוועק ווייט ווייט. די דערוואָרגענע שוועסטער האָט, ווי אַ געטרייע נאַכט־וועכטערין נאָכגעוואָרעוועט נאָך זיין וואַנדער און — שוין נישט נאָר אין שלאָף...

אַן אַדורכגעפּייניקטער, מיט אַ טיף־דורכגעפּרעסענעם געפיל פון שולד און בושה, האָט ער נאָך באַוויזן זיך צו פאַרליבן אין אַ שיין מיידל און חתונה־האָבן, געבוירן אַ שטוב מיט פּרעכטיקע קינדער, דערוואָרבן זיך אַ שפּעדיקע פּרנסה, און אין זיך אַליין אַן אַריינגעגראָבענער, געמאַכט טור־רייזעס איבער דער וועלט און צוריקגעקומען אין זיין נייער היים מיטפרייען זיך אויף יידישע היימישע מסיבות און שמחות.

אַז די טעכטער האָבן אָנגעהויבן אונטערוואַקסן, האָבן זיי אָנגעטאָן אויף זייערע פּנימער די צאַרטע ראָזיקייט פון זיין אומגעבראָכטער שוועסטער. האָט ער באַשלאָסן, אַז ער האָט זיין מענטשלעך־יידישן חוב שוין אָפּגעצאָלט — און אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן.

אין דער לעצטער רגע פאַר זיין טויט, האָט די טויטע שוועסטער נאָך באַוויזן אַריינצוהויכן אין אים איר הייסן אָטעם און צומאַכן אים די אויגן.

פרייטיק, דעם 24טן יאַנואַר 1975

אַ געפרוירענער שליסל

שילדקרעטן זענען מיר,
גראָע שילדקרעטן;
האַלב בלינדע נאָמאַדן,
אַרומגעפינצטערט מיט נעכט —
ליכט־שימערדיקע, טויזיקע.
אַרויסגעקנאָטענע פון זאַמדיקע גריבלעך.
אויף די קנאָכיקע הויקערס
מיר טראָגן אונדזערע היימישע שטיבלעך
אַוועק —
אין פאַרלוירענע נע־ונדן.

סוף פון יאָר 1939, פאַרן „שוואַרצן" די גרענעץ קיין ביאַליסטאָק, בין איך פון לאָדזש אַוועק געזעגענען זיך מיט מיין פאַרצווייגטער משפחה אין קליין־ביאַלע. איבער זייערע קעפּ איז געהאָנגען דער געדיכטער שפּינגעוועב פון די דייטשע גראָע טויטן.

קיין דייטשן, אַפילו נישט די היימיש־שטאָטישע „טליקעס" האָט מען נישט געזען, נאָר זייערע דראָענדיקע שוואַרצע גזרן האָבן

נעפלדיק און האַרב זיך געוויקלט אַרום די העלדזער און לייבער פון אַלע ייִדן פון שטעטל און פון יעדן ייִד באַזונדער.

די גאָרגל־קנעפּ האָבן קראַמפּהאַפּט און אומריטמיש זיך געוואָרפן, ווי עס וואָלטן אויף זיי געדריקט פּרוזשינעדיק־עלאַסטישע, גראָב־לעדערנע שנאָלן פון קינדערישע ברוכגאַרטלען.

כ'בין אין אַ פּאָר נאַכט אַריין צו מיין פעטער שלמה זיך געזעגענען מיט אים, מיט זיינע קינדער און אייניקלעך.

דער יונגער בן יחיד זיינער סרולקע, האָט מיר געעפנט די טיר. ער איז געווען אויסגעשמירט מיט עיפּושדיקן קוים און געפּלאָנטערט די טריט.

עס האָט געזעצט פון אים אַן עקלדיק שווערער גערוך. ער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פונעם פּאַלוואַרק פון דעם דייטש שולץ. שולצס פּאַרריסן ־סאַדיסטישע הורן־אייניקלעך האָבן געצוויגען סרולקען אַרויסצוגראַבלען מיט די הוילע הענט אויפן פעלד אַרויס דאָס חזיר־קאַל פונעם כליעוו.

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט אויף צו דערלאַנגען מיר שלום עליכם און העפטיק זי צוריקגעכאַפּט.

— ס'איז צונ'אונדז דערגאַנגען אַ שמועה, אַז די האָסט זיך גענימען שרייבן פּאָעזיעס — האָט ער נאָך עטלעכע רגעס באַנומענעם שוויגן מיר צוגעוואָרפן.

— זאָג נאָר, זיי מוחל, לייבל, דערמאָנסט זיך אפשר דעם טראַף מיטן געפּרוירענעם שליסל?

די שויב האָט גענומען דריבנע ציטערן, דאָס האָט זיסמאַן העשעלעס געקלאַפּט:

— שלמה, קאָנסט שוין פּאַקן די מאַנאַטקעס, אַ גרוס פון הייליקן גואל־צדק, עס קומט אונדזער „אחרית־הימים״...

אין זכרון איז אויפגעשווומען אַן אויסטערלישער עפּיזאָד פון אונדזערע קינדער־יאָרן: דער זיידע האָט צענויפגעטרעבעוועט זיינע עטלעכע פופציק קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך צום בענטשן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל. אין דרויסן האָט האַרב און שטעכעדיק

געפינקלט די פראַסט מיט מילי־מיליאַסן ציטער־שפּילקעלעך. אין שטוב איז געווען אויסטערליש וואַרעם.

מעוז צור ישועתי — דאָס ליכטל אינעם צינענעם חנוכה־לעמפּל האָט מיט זיין אומרויִקן פלעמל זיך איבערגעווערטלט מיט זיין „שמש" וואָס האָט עס אָנגעצונדן; יענער האָט מיט גאווה אָוועקגעדרייט זיין לומדיש־פייערדיקן קאָפּ... דער ערשטער אָוונט פון חנוכה און ליכטלעך, אַזוי פיל ליכטלעך, צעצונדענע אין די בליקן פון קליינע רוישנדיקע קינדער, אין די שוואַרצאַפּלען פון די ראָזלעכע מיידלעך און יינגיטשקע פּרויען.

און נישט נאָר אינעווייניק. פון יענער זייט שויב האָט די פרומע נאַכט אַראָפּגעשיקט אירע „שמשים" — די שטערן. זיי האָבן דאָ פונאַנדערגעצונדן אומצאָליקע חנוכה־ליכטלעך אין די שפּליטערס אייז און אין די שאַרסטקע קאַלטע גרויפּן פון די שנייען.

די פינצטערניש האָט אונטערגעהאָפּסלט, אַנטלויפנדיק מיט גע־ברענטע טריט פון ביאַלע, אין די שכנותדיקע גויִשע דערפער אַריין.

אויף דער פענצטער־לייסט,
ברענען ליכטלעך וויס —
געבענטשט פון זיידן.
פופציק אייניקלעך
שעפּטשן אָמן פרום,
מיט ליפּן רויט און הייס.

די ניינצן יאָריקע בריינדעלע, אַן אייניקל און אַ מאַמע פון אַ זעקס־חדשימדיקע טאָכטער, האָט משלח געווען דעם מאַן אין שטיבל אַריין לערנען „כבתא זקוק לה", איינגעשלעפערט די קליינע שרהלע, שטיל פאַרשלאָסן די טיר און אַריבערגעלאָפן צום זיידנס הייליקע „גאַלוווקע": ס׳אַ מצווה, אַ הימלעכקייט און אַ מאָטלעריי אין איין־און־דער זעלבער צייט.

זי נעמט אַראָפּ פון דער קאָמאָדע איינע פון די קרישטאָלענע קאַראַפינקעס מיט אַן אויער, גיסט אָן טיי פונעם טשייניק אינעם קאַפּל־אויוון און דערלאַנגט דאָס דעם קליינעם ברודער, סרולקע.

— נעם און לויף אַהיים, די קליינע דאַרף זיך אַצינדערט איבער־וועקן, און געדענק אַז דו זאָלסט אין צעחושעניש נישט אַנידערשטעלן די קאַרפּינקע אויפן אייז, זי'ט פּלאַצן, ט'האָסטו דעם שליסל.

סרולקע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ, ס'איז אים איצט נישט ניחא געווען איבערלאָזן די ליכטיקע היימלעכקייט; ס'האָט אים גאַרנישט געהאָלפן, די ראָזע באַפּעלערישע ברײַנדל איז אים געווען אַ שפּיגלשיין פון דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער מאַמע — אַליין שוין אַ מאַמע פון אַ קינד — און אַ פּיטשינק־שעלמיש שוועסטערל, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אים געפּאַטשט מיט אַ פּוכיק קישעלע און אַרויסגעטריבן פון וואַרעמען קינדער־בעטל אין חדר אַרײַן...

ער האָט געכאַפּט די הייסע קאַראַפּינקע מיטן שליסל און איז אַרויס פון דער היימלעכקייט...

פון אַן ערך הונדערט טריט האָט די שטילקייט אים אונטער־געטראָגן דאָס דינע צעצויגענע געוויין פון שרהלען אין וויג; אין פאַרטראַכטעניש האָט ער שיר־נישט אַוועקגעשטעלט די קאַראַפּינקע אויף דער געפרוירענער שוועל, גענומען וואַרפן דאָס פון האַנט צו האַנט, די שפּיץ פינגער האָבן אָפּגעבריטע אונטערגעטענצלט, ער האָט זיי צוגעכאַפּט צום מויל, אַרויפגעהויכט אויף זיי און געבלאָזן.

דאָס שלאָס איז געווען צוגעשרויפט פון דרויסן, אַ שווער־בייכיקער, אַ קוואַדראַטער, אַן אויסטערליש קאַפּריזער, צוגעשלאָסן האָט ער זיך, כמעט לאַסקאַווע, נאָר אויפשליסן — אַ בראָך: ער האָט געסקריפּעט ווי אַ קאָקליוש און געכאָרכלט פאַרדושעט, ווי צען פאַרזשאַווערטע פּורים־גרעגערס — אַ זדעכליאַק פון אַ שלאָס, וואָס בלויז דאָס רעשיקע צעריסענע כראַקען האָט אים דערהאַלטן ביים לעבן.

סרולקע האָט, אין צעטומלעניש, „אויפן שפּרונג", טופּנדיק מיט די פיס אַרויסגעכאַפּט דעם שליסל פון קעשענע, האַסטיק אים אַרײַנ־געשטעקט אין לעכל און מיט די ציין גענומען אויפשליסן.

דאָס שלאָס האָט חוזקדיק איזדיעקעריש צוגעקלעפּט צו זיך די ליפּן, די ציין און די צונג.

דאָס יינגל האָט פיבערדיק אַרויפגעזאָטן הייסן אָטעם, ווי אין פאַרמעסט מיט דער קעלט, איבערצוכיטרעווען דעם זילבער־קלייסטער פון דער פראָסט; דווקא די היץ פון מויל האָט דאָס אייזן מאָמענטאַל איבערגעשמאָלצן און פון ס׳ניי פאַרהאַרטעוועט. דער גאָרגל האָט רוישנדיק געסיקעט ווי אַן אָנגעגליט אייזנדל אין אַ קענדל קאַלט וואַסער.

די קאַראַפינקע איז האַסטיק אַראָפגעשפּרינגען פון די הענט און איידל־קלינגענדיק אַרויסגעבראָכן פון זיך די לויטערע, זיסע וואַרעמקייט און צעקאַליעטשעט.

ס׳איז מיר שווער צו דערמאָנען זיך דורך וועלכן נס אָדער סגולה ער האָט זיין מויל אַרויסבאַשירעמט פון דעם קלעם — כדי שפּעטער זיין אָטעם אויסצולעשן אין די פינצטערע פייערן פון טרעבלינקע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„פּסוק לי פּסוקך״: ערב שחיטות און קידוש השם־תקופות פלעגן יידן זיך ווענדן צו חדר־יינגלעך, זיי זאָלן לאָזן הערן זייערס אַ פּסוק פון דער תורה — און פון דעם געפּרוווט אַרויסכישופן קבלהשע צירופי־שמות און נוטריקונס וועגן געשעענישן און גורלות פון די קומענדיקע טעג. אין מיין פאַרווירטער אומבאַהאָלפנקייט, פּרוו איך אויך מיט עפּעס וואָס דעשיפרירן דעם פאַרהוילענעם קשר צווישן סרולקעס איבערלעבונג אין דער גליווערנדיקער, פּראָסטיקער אכזריות פון יענעם חנוכה־אָוונט און אונדזער שפּעטערדיקער פאַר־משפּטקייט צום טויט.

נאָך דער מלחמה בין איך אַריינגעפּאַרן אין מיטן אַ כסלו־נאַכט אין מיין שטעטל אַריין. די גראָ־לבנהקע פראָסט האָט געקנאַקט מיט אַרויסגעשפּיגענע טשוועקלעך פון די דאַך־שינדלען און זשעדנע גע־כלאָיעט די צעריסענע רינגען פון מיין אָטעם. איך דריי זיך אַרום אין מיין „שפּאַציר־גאַס״ — אַ וואָגלדיקער רויך־קלומפּ, בלינד, אַ געטריבענער — פון וועמען? אַפילו דער ווינט דאָ עקלט זיך מיט מיר, ער ווייסט, איך וועל פון זיך אַליין אויסנעפּלען, פינצטער

און אומבאַמערקט. בין איך דאָ אַ פרעמדער, אַן אייגענער, אַ פאַר־בעטענער פון אַן אַלט־באַקאַנטן ריח פון די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, פון די ווייכע שלווהדיקע גערוישן פון די אַרומיקע טייכלעך ?...

איך פאַרמאָג איצטער גאָרנישט; נישט קיין ווילן, נישט קיין אויג, נישט קיין אויער — בלויז אַן אָנונג, אַ געדעכעניש פון אַ געהער.

די פיבערדיקע ליפּן פאַלן צו צו די היימישע, אייזערנע פּרענטן פון די פענצטער־לאַדנס און געוועלב־טירן... איך רייס אין פאַרבאַ־קענעם פּחד זיי אָוועק, פאַרבלוטיקטע און צעריסענע פונעם ווייך־זילבערנעם ברענענדיקן קלעפּעכץ.

די צעשפּאָלטענע אייז־קאַפּליעס אויפן ברוק מיניען מיט בהלה־דיקע שפּיגל־פלעמלעך פון די ווייטע שטערן. זיי שפּילן זיך דאָ שלעמיש אין חדר־יינגלערישע „יאַגעלעך”, אָדער אין „בלינדע קי”. שניידערישע זיגזאַגיקע קיטל־שטעך אויפן דינעם שעוויאָט פון דער נאַכט.

אין זכרון טויכט אויף אַ דערמאָנונג פון דער קינדהייט: דער טאַטע הויבט אַרויס דעם גרויסן טשוגונענעם טאָפּ מיטן אָפּגעקאָכטן צוקער אויסצוגיסן אויף דער פּלאַטע. איך פאַרקוק זיך אינעם ברייטן עיגול פונעם טליענדיקן פייער אין דער קיך. אויסגעשפּרייט איבער דער פלאַך פון דער רושט, לויפן דערשראָקענע פונקען איבער די האָלעוועשקעס. איין פונק רוימט איין עפּעס אַ סוד דעם צווייטן און שפּרינגט אָוועק. איז עס אפשר געווען מיין ערשטע אָנונג אַז זיי דאַרפן זיין מסתמא די פאַרבלאָנקענע נשמות פון די פאַרברענטע צווייגן, פון די פלאַטערדיקע בלעטער?

אַזוי פיל פונקען, אַזוי פיל בהלה.

דער מאַסיווער קוואַדראַט־שלאָס פון מיין פעטער שלמהס פּרוכנע טיר גלאָצט אויף מיר מיט אַ טויט־זילבערנע בעלמע, איך נייג צו ס'אויער צום שפּאַלט פון גשפּאָלטענעם פילונג. פון אינעווייניק ריזלט צו מיר דאָס ווייכע צעדריוולטע געוויין פון דער קליינער שרהלע אין וויג.

וואָסער וויג פּליצטאָלבן? אינעווייניק כראָפּעט אַ שיכורער מערדער פון די ביאַלער קינדער. ער שנאָרכט ווי אַ חזיר אויף דער ייִנגער ברײנדלס חתונה בעט. די וויג פּוילט דאָ דערנעבן, מיט צעשאָטענע קלעפּקעס אויף אַ קופּע מיסט. אַלע ברוך־שטיקער פון דער וויג ווײַנען מיט שרהלעס געוויין, מיט אַ גאַנצער שטאָטס געוויינען פון יונגע מאַמעס און זויגקינדער — און אַלץ אין מײַן אָרעם לייב אַרײַן.

סרולקע ווינטיקט פלוצעם אַרויס פון אַ שנייִיקן זאַווײ, נישט איך, מײַן פּײַן זעט זײַן ציטערדיקן סילועט. אויפן אָרט ווו ס׳דאַרף זיך געפינען דאָס פּנים, גרײַצערט אין מײַן האַלדז אַרײַן אַ זידנדיק שלשלתדיק העשערײַ, געגוי ווי דעמאָלט, בעתן אַריינשטעקן מיטן מויל דעם שליסל אין געפּרווירענעם שלאָס.

אַרויסווײַנען וויל איך, נאָר אין דער רגע שפּרינגט דער שלאָס ראַפּטום מיר אין גאָרגל אַרײַן. איך הער אַ פּאַרטאַיעט הײזעריק געכאָרכל, פאַרדושעטע גסיסה־גרעגערלעך פון מײַן שטעטלס געשאָכטענע ייִדן.

זיי אָטעמען הייס און טיף אין מײַן ושט אַרײַן און דער האַלדז — אַ שטיין, ער וויל זיך נישט אויפשליסן...

Cumberland County Public Library
Foreign Lang. Collection
Fayetteville, N. C. 28302

אליהו הנביא אין ביאַלע־פּשוט

די סדר־נאַכט אין דרויסן צינדט מיט לבנה־ליכט זיך אָן.
פון פעלדער קומט צו שפּאַנען דער נביא אליהו.

די גמרא זאָגט: אין זיין אָנקום הינטעלעך זיך שפּילן,
נאָר דאָ איז מלאך־המוות־גרויל פון טויזנט הינט, וואָס בילן.

אין וועלכע הייזער ייִדישע איז ער נישט געווען אין חצות,
און אין סדר־נעכט — נישט פאַרזוכט פון זיין כוס?

פון די מעשה־ביכלעך ווייסט ער און פון די קינדער אויך געהערט,
אַז אויף יאָרידן איז ער מחויב צו רייטן אויף אַ פערד,

אין אַ פויערשער סערמענגע מיט אַ ברייטן סטאַן —
דאָס אַלץ האָט ער די קינדער צוליב געטאָן.

אונדזער מלאך ליכטיקער אין טויזנטער געשטאַלטן
האָט נישט אין בלאָ, נאָר אין מענטשן־טומל זיך באַהאַלטן.

אַ קונצן־מאַכער, אויף יאַרמערק פלעגט ער פויערים ווילן,
פאַר ייִנגלעך זיך אַנטפּלעקט און באַשווירן פאַר די טאַטעס
נישט דערציילן.

דעם מהר״ל פון פּראַג האָט ער געוועקט און אַ שם איינגערוימט
שטיל אים —
פון לייס אַ נוקס אויסצוקנעטן אַנטקעגן בלוט־בלבולים.

די מאַראַנענס ווונדן אויסגעקוקט אין אונטערערדישע טאַרטורן־צעלן
אין מערדערישן אינקוויזיצע־לאַנד פון פערדינאַנד און איזאַבעלן.

אַ ליכטיקער אָפּלאַכער פון די געצן, שטיינערנע און ערדענע;
ער, דער פאַרשעלטער פון דער קיניגין איזבל, די נביאים־מערדערין.

איצט קוקט ער אין די פענצטערלעך אַריין מיט אַ פינצטער גערזיכט,
די יום־טוב־טישן פינצטערן אָן ארבע־כוסות און אָן ליכט.

די קרישטאָלענע קאַראַפינקע אין מיסטווינקל פאַרשליידערט.
די אויגן טרערן, ווי מיין טאַטנס, ביים רייבן מרור פאַרן סדר.

די ווענט געשאָליעוועט און דאַך — אַ פאַרשאָלטענער מפולת.
זיין כוס אין די ציינער פון שיכורים מיט גאַרגלדיקע קולות.

פרצופים אויסגעקרומטע מייקענען מיט קללות אויסגעלאָסן,
און די יום־טוב־פרינצן אין דרויסן — באַקיטלט פון לבנהקע אַטלאַסן.

זיי טויכן מיט דער ליכט דורך די לופטשיקעס אַריין
און גיסן אליהוס כוסות אָן מיט ביטערניש און פיין.

די כוסות גאַליקייט זיי דערלאַנגען אליהון,
ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און ליידיקט אויס זיי ביז די דנאָען.

אַ שיכורער פון גיפט, וואַנדלט אום אין שטעטל ער:
— אַ נביא בין איך איך?... אַ וואַגלענדיקער בעטלער!

אַ באַטרונקענער פאַררייסט ער ס׳פּנים קעגן דער לבנה
און הייזעריק ער זינגט: „קומם קהל עדת מי מנה״.

אין געכאַרכל ער ריכט דעם סדר אָפּ אויף יידיש:
— קדש: אַז דער טאַטע קומט פון שיל, ס׳ערשטע מאַכט ער קידוש.

246804FL

דאָ צעווײנט ער זיך אין דער בלאָטע הויך, אַז איך זאָל הערן:
— ק י ד ו ש — די קינדערלעך, חלילה, זאָלן נישט אַנטשלאָפן ווערן...

איך בײג זיך אָן און שרײ, ער זאָל אַ האַנט מיר געבן,
ער ראַנגלט זיך אַ העפּטיקער — וואָס נוצט מיר שוין צו לעבן?

— רבי! — שרײ איך — ס׳איז אַ חרפּה, דער צלם פון אונדז לאַכט:
„אַ ראַבין אין דער בלאָטע מאַדליעט זיך אין דער סדר־נאַכט".

— רבי, דו וועסט זײ נישט באַלעבן שוין מיט דײנע פּײן און לײדן.
געדענק, מ׳וועט נאָך בײ דער נאַכט דעם האַלדז דיר איבערשנײדן,

און שעכטנדיק, נאָך חוזק פון דײנע גרויל־עינויים
און צו מאַרגנס אונדז פאַרשרײען פאַר שוחטים פון נביאים.

נאָר ס׳שרײט דער „תישבי" אַ קרועה־בלועדיקער, מיט אויגן
ברײט פאַרגלײזטע:
— ווער ביסטו, הדיוט נישטיקער, וואָס טרײסטן וואָגט זײן טרײסטער?

און, ווער בין איך? — אַ „פּלג־גוף", אַ גרויער אַלטער שאַרבן!
לאָז מיך אין דער בלאָטע דאָ מיט אַ סדר־ניגון שטאַרבן.

איך הײב אים אויף, ווײל באַשירמען אים פון שטײנער און פון שונאים,
אַ הײב — און ער באַפּליוכעט מיט בראַנדגאַל מיר דאָס פּנים.
איך פאַרוואַרף אים אויף מײן קאַרק, געבויגן מיט פאַרקריצטע צײנער,
מײן נביא דעם געשענדעטן, דעם באַוואַרפענעם מיט שטײנער.

ער ראַנגלט אויף די פּלײצעס זיך און שלאָגט מיך מיט אַ פויסט
און אַזוי טראָג איך אים אַ צעממיתטן פון שטעטעלע אַרויס.

לאָדזש, פעברואַר 1948